STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09886

VOS YIDN HOBN GEGEBN AMERIKE 1654-1954

Jacob Kirschbaum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב קירשבוים

וואס ייִדן האבן געגעבן אמעריקע

1954 — 1654

געשיכטלעכער איבערבליק, וועגן דער אַקטיווער יידישער
באַטייליקונג אין די קאַמפן פאַר דער אַמעריקאַנער
פרייהייט און דעמאָקראַטיע און אין דעם
ווירטשאַפטלעכן און גייסטיק־
וויסנשאַפטלעכן אויפבוי און
אַנטוויקלונג פון לאַנד

אַרויסגעגעבן פון מחבר:
יעקב קירשבוים
2920 וועסט 21טע סטריט
ברוקלין 24, נ. י.

ניו־יאָרק, 1954 — תשי״ד

Jacob Kirschbaum

What JEWS Contributed to the U. S. A.

1654 — 1954

Copyright and Published by the Author

Jacob Kirschbaum
2920 West 21st Street
Brooklyn 24, N. Y.

New York, 1954

מיין פריינט אין לעבן —
ד אָ ר אַ
אַ מתנה.

•

פון זעלבן מחבר זיינען שוין דערשינען:

געשיכטע פון די יידן אין דאַנציק
(דאַנציק, 1924)

„פליכטלינגע און העלדן"
(ניו־יאָרק, 1940)

•

איבערדרוקן, איבערזעצן און פאַרלייענען אויף דער ראַדיאָ, אָן דער דערלויבעניש פון מחבר איז שטרענג פאַרבאָטן.

•

די בילדער זיינען גענומען געוואָרן מיט דער פריינדלעכקייט פון קונסט־דעפּאַרטמענט ביים „פאָרווערטס"

דער שער־בלאַט איז געצייכנט געוואָרן פון לאָלאַ.

אינהאַלט

זייט

אַריינפיר — 5
די יידן אין דער נייער וועלט — 10
אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס — 13
אין די קאַמפן פאַר אַמעריקעס פרייהייט און דעמאָקראַטיע — 20
העכערע רעגירונג־אַמטן — 49
אַרום דעם ווייסן הויז — 55
יידן אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט — 68
פליכטלינגע זיינען אַ ברכה פאַר אַמעריקע — 83
אין דער לאַנדווירטשאַפט — 87
אין דער עפנטלעכער בוי־טעכניק — 91
אין דעם אויפבוי פון וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — 95
פיאָנערן און גרינדער פון מעדיציניש אַנשטאַלטן — 109
יידישע יוניאָנס ווי אַ מוסטער פאַר דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט — 112
אין דער קונסט־וועלט — 135
אין דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג — 152
דער איינפלוס פון דער יידישער מאָראַל — 158

8 זייטן מיט 32 בילדער פון יידישע פערזענלעכקייטן

אַרײַנפֿיר

ווען מיר בלעטערן די געשיכטע פֿון אַמעריקע און מיר מאַכן אַן איבערבליק איבער דער אַקטיווער ייִדישער באַטייליקונג אין די אַמעריקאַנער פֿרייהייט־קאַמפֿן און אין דעם אויפֿבוי און אַנטוויקלונג פֿון פֿאַרשיידענע צווייגן אין עפֿנטלעכן לעבן, זינט די ערשטע ייִדן זײַנען אַהער געקומען אין 1654 ביז ממש צו אונדזערע הײַנטיקע טעג, — וועלן מיר קלאָר און דײַטלעך זען, אַז עס ציט זיך, ווי אַ רויטער פֿאָדעם, איבער דער גאַנצער דרײַ הונדערט יאָריקער ייִדישער געשיכטע די מערקווירדיקע דערשײַנונג, אַז די ייִדישע געשיכטע איז אַן ענג־פֿאַרקניפּטער טייל מיט דער אַלגעמײַנער אַמעריקאַנער געשיכטע. אַזוי ווי די ערשטע פּוריטאַנער זײַנען אַהערגעקומען זוכן אַ נײַ לאַנד, אויפֿצובויען אַ נײַ לעבן, אַזוי זײַנען אויך די הויפּט־ייִדישע אײַנוואַנדערונגען געגאַנגען, אין אַלע זייערע וויכטיקע תּקופֿות. פֿון די קאָלאָניאַלע מאַראַנען־פּיאָנערן, פֿון 1848, פֿון 1881 און 1905! די ייִדישע אײַנוואַנדערער זײַנען אַהערגעקומען געטריבן פֿון אידעאַלן צו לעבן אַ פֿרײַ לעבן, וואָס זאָל זײַן געבויט אין הסכּם מיט זייערע אייגענע גײַסטיקע אינטערעסן, און ניט אַז עס זאָל ווער ווען אויף זיי אַרויפֿצווינגען.

אַוודאי זײַנען געקומען אײנצלנע ייִדישע אימיגראַנטן אין דער אָדער יענער קאָלאָניע נאָך פֿאַר 1654, אָבער יענע אײנצלנע ייִדישע וואַנדערער האָבן פֿאַרלאָזן זייערע היימען צוליב זייער פּערזענלעכער נויט און זאָרגן. זיי האָבן ניט געשטעלט קיין פֿאָדערונגען. זיי זײַנען געווען צעפּרידן, אַז מען לאָזט זיי צורו, זיי זײַנען געווען צעפּרידן, ווען די ניט־ייִדישע עפֿנטלעכקייט באַמערקט זיי ניט. בײַ די ייִדישע אײַנוואַנדערער פֿון 1654, וועלכע זײַנען אַהערגעקומען זוכן אַ מקום־מנוחה, אויף צו קענען רואיק לעבן לויט זייערע אייגענע רעליגיעזע אינטערעסן, זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט געדולדעט צו ווערן, כּדי זיי זאָלן האָבן אָפּצועסן צו דער זאַט אַ שטיקל ברויט, נאָר זיי האָבן געפֿאָדערט זייערע רעכט און אויך זייער פֿליכט צו דעם אײַנוואַנדערונג־לאַנד, און ווען אשר לעווי מיט זײַנע חבֿרים האָבן געזען, אַז מען קומט ניט נאָך זייערע פֿאָדערונגען, האָבן זיי אַליין אויף זיך גענומען

פליכטן און האָבן זיך אָװעקגעשטעלט אין די בירגערלעכע רייען צו זיין אויף דער װאַך קעגן די אַריינדרינגענדיקע אינדיאַנער. זיי האָבן זיך ניט געשעמט צו זאָגן, אַז זיי זיינען ייִדן. אדרבה, עס איז פאַר זיי געװען אַ שטאָלץ צו זיין אַ ייִד און האָבן דאָס באַטאָנט ביי יעדער געלעגנהייט.

דאָס ברענגט ניט בלויז אַ בעסערע אָפּשאַצונג פון ייִדן ביים אַמעריקאַ־נער, נאָר אַ טיפן געפיל, אַז בכלל איז מיט דעם ייִדישן פאָלק ניטאָ זיך וואָס צו שעמען; אַז דער ייִד איז אַ פעסטער תושב אין דער וועלט־ציוויליזאַציע. די ייִדישע פאַרגאַנגענהייט איז גוט פאַרבונדן מיטן לעבן פון אַמעריקע. עס ווערט זייער אָפט איבערגעחזרט פון אַמעריקאַנער היסטאָריקער, געלערנטע און גייסטלעכע, אַז די הויפּט פּאָליטישע אידייען פון אַמעריקע קומען פון תנ״ך. אַלע ווייסן אויך ווי נאָענט די אידייען פון די אַמעריקאַנער וועגן דעמאָקראַטיע, גלייכהייט און גערעכטיקייט זיינען צום תנ״ך. די שייכות פון די ערשטע סעטלערס אין אַמעריקע, איבערהויפּט אין ניו־ענגלאַנד, צום אַלטן טעסטאַמענט ווערט שטענדיק באַטאָנט. אפילו דער פאַקט, אַז פיל פון די ערשטע אַמעריקאַנער האָבן געהאַט ביבלישע נעמען, ווי למשל עזרא, ירמיהו, גמליאל, אביגיל, מרים, אסתר, דבורה א. א. האָבן אַ פּסיכאָלאָגישע ווירקונג. עס זיינען פאַראַן מער פּעדעם, וואָס זיינען געצויגן צווישן דער נייער אַמעריקע מיט דער אַלטער יהודה ווי ווילסאָן האָט עס אָנגערופן, ווי אין אַנדערע לענדער. דער פּסוק פון תנ״ך איז אין דער אַמעריקאַנער שפּראַך און אין עפנטלעכן לעבן מער איינגעקריצט, ווי אין אַנדערע שפּראַכן און לענ־דער. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אויף דעם גלאָק פון פרייהייט (די ליבערטי בעל) וואָס איז אין דעם „אינדעפּענדענס האָל״ אין פילאַדעלפיע, געפינט זיך דער פּסוק: „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה״ (ויקרא כ״ה, י) — איר זאָלט אויסרופן פרייהייט פאַר אַלע איינוואוינער אין לאַנד.

שוין אין יאָר 1640, ווען די קאָלאָניאַלע פּיאָנערן זיינען געווען ניט מער ווי צוואַנציק יאָר אין דער נייער וועלט, אין אַ שווערער צייט פון אַנטוישונגען, הונגער, שרעק פאַר אינדיאַנישע איבערפאַלן און אַנדערע קריזיסן, האָבן זיי געפונען פאַר נויטיק אָפּצודרוקן אַלס דאָס ערשטע בוך אין דער נייער וועלט אַן ענגלישע איבערזעצונג פון אונדזער ספר תהילים. די פאָררעדע אַנט־האַלט אין זיך אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער העברעאישער פּאָעזיע און שפּראַך (די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן דירעקט פון העברעאישן אָריגינאַל). אין בוך ווערן באַנוצט העברעאישע געדרוקטע בוכשטאַבן, ווי למשל, אין קאַפּיטל תהילים קי״ט, וואו אַלע פּסוקים גייען נאָכן אלף־בית. אין יענער

צייט איז נאַטירלעך אין די קאָלאָניעס ניט געווען קיין העברעאישע שריפט, האָט מען די בוכשטאַבן ספּעציעל געשניטן אין האַלץ פאַרן דאָזיקן בוך.

אונדזער תהילים איז געוואָרן אַ טאַשן־בוך פון יעדן קאָלאָניסט, סיי אין זיין היים נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג און סיי ווען מען האָט זיך פאַרזאַמלט אין די קאָמיוניטי־הייזער, האָבן זיי געלייענט און געזונגען די פאַרשיידענע מזמורים, אָדער ווי זיי ווערן אָנגערופן פּסאַלמעס. און ביזן היינטיקן טאָג זיינען די קאַפּיטלעך תהילים דער יסוד פון די רעליגיעזע סערוויסעס אין די פּראָטעס־טאַנטישע קירכן. דאָס זעלביקע איז אויך מיט אונדזער שבת. ביז צום היינטיקן טאָג ווערט דאָס זונטיק־רו־געזעץ אָנגערופן „סאַבאַט־לאָא״. דער זונטיק איז אָפּגעהיט געוואָרן לויט די דינים פון שבת, ד. ה. פון זון־אונטער־גאַנג ביז זון־אונטערגאַנג און קיין אַרבעט איז ניט געטאָן געוואָרן.

אויך אַ צווייטער פּסוק פון תנ״ך האָט אַ גרויסן שייכות צו דער אַנט־וויקלונג פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק און דאָס איז דער „למחיה שלחני״ (בראשית מ״ה, ה). יעדער ווייסט דאָך די ביבלישע פּאַסירונג, ווען יוסף האָט זיך דערקענט צו זיינע ברידער אין מצרים און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך אין זיי נוקם זיין. האָט יוסף צו זיי געזאָגט, עס זאָל אייך גאָרניט פאַרדריסן, ווייל למחיה שלחני — גאָט האָט מיך פריער אַהערגע־שיקט, כדי איך זאָל אייך קענען שפּייזן. אין דעם ליגט דער יסוד פון אַמע־ריקעס גרויסקייט און אין דעם איז פאַרבונדן דער גורל פון אַמעריקאַנער יידנ־טום. אויך אויף דעם געביט איז פאַראַן אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער געשיכטע מיט דער יידישער. סיי די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער און סיי די יידן פילן, אַז מיר זיינען דאָ אין אַמעריקע כדי אויסצופירן אַ שליחות, אַ מיסיע, — צו ראַטעווען אונדזערע שוועסטער און ברידער אין די נויטליידנדיקע לענדער. אַזוי איז אויך די אַלגעמיינע אַמע־ריקאַנער מיסיע צו זיין די פירערין פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע.

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון היימלאָזע, פליכטלינגע און וואַנדערער, האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הויך פון דער יידישער פאָלקס־אויפגאַבע, דורך דעם „דזשאָינט״ און „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ צו געבן ברידערלעכע הילף צו אַלע נויטליידנדיקע און הילף־באַדערפ־טיקע . . .

און נאָך אויף אַ וויכטיקן פאַקט איז ווערט זיך אָפּצושטעלן. דאָ אין אַמעריקע, וואו דער יסוד פון דערפאָלג אין פאָלקסווירטשאַפטלעכן זין ליגט אין דעם פּרינציפּ, אַז דער וועג צום העכסטן דערפאָלג איז אָפן פאַר יעדן מוטיקן און דרייסטן, אַז דאָ ווייסט מען ניט פון קיין יחוס, קאַסטע, אָפּשטאַמונג,

רעליגיע און ראַסע, דאָ געפינען זיך פאַרטרעטער פון אַלערליי פעלקער, ראַסן, קאָלירן פון הויט, שפּראַכן און קולטורן פון אַלע עקן פון דער וועלט — דאָ האָט דער יידישער זשעניע, וואָס איז געווען געבונדן אין די רעאַקציאָנערע לענדער, באַקומען די מעגלעכקייט פריי זיך צו אַנטוויקלען. אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַהער געקומען אָן אַ פעני אין דער טאַש, אָבער מיט מוט און ענערגיע, מיט דעם ווילן אויפצובויען אַ ניי לעבן, זיינען געגאַנגען אַלץ העכער און העכער אויף די שטאַפּלען פון גליק. מען האָט זיך ניט גערעכנט, צי עס געפעלט ניט דעם אָדער יענעם. דער ייד האָט זיך דאָ געפילט אַזוי פריי און זיכער ווי דער ניט־ייד און ווען דער ניט־ייד האָט זיך קעגנגעשטעלט, האָט דער יידישער אימיגראַנט זיך ניט דערשראָקן, נאָר אויפגענומען דעם קאַמף ווי צוויי גלייכע. דזשעיקאָב שיפס ווירטשאַפט־קאַמף קעגן דזש. פּ. מאָרגאַן האָט עס אַמבעסטן אילוסטרירט.

אָט די דאָזיקע פאַקטן האָבן אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף דער גאַנצער יידישער איינוואַנדערונג און אויפבוי פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. אויך די ערשטע אימיגראַנטן־גרופּן פון דייטשלאַנד און פון רוסלאַנד זיינען אַהערגעקומען מיט אידעאַלן צו לעבן אַ פריי פּאָליטיש און גייסטיק לעבן לויט די אייגענע אינטערעסן און ניט ווי די רעאַקציאָנערע רעגירונגען האָבן געוואָלט אויף זיי אַרויפצווינגען. יעדע גרופּע האָט, אויף איר שטייגער, ניט געוואָלט באַהאַלטן, אַז זיי האָבן גייסטיק־קולטורעלע אינטערעסן און געגומען בויען אַן אייגענע קולטור, וואָס זאָל זיין אַ רינג אין דער פאַרשיידנאַרטיקער קייט פון דעם פעלקער־פאָלק — אַמעריקע.

עס איז דעריבער קלאָר, אָן וועלכעס עס איז צווייפל, אַז דער יידישער ישוב, וואָס ציילט ניט מער ווי דריי און אַ האַלבן פּראָצענט לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג־צאָל, איז שטאַרק פאַרצווייגט אין לאַנד און אַז דאָס אָפיציעלע וואַשינגטאָן, ניט קוקנדיק ווער עס געפינט זיך אין ווייסן הויז, איז זיכער דעריך, אַז די יידן זיינען לאָיאַלע בירגער, וועלכע זיינען שטענדיק גרייט אָוועקצוגעבן זייער לעבן פאַר דעם היימלאַנד. יידן געפינען זיך אין גאָר ענגסטן קרייז פון פּערזענלעכע פריינט פון פּרעזידענט אייזענהאַוער, ווי עס זיינען געווען גאָר נאָענטע יידישע פּערזענלעכע פריינט פון ווילסאָן, רוזוועלט, טרומאַן און פון די פריערדיקע פּרעזידענטן.

דאָס בוך, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון די לעזער, פּרעטענדירט ניט צו זיין קיין ווערק פון דער געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע. עס איז

ניט מער ווי אַ פּרוּוו צו געבן אַ געשיכטלעכן איבערבליק פון דעם, וואָס יידן האָבן געשאַפן אויף פאַרשיידענע געביטן. עס איז בכלל דאָס ערשטע בוך אויף דעם געביט אויף יידיש און ס'איז דער וואונטש פונעם מחבר, אַז דאָס בוך זאָל באַקענען דעם פאָלקס־מענטש, כאָטש מיט אַן איבערבליק וועגן די דריי הונדערט יאָר, וואָס די יידן האָבן געקעמפט און געבויט אין דעם נייעם היימלאַנד.

דאָס מאַטעריאַל איז געזאַמלט געוואָרן פון אַלע מעגלעכע קוואַלן: פון די יאָר־ביכער פון דעם יידישאַמעריקאַנער קאָמיטעט, ענציקלאָפּעדיעס, ביבליאָטעקן, אַלטע צייטונג־קאָמפּלעטן, זשורנאַלן, אַלמאַנאַכס און לויט אָנוויי־זונגען פון אַ רייע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען אַקטיוו אין עפנטלעכן יידישן לעבן, פאַרוואָס דער מחבר דאַנקט זיי האַרציק.

ניו־יאָרק, 15טן אויגוסט, 1953. — י. ק.

די יידן אין דער נייער וועלט

די שפּאַנישע תּקופֿה אין מיטלאַלטער, פֿון אַן ערך דעם יאָרטויזנט ביזן סוף פֿון 15טן יאָרהונדערט, האָט געהערט צו די גלענצנדיקסטע תּקופֿות אין לעבן פֿון יידישן פֿאָלק. פֿון אברהם אבן יעקב דורך ר׳ שמואל הנגיד, ר׳ יהודה הלוי, אברהם אבן עזרא, ר׳ חסדאי קרשקש ביז דון יצחק אברבנאל און ר׳ אברהם זכות־זאַקוטאָ, האָט זיך געצויגן די גאָלדענע קייט פֿון די גרויסע יידישע געלערטע, דיכטער, הויכע מלוכה־לייט און די גרעסטע יידישע מעדיצינער און געאָגראַפֿן. שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן געשמט מיט די גרויסע קהלות און אַריסטאָקראַטיש־יידישע פֿאַמיליעס. אין יעדן קעניג־לעכן הויף איז געווען אַ יידישער מיניסטער, וואָס האָט זיך איינגאַנצן איבער־געגעבן לטובֿת דער מלוכה, די מלוכה־אוצרות זיינען פֿון די יידן איבערפֿולט געוואָרן מיט גרויסע פֿאַרמעגנס — און דאַך איז געקומען דער טראַגישער גירוש. די יידן האָבן געמוזט נעמען אין 1492 דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט אַריין און וואַנדערן. דאָס זעלביקע איז געשען מיט פֿינף יאָר שפּעטער אין פּאָרטוגאַל.

נאָכן גירוש פֿון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע יידן האָט זיך אַ גרויסער טייל באַזעצט אין איטאַליע, האָלאַנד, דייטשלאַנד, פּוילן און טערקיי. דעם יידישן מלוכה־מאַן און גרויסן רעליגיעזן פֿילאָזאָף, דון יצחק אברבנאל, האָט דער שפּאַנישער קעניג געוואָלט לאָזן בלייבן וואוינען אין שפּאַניע, ווייל מען האָט אָנערקענט זיינע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער מלוכה, אָבער ער האָט דערפֿון ניט געוואָלט וויסן. ער מיט זיין פֿאַמיליע זיינען אַוועק צוזאַמען מיט די גולי־ספֿרד און זיך באַזעצט אין נעאַפּאָל און דערנאָך אין סיציליע, איטאַ־ליע. די, וועלכע זיינען אַוועק קיין טערקיי, האָבן זיך מייסטנס קאָנצענטרירט אין צפֿת, וועלכע איז געווען די גרעסטע קהלה, און אין דער אַלטער קבלה־שטאָט האָט מען געהאָפֿט אויף משיחן און אַז מען וועט אויך ווייטער קענען האָבן פֿרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. איינער פֿון די פּאָרטוגעזישע מאַ־ראַנען, ר׳ לוי בן יצחק חביב, וועלכער האָט, אויסער גרויס בקיאות אין דער תּורה, אויך געקענט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, איז צוריק געוואָרן אַ ייד, און דערנאָך אויך דער רבֿ פֿון ירושלים.

אַ גרויסער טייל פֿון די מאַראַנען האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו די אינדזלען

פון דער נייער וועלט, — אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זיי זיינען געווען די ערשטעווירטשאַפט־פּיאָנערן אין די פאַרשיידענע האָלענדיש־אַמעריקאַנער אינדזלען. פיל פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין די סט. טאָמאַס אינדזלען, אין וועסט־אינדיע, און געשטאַנען אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט די רייכע יידישע קהלות אין האָלאַנד. גרויסע גרופּן זיינען געווען פּיאָנערן אין דער צוקער־ווירטשאַפט. אין 1550, ד. ה. אַרום 50 יאָר נאָכן גירוש, זיינען שוין דאָרט געווען זעכציק צוקער־פּלאַנטאַציעס, וועלכע האָבן יערלעך פּראָדוצירט ביז פינף הונדערט טויזנט צענטנער צוקער. די מאַראַנען זיינען אויך געווען די ערשטע ווירטשאַפט־פּיאָנערן אויפן ניי־אַנטדעקטן בראַזילישן באָדן. ווען האָלאַנד האָט עס צוגענומען ביי די שפּאַניער, זיינען אַהין געקומען די מאַראַנען און אַנטוויקלט גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע האַנדל־ און עקספּאָרט־מעגלעכקייטן, האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער עקספּלואַטאַציע און קולטיווירן פון הייל־מיטלען, איידעלע מעטאַלן און אַנדערע קאָלאָניאַלע אַרטיקלען. אין 1624 איז שוין דאָרט געווען אַ גרויסע און רייכע רעליגיעזע קהלה מיט אַ פאַרצווייגט יידיש לעבן.

דאָס זעלביקע איז אויך געווען אין די ענגלישע און פראַנצויזישע וועסט־אינדישע קאָלאָניעס, וואו יידן האָבן מיט פלייס און ענערגיע געשאַפן גרויסע צענטערן פון עקספּאָרט און אַגריקולטור. די ענגלישע רעגירונג האָט געשלאָסן מיט די יידישע פּלאַנטאַטאָרן וויכטיקע טראַנזאַקציעס. זינט 1676 זיינען יאָר־יערלעך אָוועקגעשיקט געוואָרן 400 שיפן קיין ענגלאַנד מיט פאַרשיידענע עקספּאָרט־פּראָדוקטן. ווען די קריסטלעכע קאָנקורענטן האָבן זיך געווענדט צום ענגלישן גאָווערנאָר מיט אַ פּעטיציע, אַז די יידן מאַכן זיי קאָנקורענץ און דעריבער דאַרף די רעגירונג זיי אַרויסטרייבן, האָט ער זיי געענטפערט, אַז די יידן זיינען די בעסטע אונטערטאַנען און זיי גע־ניסן זיין פולע שוץ. אויך אויף די פראַנצויזישע קאָלאָניעס האָט מען גע־מאַכט גוטע דערפאַרונג מיט די יידישע פּיאָנערן. אין אַ באַריכט פון 1701, פון פאַריזער האַנדלס־ראַט, ווערט געזאָגט, אַז פראַנקרייכס שיף־פאַרקער צווישן דער מוטערלאַנד און די קאָלאָניעס האָט מען צו פאַרדאַנקען דער עק־זיסטענץ און גלענצנדיקער אַנטוויקלונג פון די יידישע צוקער־פּראָדוצענטן און נאָר אַדאַנק זיי קען דער שיף־פאַרקער אויפגעהאַלטן און פאַרגרעסערט ווערן.

די אַלע אייראָפּעאישע לענדער, אויך די איינגעבוירענע באַפעלקערונג־גרופּן פון די קאָלאָניעס, וועלכע האָבן געהערט צו די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע רעגירונגען, האָבן שטענדיק געהאַט דעם מיטהילף פון די אייניקלעך פון די

שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, ווען מען האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע הערשער, וועלכע האָבן דאָרט מיט גע־וואַלט פאַרכאַפּט די מאַכט. עס האָט געהערשט אַ געפיל פון נקמה אין דער אינקוויזיציע, וועלכע האָט פאַרברענט זייערע יידעס אויף די שייטערהויפנס און געפייניקט אין די אינקוויזיציע־קאַמערן. עס איז פעסטגעשטעלט גע־וואָרן, אַז אין די אָדערן פון די גאָר פרומע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס אין די פאַרשיידענע צענטראַל־ און סאַוט־אַמעריקאַנער לענדער פליסט יידיש בלוט און ביי אַ סך פון זיי האָט זיך געפונען אַ סענטימענט צו די היטלער־קרבנות, וועלכע האָבן אין די לעצטע צוואַנציק יאָר אַהין איינגעוואַנדערט.

ווען מען דענקט נאָך מיט דער פולער ערנסטקייט דאָס קאַפּיטל יידן אין דער נייער וועלט, זעט מען קלאָר דעם גרויסן נס, וואָס איז אַנטשטאַנען באַלד ביי די ערשטע שריט אין דער נייער וועלט. קען מען זיך דען פאָר־שטעלן, ווי עס וואָלט אויסגעזען די היינטיקע לאַגע אין דער אינטערנאַציאָ־נאַלער וועלט בכלל און ביי יידן בפרט, ווען די רעאַקציאָנערע און פאַנאַטיש־פינצטערע שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די אַמעריקאַנער אינדזלען נאָכדעם ווי קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט די נייע וועלט, וואָלטן נאָך היינט געווען די בעלי־בתים אין אַמעריקע?

עס ווערט איבערגעגעבן, אַז ווען האָלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן אַלץ מער אַרויסגעטריבן די שפּאַניער און פּאָרטוגעזער פון די פאַר־כאַפּטע קאָלאָניעס, האָבן זיי פּראָטעסטירט צום פּויפּסט. דערויף האָט דער פראַנצויזישער קעניג פראַנציסקאָ דער ערשטער געענטפערט, — ווייזט מיר די צוואה פון אדם הראשון, אַז איר זייט זיינע יורשים. מיר אַלע זיינען קינדער פון גאָט און מיר אַלע האָבן דאָס פולע רעכט צו געניסן פון גאָטס וועלט.

אויך אויפן צפון־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט האָט פראַנקרייך, אין 1534, פאַרנומען קאַנאַדע, ענגלאַנד האָט אין 1585 געשאַפן די ערשטע קאָלאָניע, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן ווירדזשיניאַ, און אין 1609, האָט העברי האַדסאָן אָנגעפירט אַ האָלענדישע עקספּעדיציע, האָט אַנטדעקט דעם ריווער, וואָס טראָגט איצט זיין נאָמען דער „האַדסאָן". די האָלענדער האָבן פאַר־וואַנדלט די ברעגעס אַרום דעם האַדסאָן, דאָס היינטיקע ניו־יאָרק און ניו־דזשורזי אין אַ האָלענדישער קאָלאָניע, מיט די נעמען ביי נידערלאַנד און ניי־אַמסטערדאַם. דאָ אויף דעם קליינעם אינדזל מאַנהעטן איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דעם, קיין עין הרע, העכער פינף מיליאָניקן יידישן ישוב פון אַמעריקע!

אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס

מיר האָבן אַ לעגענדע, אַז אין תשעה־באב, אין טאָג פון חורבן, איז געבוירן געוואָרן דער משיח. שוין אין חורבן הויבן זיך אָן די ערשטע סימנים פון רעטונג און אויפבוי. אויך אין תשעה־באב פון 1492, אין שווערן חורבן טאָג פון גירוש־שפּאַניע און קאָלאָמבוס איז צו מאָרגנס אַרויס מיט זיין עקספּעדיציע איז געבוירן געוואָרן די נייע וועלט, דאָס גרויסע פרייע אַמעריקע. און אין 1654, ווען פּאָרטוגאַל האָט צוריק צוגענומען ביי האָלאַנד די בראַזילישע קאָלאָניעס און דאָרט צוריק איינגעפירט די אינקוויזיציע קעגן די מאַראַנען, — איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון אונזער גרויסן אידישן צענטער, וואו עס געפינען זיך איצט העכער פינף מיליאָן יידן, קיין עין הרע, און דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט, אַז זיי זיינען די טרייסטע באַשיצער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. זיי זיינען שטענדיק פון די ערשטע ביים פאַרטיידיקן, אויפבויען און אַנטוויקלען אַלע לעבנס־וויכטיקע צווייגן פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

עס איז איינע פון די מערקווירדיקסטע געשעענישן אין דער ידישער אַמעריקאַנער געשיכטע, וואָס גראָד דאָס קליינע האָלאַנד האָט באַקומען איינ־פלוס ביי דער אַנטשטייאונג פון אינדזל מאַנהעטן, וועלכער איז אויסגעוואַקסן צו דער וועלט־באַרימטער וואונדערלעכער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק. האָלאַנד איז פון שטענדיק אָן געווען אַ טשעמפּיאָן פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ. די טויערן פון לאַנד זיינען אָפן פאַר פאַרפאָלגטע און געטריבענע. אַמסטערדאַם האָט מען געהאַלטן פאַר דאָס נייע ירושלים.

האָלאַנד האָט בכלל געשפּילט אַן אומגעהויער וויכטיקע ראָל ביי דער אַנטשטייאונג פון דעם גרויסן צענטער פון דער נייער וועלט. ווען דער ענגלי־שער קעניג דזשעימס דער ערשטער האָט דערקלערט, אַז ער האָט „געטלעכע רעכט״ און ער האָט אַרויפגעצוואונגען אויף זיינע אונטערטאַנען, אַז זיי זאָלן פירן זייער רעליגיעזן לעבן נאָר לויט די באַשטימונגען פון פּויפּסט און ער האָט פאַרפאָלגט די פּוריטאַנער, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט רעליגיעזע פרייהייט צו קענען פירן זייער לעבן לויט זייער אייגענעם רעליגיעזן געוויסן — אַזוי האָט זיך אין 1608 אָנגעהויבן אַן אַרויסוואַנדערונג פון ענגלאַנד קיין האָלאַנד, וועלכע האָט פריי געעפנט אירע טויערן פאַר די רעליגיעז־פאַרפאָלגטע און

דאָרט האָבן די פוריטאַנער געהאַט די מעגליכקייטן רואיק און אומגעשטערט צו לעבן לויט זייערע אייגענע רעליגיעזע איבערצייגונגען.

עס איז אָבער פאַר זיי אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם, וואָס איז אונדז אַזוי גוט באַקאַנט. גראַד דאָס פרייע, קולטורעלע לעבן, וואָס די ענגלישע פוריטאַנער האָבן געהאַט אין האָלאַנד, האָט זיי פאַרשאַפט פיל זאָרג. די יוגנט, וועלכע האָט געלערנט אין די האָלענדישע אוניווערסיטעטן פון האַאַג, אַמסטערדאַם, ראָטערדאַם און אין אַנדערע שטעט, זיינען אַלץ מער אַריין אין דער האָלענ־דישער קולטור. זיי האָבן אַלץ מער און מער פאַרגעסן אין דער ענגלישער שפּראַך, מנהגים און אייגענע נאַציאָנאַלע ימים־טובים. די פוריטאַנער האָבן דעריבער פיל געזאָרגט וועגן זייער צוקונפט. די מורא, אַז די ווייטערדיקע דורות וועלן אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם ענגלישן אַפּשטאַם. אַזוי איז גע־קומען די לאָזונג — אַוועק אין דער נייער וועלט! אין אַ מדבר, וואו עס איז ניטאָ קיין הערשנדיק פאָלק מיט אַ הערשנדיקער שפּראַך און קולטור, וועלן זיי קענען אויפבויען אַן אייגן נאַציאָנאַל־רעליגיעז לעבן און ווייטער קענען בלייבן אַ טייל פון דער ענגלישער נאַציע. — אַזוי ווי מיר יידן האָבן גע־פונען אַ לייזונג אין אונזערן אַן ענלעכן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, וואָס האָט געפירט צו דער שאַפונג פון מדינת ישראל.

אין דער האָלענדישער שטאָט לעידען האָבן די פוריטאַנער, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן די „פּילגרימער", אָרגאַניזירט די איבערוואַנדערונג אין דער נייער וועלט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1620 מיט דער היסטאָריש־באַרימטער „מעיפלאַוער". אַמעריקע האָט אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אין לעידען צום אָנדענק פון דעם דאָזיקן וויכטיקן אַקט.

אויף נאָך אַ געביט האָט האָלאַנד אַן ענגע שייכות מיט דער אַנטשטייאונג פון דער נייער וועלט. ווען די קאַטוילישע־פּרומע לענדער: שפּאַניע און פּאָר־טוגאַל האָבן צווישן זיך אָנגעהויבן איינצוטיילן די ניי־אַנטדעקטע אינדזלען אין דער נייער וועלט און דאָרט זיך פאַרשפּרייט מיט זייער רעליגיעזן פאַנאַ־טיזם, האָט האָלאַנד, וועלכע איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע לענדער אויפן ים, אָנגעהויבן אַן אָפענעם קאַמף. זי האָט ביי זיי צוגענומען פילע אַמע־ריקאַנער אינדזלען און דאָרט באַפעסטיקט די האָלענדישע מאַכט. אַזוי איז געקומען צו דעם, וואָס האָלאַנד איז אין 1631 געוואָרן די באַזיצערין פון דער גרויסער בראַזילישער פּראָווינץ פערנאַמבוקאָ, האָט דאָרט אַריינגעלאָזט די גולי־ספרד, — די פון שפּאַניע אַרויסגעטריבענע מאַראַנען — און עס האָט דאָרט זיך צעבליט אַ רייך יידיש לעבן. פּאָרטוגאַל האָט אָבער אונטערגענער־

מען אַ נייעם קאַמף און בראַזיליע איז פון האָלאַנד צוריק איבערגעגאַנגען צו דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג.

ווען די האָלענדישע יידן האָבן זיך דערוואוסט, אַז בראַזיליע מוז צוריק־געגעבן ווערן צו פּאָרטוגאַל און עס איז אַנטשטאַנען אַ געפאַר פאַר די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט דאָרט באַזעצט און אויפגעבויט גרויסע קהלות, — אַזוי האָבן זיי זיך באַמיט, אַז די בראַזילישע יידן זאָלן זיך באַזעצן אין האָלענדישע קאָלאָניעס אַרום דעם אַטלאַנטישן ים, צווישן זיי אויך אין דער האָלענדישער קאָלאָניע — ניי־אַמסטערדאַם, אונדזער מאַנהעטן.

דעם 22טן אויגוסט, 1654, איז אַהער אָנגעקומען דער ערשטער ייד, יעקב בר סאַמסאָן, — יעקב דער זון פון שמשון. ער איז אַרויסגעפאָרן פון בראַזיליע אַלס „דעלעגירטער", זיך צו באַקענען מיט די באַדינגונגען אין דער האָלענדי־שער קאָלאָניע. 9 חדשים שפּעטער זיינען אָנגעקומען 29 מענער, פרויען און קינדער. צווישן זיי האָבן זיך געפונען: אשר ליוואי, דוד איזראַעל, אברהם דע ליסענאַ, מאָזעס אַמבראַזיוס, אברהם דע לאַ סימאָן, סאַלוואַטאָראַ דע אַנדראַ־דאַ, יעקב כהן, יצחק מאָזעס, יעקב הענריקאַ, דוד פרערי און יוסף דע קאַסטראַ. זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט אַהער. אָרעם, נאַקעט, קוים מיט די נשמות, אָבער פול מיט בטחון און גלויבן, אַז ווען זיי וועלן קענען זיין פרייע יידן און פרייע מענטשן, וועלן זיי אויך קענען באַזייטיקן אַלע שוועריקייטן, וואָס זיי וועלן האָבן אין זייער וויטערדיקן לעבן אין דעם נייעם היימלאַנד.

די געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע איז פּאַקטיש ענג־פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער געשיכטע פון קאַמף פאַר פרייהייט און אומ־אָפּהענגיקייט, אויפבוי און אַנטוויקלונג פון לאַנד. ווען זיי זיינען נאָך ניט געווען דאָ קיין פולן יאָר צייט, האָבן די יידן זיך באַמיט צו האָבן די זעלביקע רעכט און פליכטן, ווי אַלע אַנדערע קאָלאָניאַלע פּיאָנערן. ביים באַשיצן זיך קעגן די אינדיאַנער און אויפבויען די קאָלאָניאַלע ווירטשאַפט. זיי האָבן אויפגענומען אַ קאַמף קעגן דעם האָלענדישן גאָווערנאָר פּיטער סטייוועסאַנט, וועלכער איז געווען אַ פאַנאַטישער פּראָטעסטאַנט און ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין דער קאָ־לאָניע מענטשן פון אַן אַנדער רעליגיע, און דעריבער האָט ער געמאַכט די יידן פאַרשיידענע שוועריקייטן. די יידן האָבן זיך פאַר אים גאָרניט דערשראָקן. זיי האָבן געשיקט פּראָטעסטן צו דער האָלענדיש־וועסטאינדישער קאָמפּאַניע, וועלכע איז געווען די אייגנטלעכע באַזיצערין פון דער קאָלאָניע און געפאָדערט זייערע רעכט. רייכע האָלענדישע יידן זיינען געווען באַטייליקט אין דער זעלביקער קערפּערשאַפט און זיי האָבן אונטערשטיצט די יידישע פאָדערונגען.

אין חודש יולי, 1656, האָט איינער פון די מאַראַנען, אשר ליוואי, זיך געווענדט צום גאָווערנאָר מיט אַ פּעטיציע, אים צו דערלויבן אַנטייל צו נעמען ביים היטן די וואַנט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן כדי זיך צו באַשיצן פון די אינדיאַנער. נאָכדעם ווי די פּעטיציע איז אָפּגעזאָגט געוואָרן, האָט אשר ליוואי מיט נאָך אַנדערע יידן זיך געשטעלט צו היטן די וואַנט, אַזוי ווי די ניט־יידישע קאָלאָניסטן. דאָס האָט געמאַכט אין דער קאָלאָניע אַ שטאַרקן איינדרוק. אויך סטייוועסאַנט האָט געזען, אַז די יידן ווילן זיך ניט אָפּזאָגן פון אַלע זייערע מעגלעכע רעכטן און פליכטן, וואָס זיי דאַרפן האָבן אַלס האָלענדישע בירגער און קאָלאָניאַלע פּיאָנערן.

ערשטער יידישער בירגער

דעם 8טן נאָוועמבער, 1656, איז דערלויבט געוואָרן, אַז יידן זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער „בירגער־וואַך״, דעם 11טן אַפּריל, 1657, איז אשר ליוואי געקומען אין געריכט מיט אַ פּעטיציע צו ווערן אַ „בורגהער״, ד. ה. צו ווערן אַ פולשטענדיקער בירגער, און אין צען טעג אַרום איז שוין אָנגעקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער. דעם 21טן אַפּריל, 1657, איז אַרויס דער ערשטער היסטאָרישער דעקרעט, וואָס האָט געגעבן פּאָליטיש־בירגערלעכע רעכט די יידן אין ניו־יאָרק, און מיט דעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע.

מיר באַגעגענען שוין אשר ליוואי אַלס דעם ערשטן יידישן לאָיער. יידן האָבן אַרויסגעוויזן אַ פּיאָנערישן אונטערנעמונג־גייסט אין פאַרשיידענע אינדוסטריעס און אין האַנדל מיט די אַנדערע אַטלאַנטישע קאָלאָניעס און אייראָפּע. אין יעדן פּאַרט האָבן זיך געפונען יידן, וועלכע האָבן, מיט זייער דערפאַרונג און געוואַגטקייט, געבראַכט גרויס נוצן דער קאָלאָניאַלער ווירטשאַפט. אויך די אינדיאַנער, וועלכע האָבן אין אַלגעמיין ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די ווייסע קאָלאָניסטן, ווייל זיי האָבן פאַרדעכטיקט, אַז מען וויל אַלץ ביי זיי צונעמען, — האָבן דערפילט, אַז מיט יידן קען מען האַנדלען. היימאַן ליוואי, וועלכער האָט אָפּגעקויפט רויע פּראָדוקטן ביי די אינדיאַנער, איז פון זיי ממש פאַרגעטערט געוואָרן. זיי האָבן געהאַט צו אים דעם גרעסטן צוטרוי. ביי דעם זעלביקן היימאַן ליוואי האָט געאַרבעט דזשעיקאָב דזשאָן אַסטאָר, דער שטאַמפאָטער פון דער מיליאָנערן־פאַמיליע אַסטאָר, פאַר פינף דאָלאַר אַ וואָך.

מיטן איבערגאַנג פון מאַנהעטן צו די ענגלענדער, ווען מען האָט געענדערט דעם נאָמען פון ניי־אַמסטערדאַם אויף ניו־יאָרק, האָבן יידן באַקומען גרעסערע מעגלעכקייטן אַרויסצעווייזן זייערע אונטערנעמונג־פעאיקייטן און

האָבן אָנגעהויבן נעמען אַן אַקטיווערן אָנטייל אין אַלגעמיינעם קאָלאָניאַלן לעבן. דערצו האָט מיטגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס ענגלאַנד האָט געגעבן די פולע בירגער־רעכט צו אַלע איינוואוינער פון אירע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט. אין אַלע זייערע ווענדונגען אין די קאָלאָניאַלע אינסטאַנצן האָבן די יידן שטאַלץ אָנגעגעבן, אַז זיי זיינען איזראַעליטן און זיי האָבן אָפן און פריי געטראָגן אָט־דעם ערן־נאָמען.

דאָס זעלביקע איז אויך געווען אין די אַנדערע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס: אין פענסילווייניאַ, סאוט קאַראָליינאַ, דזשאָרדזשיאַ און, באַזונדערס, אין ניו־פּאָרט, רהאָוד־איילאַנד. די יידן האָבן זיך אַלץ מער איינגעבירגערט. מיט דער צייט האָבן זיך געשאַפן פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיט די שכנים. יידן האָבן אונטערשטיצט אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, קירכן האָבן באַקומען יידישע געלט־אונטערשטיצונגען. אויך די קאָלעדזשעס אין די קאָלאָניעס זיינען אויסגעבויט געוואָרן מיט יידישער מיטהילף. ברוינס־אוניווערסיטעט אין רהאָוד־איילאַנד האָט אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, אַז יידישע סטו־דענטן האָבן די זעלביקע רעכט, ווי אַלע אַנדערע, און דער גרויסער פּאַטריאָט, רבי גרשום מענדעס סיישאַס, איז געווען אַ טראַסטי אין דער קאָלאָמביאַ־אוני־ווערסיטעט אין ניו־יאָרק.

דער ערשטער יידישער מעדיקער אין די קאָלאָניעס איז געווען ד״ר יעקב לאָמבראָזאָ, וועלכער איז אין 1656 געקומען פון פּאָרטוגאַל קיין מערילאַנד און האָט באַלד געמאָלדן, אַז ער וועט היילן אומזיסט אָרעמע קראַנקע. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די קאָלאָניסטן. אַ צווייטער פּאָרטוגעזישער מאַראַן, ד״ר סעמיועל ניגעזי, איז אין 1733 דורכגעפאָרן סאוואנא, דזשאָרדזשיאַ, ווען דאָרט האָט געבושעוועט אַן עפּידעמיע. די קריסטלעכע באַפעלערונג האָט געמיינט, אַז עס איז געשען אַ „געטלעכע הילף". ד״ר ניגעזי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעטונג־אַרבעט, ממש איבערמענטשלעך, אי בייטאָג און אי ביינאַכט, און ער האָט אָפּגעשטעלט די עפּידעמיע. מיט גרויס יראת־הכבוד ווערט ד״ר ניגעזי דערמאָנט אין דער געשיכטע פון סאוואנא, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן כדי צו העלפן אַנדערע מענטשן, אָן אונטערשייד פון רעליגיע. אויך אין ווירדזשיניא איז געווען אַקטיוו אַ פּאָרטוגעזישער מאַראַן, ד״ר סיקאָרי. ער איז דאָרט פאַקטיש געווען דער איינציקער דאָקטאָר, וואָס האָט געלערנט אין אַן אייראָפּעאישער אוניווערסיטעט.

אַנדערע יידישע דאָקטוירים אין די קאָלאָניעס זיינען געווען: אייזיק קאהן, אייזיק ליוואי, פיליפּ מאָריס ראַסעלי (אַ כירורג), מאָזעס שעפּטעל (וועלכער איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט געענדיקט אַן אַמעריקאַנער

אוניווערסיטעט), נייטן ליוואַי מייער, איזיק אייברעהעמס און יואל האַרט. דער דערמאָנטער מאָזעס שעפטעל האָט אויך געגרינדעט דעם דאָקטורים־פאַרבאַנד אין די קאָלאָניעס, און יואל האַרט איז געווען אַ טראָסטי אין ניו־יאָרקער מעדיצינישן קאַלעדזש, וועלכן ער האָט געהאָלפן גרינדן.

אַ טרויעריקער אַקט האָט זיך אָפּגעשפּילט אין 1778, ווען עס איז אין ניו־יאָרק געווען אַן עפּידעמיע פון „געלן פיבער". דער צוואַנציק־יאָריקער יידישער סטודענט וואָלטער דזשאנאס יודא פון מעדיצינישן קאַלעדזש אין קאָלאָמביאַ, האָט פרייוויליק זיך גענומען העלפן ראַטעווען די קראַנקע. ער איז אַליין אָנגעשטעקט געוואָרן און האָט פאַרלוירן זיין לעבן. די פאַמיליע יודאַ האָט אַרויסגעגעבן מערערע פּיאָנערן און קעמפער אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע.

די יידן אין רהאוד־איילאַנד האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אַלגעמיין ווירטשאַפטלעכן לעבן. אהרן און מאָזעס לאָפּעז האָבן פאַרמאָגט 27 זעגלשיפן און האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַנגען וואַלפיש. אויך זיינען געווען זייער אַקטיוו איזיק פאָליאַק, יעקב אייזיקס, אברהם סערזועדעס, נפתלי האַרט, מאָזעס ליוואַי, ראָדריגעז ריוויעראַ און באַזונדערס די פאַמיליע טוראָ, וועלכע האָט גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן ביים אַנטוויקלען דעם יידישן ישוב אין די קאָלאָניעס. די טורא־שול „שארית ישראל" אין ניו־פּאָרט איז איצט אַ היסטאָרישער מאָנומענט פון אַמעריקאַנער פאָלק און איז אָפיציעל געשעצט געוואָרן פון די פּרעזידענטן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אין זיין באַרימטן בריוו צו די יידן אין ניו־פּאָרט און פון העררי ס. טרומאַן, וועלכער האָט אין 1946 אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער די שול ווערט אָנערקענט פאַר אַ נאַציאָנאַלן מאָנומענט און זי איז איבערגענומען און געשטעלט געוואָרן אונטער דער שוץ פון דער פעדעראַלער רעגירונג.

די יידן אין די קאָלאָניעס האָבן אויסגעבויט פאַבריקן פון זייף, ליכט, קופּער און זילבער־שמידערייען; אַ פאַבריק, וואָס האָט אַרויסגעצויגן דעם עקסטראַקט פון פלאַנצונגען פאַר מעדיצין־צוועקן און פאַרבערייען. אין פילאַדעלפיע האָבן זיך געפונען טיכטיקע פאָריערס. אויך זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן גוטע ווייַנען און זייד־אַרטיקלען לויט דער זעלביקער קוואַליטעט ווי אין אייראָפּע. דערמיט האָבן די קאָלאָניעס זיך איינגעשפּאָרט געלט און נים געדאַרפט מער אימפּאָרטירן אָט־די אַרטיקלען פון אייראָפּע. אפרים האַרט און בענדזשאַמין סיישעס זיינען געווען די ערשטע יידן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט באַנק־געשעפטן און ריעל־עסטייט. זיי האָבן געהאָלפן גרינדן דעם „באָארד אָוו בראָקערס", וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון דער „ניו־

יאָרקער סטאָק־עקססטשענדזש" אויף וואָל סטריט. זיבן אַנדערע זיינען אין 1784 שוין געווען אַקציאָנערן פון דער ערשטער ניו־יאָרקער באַנק.

עס איז דערביי אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז די וואָל סטריט האָט געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָל אין דער גרינדונג פון ניו־יאָרק. דאָרט האָט זיך געפונען די היסטאָריש־באַרימטע וואַנט (וואָל— מיינט אויף ענגליש אַ וואַנט), וואָס די קאָלאָניאַלע פּיאָנערן האָבן אויפגעשטעלט כדי זיך צו באַשיצן קעגן די אינדיאַנער. אַזוי ווי די בירגער־וואַך האָט זיך דאָרטן געפונען בייטאָג און ביינאַכט, האָט זיך דאָס גאַנצע קאָלאָניאַלע לעבן קאָנצענטרירט אַרום דער וואַנט. מען האָט דאָרט געהאַט דעם האַנדלס־מאַרק און אַז מען האָט געדאַרפט „כאַפּן אַ גמילת־חסד", האָט מען שוין געדאַרפט אַ באַנק. אויך די בראָקערס האָבן זיך געפונען אויף דער וואָל סטריט. ממילא, איז דאָס געסל, וואָס פאַרנעמט ניט קיין האַלבן מייל אין דער לענג, געוואָרן דער ווירטשאַפטלעך־פינאַנציעלער צענטער, און מיט דער צייט אַלץ מער און מער דער צענטער ניט נאָר פון אַמעריקאַנער פאָלק, נאָר אויך פון דער גאַנצער וועלט.

אין די קאַמפּן פאַר אַמעריקעס פרייהייט און דעמאָקראַטיע

די רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד

עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אין די קאַמפּן פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס קעגן ענגלאַנד פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, האָבן די יידן זיך געשטעלט אין סאַמע אויבן־אָן, כדי צו העלפן אויסקעמפן דעם געוואונטשטן דערפאָלג. אין 1775, ווען דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַטאָר, דער ענגלענדער טאָמאַס פּעין, האָט אָנגעשריבן זיין פלאַם־פייערדיקע בראָשור, אין וועלכער ער האָט געפאָדערט אַ באַלדיקן אויפשטאַנד קעגן די ענגלענדער, האָבן יידן מיטגעהאָלפן, אַז די רעוואָלוציאָנערע פונקען זאָלן פאַרשפּרייט ווערן אין יעדן הויז אין די קאָלאָניעס און דאָרט אָנצינדן דעם פייער פון דער רעוואָלוציע. די קאָלאָניסטן האָבן עס געלייענט מיט אַ הייליקן ציטער, ווי זיי האָבן געלייענט קאַפּיטלעך פון דער ביבל. טאָמאַס פּעין דערציילט אַליין, אַז ער האָט זיך אין פילאַדעלפיע באַגעגנט מיט אַ יידישן פּעדלער, יודאַ פּערעץ, וועלכער האָט געוואַנדערט איבער די פאַרמס אין די פאַרשיידענע קאָלאָניעס און ער האָט אָרגאַניזירט דאָס פאַרשפּרייטן די בראָשור, כאָטש אַ סך מאָל איז ער געווען אין אַ לעבנס־געפאַר, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף ענגלישע פּאַטריאָטן. טאָמאַס פּעין איז אַזאַ וויכטיקע היסטאָרישע פיגור, אַז עס עקזיסטירט אַ ספּעציעלער פאַרבאַנד פון היסטאָריקער כדי צו פאָרשן זיין לעבן און ווירקן.

אין דעם ערשטן אַגרימענט, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן צווישן זיך אָפּגעשלאָסן וועגן „נאָן־אימפּאָרטעישאָן", גאָרניט צו קויפן ביי די ענגלענדער, האָבן זיך אויך געפונען די אונטערשריפטן פון פאָלגנדיקע וויכטיקע ביין יידישע סוחרים: בענדזשאַמין ליוואַי, היימאַן ליוואַי, סאַמסאָן ליוואַי, דזשאָזעף דזשייקאָבס, דעיוויד פראַנקס, מאַטיאַס בוש, מייקל און בערנאַרד גרעץ און מאָזעס מאָרדעקאַי. אין דעם צווייטן אַגרימענט האָבן זיך שוין געפונען די אונטערשריפטן פון אַלע יידישע סוחרים, אָן אונטערשייד, צי זיי אימפּאָרטירן פון ענגלאַנד, צי ניט. דער גאַנצער יידישער ישוב אין די קאָלאָניעס, אימיגראַנטן, אָדער הי־געבוירענע, — אַלע האָבן געהאַט איין און דעם זעלביקן ציל — זיך

אַריינצעוואָרפן אין קאַמף פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט אויף לעבן און טויט, און פילע פון זיי האָבן טאַקע אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר אַמעריקעס פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

אין יאָר 1776 זיינען אין די קאָלאָניעס געווען אַרום דריי טויזנט יידן, שוין צוזאַמען מיט פרויען און קינדער. העכער 800 מענער האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די קאַמפן. פרענסיס סאַלוואַדאָר פון סאַוט־קאַראָליינא, וועלכער איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס איז געוויילט געוואָרן אין דער דזשענעראַל אַסעמבלי פון דער קאָלאָניע — איז אויך געווען דער ערשטער ייד, וואָס איז געפאַלן אין דער רעוואָלוציע. דער 17־יאָריקער אייזיקס פרענקס, פון פילאַדעלפיע, האָט זיך אַזוי העלדיש געשלאָגן, אַז ער איז גע־שטיגן ביז קוירנעל. בערנאַרד שעפטעל האָט אָנגעפירט מיט אַ בריגאַדע פון דזשאָרדזשיאַ; דעיוויד עמנואל, דער שפּעטערדיקער גאָווערנאָר פון דזשאָרדזשיאַ, האָט אָנגעפירט מיט דער טשאַרלסטאָן מיליץ. אייזיק נעיטן קאַרדאָזאָ, דער זיידע פון סופרים־קאָורט ריכטער בענדזשאַמין קאַר־דאָזאָ, האָט געפירט די קאַמפן אַרום סאַוואַנאַ. פון די דריי ברידער בוש, וועלכע זיינען געווען העכערע מיליטער־לייט, איז איינער, לואיס, געפאַלן אין שלאַכט. די יידישע אָפיצירן דזשעיקאָב קאָהאַן, מייער פון ניו־יאָרק, דזשעיקאָב דעלאַמאָטאַ און דזשעראַלד לייאָן, האָבן זיך געפונען אויף די הויפט־פראָנטן. ניט וועלנדיק שטערן די יידישע קעמפער אין זייער שבת־רו, איז דערלויבט געוואָרן, אַז די וועלכע האָבן עס פאַרלאַנגט האָבן געקענט זיין פריי פון דינסט די גאַנצע פיר־און־צוואַנציק שעה פון שבתדיקן טאָג.

אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן האָט געשפילט מאַיאָר בענדזשאַמין ניגעז, וועלכער איז געקומען פון פראַנקרייך און האָט וואָלונטירט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ ספּעציעלער יידישער קאָמפּאַניע פון פיר הונדערט יידישע וואָלענטירן, וועלכע זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער, באַזונדערס פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און פוילן, כדי זיך צו באַטייליקן אין די קאַמפן פאַר אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט. די יידישע קאָמפּאַניע איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי פון פראַנצויזישן קאָמאַנדיר, באַראָן דע קאַלב, און ווען דער לעצטער איז שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט מאַיאָר ניגעז איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דע קאַלבס אַרמיי. אויך אין דעם לעגיאָן, וואָס איז אָנגע־פירט געוואָרן פון דעם פוילישן העלד קאַזשימיערזש פולאַסקי, וועלכער איז געקומען אַהער צוזאַמען מיט דעם צווייטן פוילישן העלד טאַדעאוש קאָשציוש־קאָ, כדי מיטצוהעלפן אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן, האָבן זיך געפונען אַ

גרויסע צאָל יידישע וואָלענטירן. אין שטאַב פון פולאַסקיס לעגיאָן זיינען געווען די יידישע אָפיצירן בענדזשאַמין מאָזעס, ישראל שראַדער און יעקב לעאָן. מאַיאָר ניגעז האָט אַזוי הויך אָוואַנסירט, אַז ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס הויפּט־שטאַב, וואו עס האָט זיך אויך געפונען ד״ר שוין דערמאָנטער קוירנעל איזיק פרענקס פון פילאַדעלפיע.

דער פוילישער ייד חיים סאָלאָמאָן

ווי אַ לייכטנדיקער שטערן אין דער פינצטערער נאַכט שיינט אַרויס פון דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע די פּערזענלעכקייט פון חיים סאָלאָמאָן, וועלכער האָט מיט זיין לעבן און פאַרמעגנס מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פון די קאַמפן פאַר אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1740 אין ליסאַ, אַ שטאָט אין אַלטן פוילן און האָט זיך דאָרט באַטייליקט אין קאַמף פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט. ווען פוילן איז, אין 1772, צעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך, איז ער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע מיט אַ סך אַנדערע פּראָמינענטע פּאָליאַקן, ווי טאַדעאוש קאָשציושקאָ און קאַזשימערזש פולאַסקי, וועלכע האָבן ניט געקענט צוזען דאָס פאַלן פון זייער גרויס, אָבער אומגליקלעך, היימלאַנד.

יונג און ענערגיש, האָט חיים סאָלאָמאָן מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער נייער וועלט אַ שטראָם פון אידעאַלן. ער איז אָנגעקומען אין דער צייט, ווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט מוטיק געקעמפט קעגן ענגלאַנד. ניו־יאָרק איז געווען אין די הענט פון די ענגלישע ראָיאַליסטן. סאָלאָמאָן האָט זיך אָבער באַלד אָנגעשלאָסן אָן די רעוואָלוציאָנערע קאָלאָניסטן און האָט זיי מיטגעהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן.

אין סעפּטעמבער, 1776, איז סאָלאָמאָן אַרעסטירט געוואָרן פון דער ענגלישער מאַכט אַלס אַ שפּיאָן. ער האָט געטאָן שווערע צוואַנג־אַרבעט, אָבער עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן און ער איז אַוועק קיין פילאַדעלפיע. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד אין זיין לעבן. ער הויבט אָן צו האַנדלען מיט אַקציעס. ער איז געוואָרן אַ בראָקער, און אַדאַנק זיינע גרויסע פעאיקייטן ווערט ער אין גיכן איינער פון די אָנגעזעענסטע פינאַנציסטן פון זיין צייט, און ער שטעלט זיך אין דינסט צו פינאַנצירן די רעוואָלוציע.

חיים סאָלאָמאָן ווערט די צווייטע האַנט פון דעמאָלטדיקן סעקרעטאָר איבער די פינאַנצן פון דער קאָלאָניאַלער רעגירונג, ראָבערט מאָריס (1734—1806). אין זיין טאָג־בוך, וואו ער האָט פאַרשריבן זיינע פינאַנציעלע טראַנזאַקציעס, איז פון אויגוסט, 1781 ביז אַפּריל, 1784, סאָלאָמאָנס נאָמען דער־

מאָנט געוואָרן 75 מאָל. אין דער „באַנק אָוו נאָרטה אַמעריקאַ", וואָס איז געווען די באַנק פון דער רעוואָלוציע, איז סאָלאָמאָן געווען דער גרעסטער פּריוואַטער דעפּאָזיטאָר. עס זיינען פאַראַן דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, אַז ווען סאָלאָמאָן איז געווען פאַרבונדן מיט דער באַנק, האָט ראָבערט מאָריס קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט אויף פינאַנציעלע שוועריקייטן. ער האָט ניט נאָר געבאָרגט זיין געלט, נאָר ער האָט אויך געהאָלפן, אַז מען זאָל אויך פון אויס־לענדישע קוואַלן באַקומען געלט פאַר דער רעוואָלוציע.

צו 45 יאָר שטאַרבט חיים סאָלאָמאָן פון אַ האַרץ־פעלער, וואָס ער האָט באַקומען אין תפיסה ביי די ענגלענדער. זיין קבר געפינט זיך אין פילאַ־דעלפיע.

דזשעימס מעדיסאָן, דער פערטער פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן (1751—1836), האָט וועגן חיים סאָלאָמאָנס פּאַטריאָטיזם עפנטלעך געזאָגט, אַז „די גוטסקייט פון אונדזער נאָענטן פריינט פון דער פראָנט סטריט, איז אַ קוואַל, וואָס וועט מיך אויסהיטן פון אַ סך זאָרג. אָבער איך קאָן זיך ניט מיט איר באַנוצן, ניט צו האָבן דערביי אַ גרויסן פאַרדרוס, ווייל ער אַנטזאָגט זיך דורכאויס צו נעמען וועלכע עס איז באַלוינונג. ער גלויבט אַז פראָצענטער פאַר געלט דאַרף מען צאָלן נאָר דעמאָלט, ווען עס ווערט פאַרנוצט פאַר פּראָפיטירנדיקער ספּעקולאַציע. ער באַזאָרגט געלט פון זיינע פּריוואַטע פאָנדן און ער אַנטזאָגט זיך עס צוריקצונעמען".

אויך פרעזידענט קאַלווין קולידזש (1872—1933), האָט דערקלערט, אַז „ראָמאַנטיש איז די געשיכטע פון דעם פּוילישן ייד חיים סאָלאָמאָן, דעם פינאַנצירער פון דער רעוואָלוציע. אַ געבוירענער אין פּוילן, איז ער גענומען געוואָרן אין דער געפענגקעניש פון דער בריטישער מאַכט אין ניו־יאָרק, און ווען ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן, האָט ער אין פילאַדעלפיע דורכגעפירט פאַר ראָבערט מאָריס אַלע זיינע הלוואות אין פראַנקרייך און האָלאַנד, האָט גאַ־ראַנטירט פאַר אומגעהויער גרויסע סומען און פלעגט פערזענלעך אויסצאָלן צו אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי דזשעימס מעדיסאָן, טאָמאַס דזשעפערסאָן, באַראָן סטויבען, גענעראַל סט. קלעיר און פיל אַנדערע פּאַטריאָטישע פירער, וועלכע האָבן באַשטעטיקט, אַז אָן זיין הילף וואָלטן זיי ניט געקענט דורכפירן די פּלענער פון דער רעוואָלוציע".

וועגן דער פערזענלעכקייט פון חיים סאָלאָמאָן איז שוין געשריבן גע־וואָרן אַ גאַנצע ביבליאָטעק און אויך פילמען זיינען געמאַכט געוואָרן. זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די צוויי פאַרשטאָרבענע יידיש־פּוילישע עסקנים, בענ־דזשאַמין ווינטער און זעליג טיגעל, וועלכע האָבן אין דער צייט צווישן די

צווייַ וועלט־מלחמות אונטערגענומען ענערגישע אַקציעס און אַרויסגערופן אַ באַוועגונג, כּדי צו שטעלן אַ פּאַסיקן מאָנומענט דעם גרויסן ייִד און אַמע־ריקאַנער נאַציאָנאַלן העלד און זײַ האָבן געבראַכט צו דער רעזאָלוציע, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם 27טן מערץ, 1936. זעליג טיגעל האָט אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר זיך געגריבלט אין פאַרשיידענע ביבליאָטעקן און אַרכיוון און ער האָט געפונען גאָר ווערטפולע דאָקומענטן וועגן חיים סאָלאָמאָן. לײַדער אָבער זײַנען אָנגעקומען די טרויעריקע צײַטן פון דער נאַצישער טראַגעדיע און עס איז אָנטשטאַנען די צווייטע וועלט־מלחמה, אַזוי אַז דער גאַנצער ענין וועגן חיים סאָלאָמאָן איז געשטעלט געוואָרן אין הינטערגרונט, און חיים סאָלאָמאָן האָט נאָך ניט דעם מאָנומענט וואָס ער האָט זיך כּשר פאַרדינט.

דעם 27טן מערץ, 1936, איז בײַ אַ געמיינשאַפטלעכער זיצונג פון סענאַט און רעפּרעזענטאַנטן־הויז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז „דער אינערן־סעקרעטערי ווערט אויטאָריזירט צו געבן אַ דערלויבעניש אויפצושטעלן אויף פּאַלקס־באָדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דער שטאָט וואַשינגטאָן, אַ מאָנומענט אין אַ פּאַסנדיקער אַרטיסטישער פאָרם פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם חיים סאָלאָמאָן אין אָנערקענונג פון זײַנע פּאַטריאָטישע און ליובנסווערטע דינסטן, וואָס ער האָט געלייסטעט צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער צײַט פון דעם שווערסטן פּעריאָד פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע". חיים סאָלאָמאָנס פּאָרטרעט געפינט זיך אין וואַשינגטאָן אין דער גאַלעריע פון די „זין פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע". ביז עס וועט אויפגעשטעלט ווערן דער „נאַציאָנאַלער מאָנומענט אין וואַשינגטאָן", איז אין שיקאַגאָ אויפגעשטעלט געוואָרן אַ געמיינזאַמער מאָנומענט פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, חיים סאָלאָמאָן און ראָבערט מאָריס. דער מאָדעל איז געמאַכט געוואָרן פון איינעם פון די גרעסטע אַמעריקאַנער סקולפּטאָרס און די גאַנצע אַרבעט פון פינאַנצירן דעם מאָנומענט איז דורכגעפירט געוואָרן פון דעם יוריסט בארנעט האָדעס, וועלכער שטאַמט אַליין פון פּוילישע ייִדן.

אויפן עלטסטן בית־החיים (סעמעטערי) פון דער ניו־יאָרקער שארית־ישראל־קאָנגרעגעישאָן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1655, געפינען זיך אַכצן קברים פון ייִדישע העלדן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. די קברים ווערן אָפּגעהיט און אין באַשטימטע יאָרצײַטן ווערן געמאַכט הזכרות. אויפן זעלביקן בית־החיים געפינט זיך אויך דער קבר פון דעם גרויסן פּאַט־ריאָט, אליעזר ליוואַי, וועלכער האָט אַוועקגעשאָנקען דער רעגירונג גרויסע

שטיקער לאַנד אין וועסט־פּאָינט, וואו עס איז אויסגעבויט געוואָרן די באַ־רימטע מיליטער־אַקאַדעמיע.

ד״ר דעיווויד סאָלאָ פּול, דער גייסטיקער פירער פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער שול „שארית ישראל״, וועלכע איז געווען די ערשטע שול אין ניו־יאָרק, האָט סוף 1952 אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן דעם דאָזיקן עלטסטן יידישן בית־החיים, וואו עס רוען די ביינער פון אַ גרויסער צאָל יידישע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געשאַפן דעם פונדאַמענט פון דעם גרויסן פינף־מיליאָניקן (קיין עין־הרע) יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין זיין דאָקומענטן־בוך האָט ראַבאַי דע סאלא פּול איבערגעגעבן אַ רייע ביאָגראַפישע שילדערונגען וועגן די 179 פּיאָנערן, וועלכע זיינען דאָרט געבראַכט געוואָרן צו קבורה, פון 1682 ביז 1828. פילע פון זיי האָבן געצויגן זייער יחוס פון מאַראַנען אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

אין 1812 און 1846

אויסער דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד קעגן ענגלאַנד פאַר אומאָפּ־הענגיקייט, איז אויף אַמעריקע אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אין 1812 אַ נייע מלחמה קעגן ענגלאַנד און די אַמעריקאַנער געשיכטע האָט פאַרצייכנט נאָך אַנדערע בלוטיקע קאַמפן.

אין 1846, ווען מעקסיקאַניש מיליטער איז באַפאַלן טעקסאַס, וואָס האָט שוין באַלאַנגט צו די פאַראייניקטע שטאַטן, די ברידער־קאַמפן אין 1863, ווען לינקאָלן האָט אַרויסגעגעבן די היסטאָרישע פּראָקלאַמאַציע וועגן באַפרייען די נעגער־שקלאַפן און די דרום־שטאַטן זיינען געווען קעגן דעם. אין 1898 — דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער קריג; 1917 — ווען די דייטשע רעגירונג האָט געהאַט אירע סובמאַרינס אין די אַמעריקאַנער וואַסערן, געזונקען אומשול־דיקע שיפן, און פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן (1865—1924) איז אַריין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין 1941, ווען יאַפּאַן איז באַגאַנגען דעם פאַר־ראַט אין פּוירל האַרבאָר, און אין 1950, ווען די קאָמוניסטן זיינען איבער־פאַלן קאָרעאַ, און אַמעריקע, אַלס מיטגליד פון „יונייטעד נעישאַנס״ איז אַריינגעטראָטן כדי צו באַשיצן די וועלט־דעמאָקראַטיע — אין די אַלע קאַמפן, וואָס די אַמעריקאַנער רעפּובליק האָט דורכגעמאַכט אין איר קנאַפּער 180־יאָריקער געשיכטע, האָבן די יידישע בירגער זיך שטענדיק געשטעלט אין די פאָדערשטע רייען. אויף אַלע מעגלעכע, און אויך זייער אָפט אויף ניט־מעג־לעכע געביטן, סיי אויף די קאַמף־פראָנטן און סיי אין די וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס, אינדוסטריעלע פאַבריקן און אין אַנדערע צווייגן פון עפנט־

לעבן לעבן, האָבן די יידישע בירגער געקעמפט אויף לעבן און טויט פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע. זיי האָבן אויך גרויסע פאַרדינסטן אין די נצחונות פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, דורך דזשיימס מעדיסאָן, דזשיימס נאָקס פּאָלק, אייבראַהעם לינקאָלן, וואודראָ ווילסאָן, פראַנקלין ד. רוזוועלט, העררי ס. טרומאַן, ביז דוואיט ד. אייזענהאַוער, האָבן אַלע עס עפנטלעך דאָקומענטירט און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך קלאָר, אַז דער יידישער ישוב איז אַ פעסטער רינג אין דער קייט, וואָס נעמט אַרום אַלע טיילן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין צפון־אַמעריקע.

דער זיג פון דער יונגער אַמעריקאַנער רעפּובליק האָט ניט געקענט לאָזן רוען די ענגלישע מאָנאַרכיע און טראָץ דעם וואָס אין לאָנדאָן האָט מען געמוזט מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז די דרייצן קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסטשטענדיקער און אומאָפּהענ־גיקער רעפּובליק, וואָס האָט אַן אייגענע געוויילטע פאָלקס־רעגירונג, האָט מען זיך אָבער דאָך באַמיט, אויף טריט און שריט, צו שטערן די אַמעריקאַנער שיפן, וועלכע האָבן געפירט אין די אָפענע ימים פאַרשיידענע סחורות פון און אין אַמעריקע. כאָטש וואַשינגטאָן האָט דערקלערט אַ שטרענגע נייטראַליטעט אין די סכסוכים צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָט ענגלאַנד פּראָוואָצירט די יונגע אַמעריקאַנער רעפּובליק, פיל מאָל עובר געווען אויף דעם אינטער־נאַציאָנאַלן ים־געזעץ, קאָנפיסקירט אַמעריקאַנער שיפן מיט סחורות, געגעבן וואָפן צו די אינדיאַנער, כדי זיי זאָלן מאַכן איבערפאַלן אויף די אַמעריקאַנער און אַזוי ווייטער. אַזוי אַז די יונגע רעפּובליק איז ווידער געוואָרן געצוואונגען צו נעמען וואָפן אין דער האַנט, כדי זיך ווידער צו פאַרטיידיקן קעגן ענגלאַנד.

דעם 1טן יוני, 1812, האָט פּרעזידענט דזשעימס מעדיסאָן געשיקט דעם פּלאַט קעגן ענגלאַנד. עס זיינען דעמאָלט געווען אינגאַנצן דריי טויזנט יידן אין דער רעפּובליק, אָבער אַזוי ווי אין דער רעוואָלוציע, זיינען אויך אין 1812, אַלע מיליטער־פעאיקע געווען אין דער אַרמיי און אין דער נעיווי. פילע פון זיי זיינען געווען קינדער פון די, וועלכע האָבן געקעמפט אין דער רעוואָלוציע. עס ווערן באַזונדערס דערמאָנט די העלדישע מעשים פון בריגאַדיר־גענעראַל יוסף בלומענפעלד, מאַיאָר אברהם מעסיאַס, קאָרנעל (פּולקאָווניק) נעיטן מייערס, קאַפּיטאַן מרדכי מייערס, וועלכער האָט וואָלאַנטירט און אַנטייל גענומען אין שווערע קאַמפן. דער אָנפירער מיטן מעדיצינישן דעפּאַרטמענט, גענעראַל דעיוויד דעליאָן, האָט צוויי מאָל באַקומען ספּעציעלע דאַנק־בריוו

פון קאָנגרעס פאַר זיין מוסטערהאַפטער אָרגאַניזירונג פון דער מעדיצינישער הילף.

אין די קאַמפן האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ פאָטער, דזשאָנאַס פיליפס (וועלכער איז אויך געווען אין דער רעוואָלוציע), מיט זיינע דריי זין. די באַרימטע פאַמיליע סיישאס האָט געהאַט דריי זין: די העכערע אָפיצירן אייברעהעם, מאָזעס און סאָלאָמאָן סיישאס. די פאַמיליע גרעץ פון פילאַדעלפיע האָבן אויך געהאַט דריי זין: בענדזשאַמין, דזשאָזעף און סאַימאָן. צווישן די וואָלאָנטערן זיינען געווען אַ פאָטער — מענדעס קאהן, מיט זיינע זעקס זין, און אַ גרופּע דייטשע יידן, וועלכע זיינען ערשט אַראָפּ פון דער שיף. זיי האָבן צונויפגעשטעלט די באַלטימאָרער קאָמפּאַניע. אויך האָט זיך געפונען אַ צווייטער חיים סאָלאָמאָן — דער ניו־יאָרקער סוחר הערמאַן הענדריקס, אַ האָלענדישער ייד, האָט אַליין געקויפט מלחמה־באָנדס פאַר פערציק טויזנט דאָלאַר און האָט אַ סך באָנדס פאַרקויפט צו אַנדערע. אויך דער היסטאָריש באַרימטער שיפן־אייגנטימער, פּאַטריאָט און פילאַנטראָפּ יודאָ טורא, פון ניו־פּאָרט, ראָוד אײַלאַנד, איז געווען אין שטאַב פון גענעראַל ענדריו דזשעקסאָן, דער שפּעטערדיקער אַמעריקאַנער פּרעזידענט.

אין דער נעיווי האָט געקעמפט קאָמאַנדיר אורי פיליפּ ליוואי (1792—1862) וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיטן אָפּשאַפן דאָס שלאָגן מאַטראָזן ווי אַ שטראָף פאַר עבירות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן בעת דעם ים־פאַרקער. אויף זיין נאָמען איז אין 1942 אויסגעבויט געוואָרן אַ קריגס־שיף.

דעם 24טן אַפּריל, 1846, איז מעקסיקאַניש מיליטער אַריבער די גרעַנעץ ביי טעקסאַס, און זעכצן אַמעריקאַנער בירגער זיינען געטויט אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן. פּרעזידענט דזשיימס נאָקס פּאָלק (1795—1849) האָט געשיקט אַ מעסעדזש צום קאָנגרעס וועגן דער מעקסיקאַנישער אינוואַזיע. עס איז דערקלערט געוואָרן אַ מלחמה, און גענעראַל זייקאַרי טעילאָר האָט איבערגענומען די הויפּט־קאָמאַנדע.

אויך אין די דאָזיקע קאַמפן האָבן די אידן געגעבן מער, ווי עס איז געווען זייער פּראָצענט־זאַץ לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. איבער הונדערט יידן האָבן געקעמפט אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס. אַלס העכערע אָפיצירן זיינען געווען אַקטיוו יוסף סימפּסאָן, סעמיועל גאָלדסמיט, די צווי ברידער, שפּאַנישע יידן, פּנחס און יעקב קאָרדאָוואַ, וועלכע זיינען געקומען פון אינדזל דזשאַמעיקאָ און באַלד וואָלונטירט אין קריג. ליוואי בענדזשאַמין, טאָמאַס קאַראָל, איזראַעל מאָזעס און סאַימאָן וואָלף, וועלכער איז געווען אַ היסטאָריקער און נאָענטער פריינט פון אייניקע פּרעזידענטן.

דער מעדיצינישער דעפּאַרטמענט איז אָנגעפירט געוואָרן פון דזשאָנאָס הורוויץ, וועלכער איז אויך געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע וואָלונ־טערן פון באַלטימאָר, איזראַעל מאָזעס, אַלבערט ליוואַי און אברהם דעליאָן. דעם לעצטן האָט מען גערופן דעם „קעמפנדיקן דאָקטאָר", ווייל עס האָט זיך געטראָפן אַ פאַל, אַז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון זיין רעגימענט איז ביי אַ שלאַכט פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט ער איבערגענומען די וויכטיקע פירונג פון די קאַמפן און האָט דורכגעפירט אייניקע דערפאָלגרייכע אָנגריפן קעגן דעם שונא. פאַר דעם האָט דעליאָן באַקומען אַ לויב־בריוו פון קאָנגרעס.

אין דעם בירגער־קריג

אין יאַנואַר 1863, ווען איבערעהעם לינקאָלן (1809—1865) האָט אַרויס־געגעבן זיין פּראָקלאַמאַציע וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די נעגערס, האָט זיך אין אַמעריקע געפונען קוים אַ האַלב פּראָצענט יידן, אַרום 15,000, פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס האָט באַטראָפן קנאַפּע דריי מיליאָן. די יידן האָבן אַרויסגעגעבן ניין גענעראַלן, איין און צוואַנציק קאָרנעלס און פיר און זעכציק העכערע אָפיצירן פון פאַרשיידענע ראַנגען. אויף ביידע זייטן האָבן זיך יידן געשלאָגן, צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און טאַטעס מיט מערערע זין זיינען געגאַנגען צוזאַמען.

אין לינקאָלנס אַרמיי האָבן זיך געפונען אַרום זעקס טויזנט יידן.

דער יידישער גענעראַל פרידריך קנעפלער, וועלכער איז געקומען פון אונגאַרן, איז שטאַרק געליבט געוואָרן אַלס אַ סטראַטעגיקער און ער האָט פיל מיטגעהאָלפן דעם גענעראַל שוירמאַן. די מעדיצינישע פאַרזאָרגונג האָט זיך געפונען אין די הענט פון גענעראַל־כירורג פּנחס הורוויץ (אַ זון פון דזשאָנאָס הורוויץ, וועלכער איז געווען דער הויפּט־דאָקטאָר אין דער מלחמה קעגן מעקסיקע). ביים סוף פון בירגער־קריג האָט דער קאָנגרעס אים אויס־געדריקט אַן עפנטלעכן דאַנק. אים איז אויך צו פאַרדאַנקען, וואָס אין פילאַדעלפיע איז אויסגעבויט געוואָרן אַ נעיווי־שפּיטאָל.

אויך אין דער אַרמיי פון דער סאַוט, אין דער „קאָנפעדערעיט אַרמי", זיינען געווען אַרום צוועלף הונדערט יידן. דער הויפּט־מיליטער־דאָקטאָר איז געווען דערווין דעליאָן און ד"ר סאַימאָן באַרוך, דער פאָטער פון דעם באַרימטן בערנאַרד באַרוך, איז געווען אַ כירורג. עס זיינען אויך געווען צוויי יידישע גענעראַלן, וועלכע האָבן געהאָלפן אָנפירן מיט די קאַמפן, ראַנ־דאָלף מאָרדעקאַי און לייאָנעל ליוואַי.

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז אויף ביידע זייטן האָבן זיך געשלאָגן

גאַנצע יידישע פאַמיליעס, פאַטערס מיט קינדער. אַזוי זיינען געווען אין דער סאַוט־אַרמיי פון נאָרט־קאַראָליינאַ — זעקס ברידער קאהן; פון סאַוט־קאַראָליינאַ — 5 ברידער מאָזעס, און פון דזשאָרדזשיאַ — אַ פאָטער מיט דריי זין. אַ יידישער אָפיציר סאָלאָמאָן האָט ענערגיש געקעמפט אין לינקאָלנס אַרמיי אין דער באַרימטער געטיסבורגער שלאַכט און האָט באַקומען ספּעציעלע אויסצייכענונגען פון גענעראַל שורץ. דוד לאָפּעז איז געווען דער אַרכיטעקט פון דער שיף „ליטל דעיוויד" און דוד גראַנסקי האָט זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן פון טענעסי און מיסיסיפּי.

אין לינקאָלנס אַרמיי זיינען געווען 316 פאַרוואונדעטע, 336 אין דער געפאַנגענשאַפט. צום ערשטן מאָל אין דער אַמעריקאַנער מיליטערישער געשיכטע איז אין לינקאָלנס אַרמיי געווען אַ יידישער טשעפּלעין. לויט די מיליטערישע געזעצן האָבן נאָר געקענט זיין קריסטלעכע טשעפּלעינס. אַזוי האָט דער קאָנגרעס געהאַט באַשלאָסן. אָבער רבי אַרנאָלד פישל האָט, מיט דער מיטהילף פון יידישע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, אָנגעפירט אַ קאַמף אין וואַשינגטאָן וועגן ענדערן דאָס געזעץ, און לינקאָלן האָט אַרויסגעגעבן אַן אָרדער, אַז אויך יידישע טשעפּלעינס זאָלן האָבן די זעלביקע רעכט, ווי די קריסטלעכע. רבי אַרנאָלד פישל איז געווען דער ערשטער יידישער טשעפּלעין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

דזשודאַ פיליפּס בענדזשאַמין (1811—1884), וועלכער האָט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער מאַראַנען־פאַמיליע, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע סענאַטאָרן אין וואַשינגטאָן. ווען ס'איז אַנטשטאַנען דער בירגער־קריג, האָט בענדזשאַמין רעזיגנירט פון זיין סענאַטאָרן־אַמט, ווייל זיין סטעיט, לואיזיאַנאַ, איז געווען אין דער סאַוט־אַרמיי און ער איז אַריבער אויף דער זייט פון זיין סטעיט. ער איז אַריין אין דער רעגירונג פון דזשעפערסאָן דעיוויס, וועלכער האָט געקעמפט קעגן לינקאָלן. בענדזשאַמין איז געווען צוערשט קריגס־מיניסטער און דערנאָך סעקרעטערי אָוו סטעיט. ער איז געווען דער צווייט־העכסטער רעגירונג־פירער אין דער סאַוט. ווען די סאַוט־אַרמיי האָט געליטן גרויסע מפּלות, האָט מען געוואָרפן די שולד אויף אים. אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן די סודות וועגן די אמתע שולדיקע, איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד און דאָרט אויך שפּעטער געשטאָרבן.

אויך אויף דער זייט פון לינקאָלן האָט אַ ייד געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל. דער באַנקיר דזשאָזעף זעליגמאַן (1819—1894) איז אין עלטער פון 18 יאָר געקומען פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע. זיי זיינען געווען אַכט ברידער. דזשאָזעף זעליגמאַן האָט אָרגאַניזירט צווישן די ברידער דעם פאַרקויף פון

די מלחמה־באַנדס. ער האָט איבערגעגעבן צו לינקאָלן אַ סומע פון דריי הונ־דערט מיליאָן דאָלער. דזשאָזעף זעליגמאַן האָט דערנאָך געעפנט אַ באַנק־אונטערנעמונג און איז געבליבן דער פינאַנץ־אַגענט פון דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן. אין 1873 האָט פּרעזידענט יוליסעס סימפּסאָן גראַנט (1822—1885) אים געבעטן, אַז ער זאָל ווערן פינאַנץ־מיניסטער, אָבער ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. ער איז געבליבן דער פינאַנציעלער ראַט־געבער פון דער פעדעראַלער רעגירונג.

עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז פּרעזידענט גראַנט איז דער זעלביקער, וואָס איז פריער געווען גענעראַל גראַנט און פירער פון די קאַמפן אין בירגער־קריג. ער האָט זיך דעמאָלט טרויעריק באַרימט געמאַכט מיט זיין „אָרדער נומער 11" פון 17טן דעצעמבער, 1862, וועלכער האָט אויפגע־פאָדערט די יידן, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן די קריגס־געביטן, „ווייל די יידן זיינען שמוגלערס". יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם שענדלעכן בלבול און לינקאָלן האָט דעם אָרדער בטל געמאַכט. גראַנט האָט דערנאָך שוין אַליין איינגעזען, אַז די יידן האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַרן לאַנד און ער האָט באַשטימט יידן אויף פאַרשיידענע עפנטלעכע אַמטן.

אין 1863, האָט דער יידישע מאַיאָר אַלבערט מאַיער איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער ערשט־געשאַפענער „אַרמיי־סיגנאַל קאָרפּ". מיט 90 יאָר שפּעטער, אין 1953, איז דער סיגנאַל־קאָרפּ אויסגעוואַקסן צו אַ גאָר וויכטיקן וויסנשאַפטלעכן פאַרטיידיקונג־צווייג אין דער מאָדערנער מיליטע־רישער סטראַטעגיע. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן צום סיגנאַל־קאָרפּ געהערט 350 טויזנט מאַן, דאָס רוב פון זיי האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע אויסבילדונג.

אין יאָר 1898, איז גאַנץ אַמעריקע אויפגערודערט געוואָרן פון דעם גרויסן פאַרראַט, וואָס שפּאַניע איז באַגאַנגען קעגן אַמעריקע. די גרויסע אַמעריקאַנער קריגס־שיף „מאַין" האָט זיך געפונען אויף אַ גאַסט־פריינטלעכן באַזוך אין קובאַ, וואָס האָט געהערט צו שפּאַניע. די שיף איז אויפגעריסן געוואָרן און 266 מענטשן, צווישן זיי 15 יידן, האָבן פאַרלוירן זייער לעבן. איבער גאַנץ אַמעריקע האָט מען געהערט דעם געשריי: „געדענק די מאַין" און „נקמה פאַר דער מאַין". פּרעזידענט וויליאַם מעקקינלעי האָט דערקלערט קריג צו שפּאַניע. דער ערשטער פרייוויליקער איז געווען ד"ר דזשאָזעף העלער, וועלכער איז געוואָרן אַ קוירנעל און האָט געגעבן הילף די פאַר־וואונדעטע אויף די שיפן. אין 1902 איז ד"ר העלער געשיקט געוואָרן פון

פרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט קיין מאַנילאַ, כדי דאָרט צו באַקעמפן די כאָלערע־עפּידעמיע.

אין דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער מלחמה, פון 1898, זיינען געווען דרייסיק יידישע העכערע אָפיצירן אין דער אַרמיי און צוואַנציק אין דער נעיווי. דער סאַרדזשענט מאָריס דזשאַסטער, פון קאַליפאָרניע, איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער, וואָס איז געפאַלן אין די קאַמפן, און דער סאַרדזשענט מאָריס קאַן פון קענזאַס, האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און פאַרכאַפּט אַ רעגימענט־פאָן פון דעם שונאס אַרמיי. דריי יידן זיינען געוואָרן ריער־אַדמיראַלן — דזשאָזעף שטראַוס, עדוואַרד ט. טאַוסיג און אַדאָלף מעריקס. אַלע דריי זיינען געווען אַקטיוו אין די ים־אָפּעראַציעס אַרום קובאַ. אין אַלגעמיין האָבן די יידן זיך געשלאָגן מיט צוואַנציק פּראָצענט מער, ווי עס האָט אויסגעמאַכט זייער פּראָצענט־זאַץ לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין סייפּרעס היל סעמעטערי אין ניו־יאָרק, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון די יידישע העלדן אין די מיליטערישע קאַמפן פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אין אַמעריקע געווען 65 מיליאָן איינוואוינער און יידן זיינען געשאַצט געוואָרן אויף אַ מיליאָן מיט אַ האַלבן. מער פון אַ פערטל מיליאָן יידן האָבן זיך באַטייליקט אויף אַלע פראָנטן. עס וואָלט גענוג געווען צו מאַכן פון זיי אַכט פולע דיוויזיעס. 3,500 זיינען געפאַלן אין די קאַמפן, אָדער געשטאָרבן פון די וואונדן, וואָס זיי האָבן באַקומען בעת די שלאַכטן. אין דער צייט, ווען די יידן האָבן אויסגעמאַכט דריי פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, זיינען זיי געווען פינף פּראָצענט לגבי דער צאָל פון די מלחמה־געפאַלענע. אויך זיינען 12,000 פאַרוואונדעט געוואָרן. אַרום 4,000 האָבן באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען און 10,000 זיינען געווען אָפיצירן — פון זיי 9,000 אין דער אַרמיי און 1,000 אין דער נעיווי. פילע פון זיי האָבן גראַדואירט די וועסט־פּאָינט־אַקאַדעמיע, און אַ גאָר גרויסע צאָל איז געשטיגן אין די ראַנגען אויף די פראָנטן, ווען זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן. 29 טשעפּלאַינס זיינען געווען אויף פאַרשיידענע פראָנטן. 48 פּראָצענט פון אַלע יידן זיינען געווען אין דער אינפאַנטעריע, בעת פון די ניט־יידן זיינען געווען נאָר 17 פּראָצענט.

צווישן די אָנערקענטע העלדן געפינען זיך: בריגאַדיר־גענעראַל מילטאָן פאָרמאַן, וועלכער האָט קאָמאַנדירט דעם 112טן פעלד־אַרטילעריע רעגי־

מענט און איז געווען דער ערשטער קאָמאַנדיר פון דער גרויסער וועטעראַנען־אָרגאַניזאַציע „אַמעריקען לידזשאַן״; בריגאַדיר־גענעראַל איבעל דעיוויס, וועלכער האָט פריער אָנגעפירט מיט דער קאָוסט־גאַרד אין אילינאָי סטעיט; בריגאַדיר־גענעראַל טשאַרלס לאַשהיימער, דער העכסטער קאָמאַנדיר אין דער מאַרין־קאָרפּ; ריר־אַדמיראַל קלאָודס ס. בלאָק, דער הויפּט פון אַמעריקאַנער פלאָט; ריר־אַדמיראַל דזשאָזעף שטראוס, אַ וועטעראַן פון דער שפּאַנישער מלחמה; ער האָט געפירט דעם קאַמף קעגן די דייטשע סאָבמאַרינס; אַד־מיראַל דזשאָזעף ק. טאַוסיג, וועלכער האָט באַגלייט אַ קאָנוואָי מיט שיפן דורך אַ געפערלעכן וועג, וואָס איז געווען פול מיט מינעס און פיינטלעכע סאָבמאַרינס, און קאָמאַנדיר וואָלטער דזשעיקאָב, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ דעוויזיע פון מינען־וואָרפער אין שונאס וואַסערן.

אַ גרויסע צאָל יידן האָט געפירט סאָבמאַרינס און פילע פון זיי האָבן פאַרניכטעט דעם שונאס שיפן אין זיינע אייגענע וואַסערן. אַ גרויסע צאָל יידישע פליער איז געפלויגן הינטער די פיינטלעכע פּאָזיציעס, דאָרט געמאַכט פאָטאָגראַפישע בילדער פון וויכטיקע מיליטערישע איינריכטונגען און איז בשלום צוריקגעקומען. 50 פּראָצענט פון ניו־יאָרקס 75טע דיוויזיע זיינען געווען יידן.

דער ראַדיאָ־אָפּערייטאָר, ענסיין ליווי פרידמאַן, איז באַזונדערס גע־לויבט געוואָרן פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן. אברהם קראַטאָשינסקי האָט באַקומען אַ פּערזענלעכע אויסצייכענונג פון גענעראַל פּוירשינג פאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע העלדישע מעשים אין פראַנקרייך. פון 63 וואָלאָנטערן, וועלכע זיינען געפאַלן ביים אויספירן באַזונדערס וויכטיקע פליכטן, זיינען געווען 37 יידן. מער פון 3,000 זיינען געווען אין לופט־פלאָט, צווישן זיי 374 אָפיצירן און העכערע באַאַמטע. סערדזשאַנט וויליאַם סאַועלסאָן (געפאַלן אין די קאַמפן); לייטנאַנט סידני גיפערטס און סערדזשאַנט בענדזשאַמין קאָופמאַן האָבן באַקומען דעם „קאָנגרעשאָנעל מעדאל אָוו האָנאָר״. דער סאַרדזשענט דריבין האָט באַוויזן העלדישע טאַטן און גענעראַל פּוירשינג האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז „איינער פון מיינע פיינסטע און בראַווסטע זעלנער״.

אין ברוקלין, ניו־יאָרק, האָט אַ פאַמיליע געהאַט אַכט קינדער אין דער מלחמה. אין לואיזיאַנאַ — זעקס קינדער — פון אַ פּריוואַט ביז אַ מאַיאָר און איינער אין דער נעיווי. 46 זיינען געפאַלן ביים געבן אויף די פראָנטן מעדיצינישע הילף צו פאַרוואונדעטע. דער יינגסטער זעלנער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען דער דרייצן־יאָריקער אַלבערט קאהן, פון מעמפיס,

טענעסי, וועלכער האָט צוגעשטעלט פאַלשע דאָקומענטן, אַז ער איז פיל עלטער. ער איז געפאַלן אין פראַנקרייך.

בערנאַרד מאַניס באַרוך, עצה־געבער פון מערערע אַמעריקאַנער פרע־זידענטן, האָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע קאַריערע. ער איז פון פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן באַשטימט געוואָרן אַלס טשערמאַן פון „וואָר־אינדוסטריעס באָארד" און האָט אָנגעפירט מיט אַלע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געווען נויטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד און פון די פאַרבינדעטע מלוכות. באַרוך האָט זייער ליב געהאַט וויל־סאָנען, נאָך פון דער צייט ווען ווילסאָן איז געווען פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין פּרינסטאָן אוניווערסיטעט. ער האָט אים אויך באַגלייט צו דער פרידנס־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַריז. פאַר זיינע גרויסע דערפאָלגן האָט באַרוך באַקומען אַ גרויסע צאָל אויסצייכענונגען פון אַלע לענדער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַמעריקע.

פעליקס פראַנקפורטער, וועלכער איז דעמאָלט געווען פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד, איז געווען אַסיסטענט פון קריג־מיניסטער. דעיוויד סאַרנאָף און דזשוליוס אָקס, די שפּעטערדיקע גענעראַלן, — זיינען געווען מאַיאָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָבן שוין דאַמאָלט אַרויסגעוויזן גרויסע פע־איקייטן אין מיליטערישע ענינים און מיטגעהאָלפן צו אַמעריקעס זיג.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

אַזוי ווי פּרעזידענט ווילסאָן האָט געמוזט אַריינטרעטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווייל אַמעריקע איז פּראָוואָצירט געוואָרן פון ווילהעלמס גע־וואַלט־רעזשים, אַזוי האָט פּרעזידענט פּרענקלין ד. רוזוועלט געמוזט באַנוצן די באַוואָפנטע מאַכט קעגן די פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן און באַשיצן די דעמאָ־קראַטיע נאָך דעם איבערפאַל אויף פּוירל האַרבאָר. דעם 7טן דעצעמבער, 1941, איז אַמעריקע אַריין אין דער מלחמה. 19 יידישע גענעראַלן און 4 אַד־מיראַלן זיינען, אַזוי ווי זייערע ניט־יידישע וואָפן־חברים, געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע קריגס־פּאָזיציעס, סיי אויף דער יבשה, סיי אויפן ים און סיי אין דער לופט.

די יידישע גענעראַלן זיינען געווען: דזשוליוס אָקס־אַדלער, מאָריס בערמאַן, סאָול שאַווין, הערמאַן פעלדמאַן, וויליאַם מ. גודמאַן, עדוואַרד גרינ־בוים, מאָריס הוירש, אפרים דזשעפּע, סעמיועל לאַטאַן, דזשאַרדזש ליבעראָף, עדוואַרד מאָריס, עמיל מאָזעס, יודזשין אָבערדאָרפער, אוירווינג פיליפּסאָן, איזידאָר ראודין, דזשאָן ראָוז, מאָריס ראָוז (וועלכער איז געפאַלן מיט אַ העל־

דישן טויט), דעיוויד סאַרנאָף און דזשאָזעף סמיט. די 4 אַדמיראַלן זיינען געווען: העגרי באַדט, סידני קראַוס, בען מערל (וועלכער האָט געהאַט פיר שטערנס און איז געווען דער צווייט־העכסטער אַדמיראַל אין פלאָט) און לואיס שטראַוס.

צוזאַמען מיט די פאַרשיידענע גרופּן אין לאַנד, וועלכע האָבן געהאָלפן דאָס מיליטער אויף די פראַנטן, האָבן זיך באַטייליקט אַרום זעקס הונדערט טויזנט יידן. פון זיי האָט מען געקענט צונויפשטעלן 37 פולע דיוויזיעס. צווישן עלף און צוועלף פּראָצענט פון אַלע יידן אין אַמעריקע זיינען געווען רעגיסטרירט אַלס אַנגעהעריקע צו דער אַרמיי אָדער נעיווי. 81 פּראָצענט האָבן געדינט אין דער אַרמיי, 16 — אין דער נעיווי, 2 — אין דער מאַרין און איין פּראָצענט — אין קאָוסט־גאַרד. אויך אין מעדיקל קאָרפּ איז געווען אַ הויכער יידישער פּראָצענט־זאַץ. דריי פון יעדע פינף יידישע דאָקטוירים זיינען געווען אין סוירוויס, און מער פון אַ דריטל פון אַלע יידישע דענטיסטן. פערציק טויזנט זיינען געפאַלן אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן. צוואַנציק טויזנט פון אַלע מיליטערלייט זיינען געווען אָפיצירן. 61,500 האָבן באַקומען אויסצייכענונגען. דער פּראָצענט־זאַץ פון די יידן אין יוניפאָרם איז אַ פיל העכערער ווי דער פּראָצענט־זאַץ פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

ניט קיין אַנדערער ווי גענעראַל דזשאָרדזש מאַרשאַל און נאָך אַנדערע אָנפירנדיקע גענעראַלן אויף די העכסטע אַמטן, האָבן עפנטלעך באַוואונדערט די יידישע העלדישע טאַטן און לאָיאַליטעט, וועלכע פאַרנעמען אַ הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער פאָלק. צוויי יידישע פליער פון ברוקלין, ניו־יאָרק, האָבן באַקומען די גרעסטע צאָל אויסצייכענונגען. סאַר־דזשענט אייבערהעם טאָרדעס — 31, און קאַפּיטאַן עדווין רעידין — 29. ביי 49 פאַמיליעס זיינען געפאַלן צו צוויי זין, און איין פאַמיליע האָט פאַרלוירן דריי זין.

אַ זייער אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז די הילף פון די יידישע טשעפּלעינס אויף אַלע מעגלעכע פּאָזיציעס און פראַנטן. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען געווען 311 טשעפּלעינס. מער ווי צען מאָל אַזויפיל, וויפל עס זיינען געווען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; 267 זיינען געווען אין דער אַרמיי, און 47 — אין דער נעיווי. 9 זיינען געשטאָרבן אין דער מלחמה. דער יידי־שער טשעפּלעין איז פיל מער ווי אַ מיליטער־באַאַמטער. ער איז אַ פאָטער, לערער און אַ חבר צו דעם יידישן זעלנער אָדער אָפיציר, ווען ער געפינט זיך אין אַ גייסטיקער נויט. עס זיינען געווען הונדערטער פאַלן, ווען יידישע זעלנער און אויך אָפיצירן, זיינען געקומען צו די פראַנטן און האָבן געדאַרפט

באַגעגענען דעם שונא פּנים אל פּנים, זיינען זיי געוואָרן פאַרצווייפלט. דער גרעסטער טייל פון אונדזער אַמעריקאַנער יוגנט האָט ניט וועלכע עס איז רעליגיעזע דערציאונג, און ווען זיי געפינען זיך אין אַ מאָראַלישער נויט, פעלט זיי דער יידישער בטחון, דער רעליגיעזער געפיל, — דאָס אָנהענגען זיך אויף דער געטלעכער השגחה, אַז ער וועט אים ראַטעווען אין דער נויט.

אין אַזעלכע פאַלן איז דער טשאַפּלעין דער גייסטיקער דאָקטאָר, וואָס העלפט דעם פאַרצווייפלטן און ברענגט אין אים אַריין האָפענונג אין דער צוקונפט.

באַזונדערס האָבן די יידישע טשעפּלעינס אַרויסגעוויזן וואונדערלעכע טאַטן, ווען ס'איז געקומען די באַפרייאונג און מ'האָט די אויסגעוואָרצלטע יידן אַרויסגענומען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. זיי זיינען געווען קראַנק און צעבראָכן, אויסגעדאַרט און אָפּגעריסן. דאָ זיינען די טשעפּלעינס ממש געווען, ווי געטלעכע מלאכים, געבראַכט הילף צו די הילף־באַדערפטיקע און נויט־ליידנדיקע. זיי האָבן גערעדט מיט די אומגליקלעכע, ווי אַ ברודער צו אַ ברודער און זיי זיינען געווען די פאַרמיטלער צווישן זיי און דער העכערער אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט. אַזוי אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע און איבעראַל וואו אַמעריקע האָט באַזעצט דעם שונאס לאַנד. יידישע טשעפּ־לעינס זיינען אויך געווען אינסטרוקטאָרן אין די אַלגעמיינע טשעפּלעין־שולן, וואו עס ווערן אויסגעבילדעט טשעפּלעינס פאַר פאַרשיידענע אמונות. די העכסטע ראַנגען זיינען קוירנעל (פּולקאָווניק) אין דער אַרמיי און קאַפּיטאַן אין דער נעיווי. זייט 1917 איז דער יידישער וועלפעיר־באָארד דער אָפיציע־לער פאַרטרעטער ביי דער מיליטער־מאַכט פאַר אַלע רעליגיעזע ענינים אַזוי ווי די ניט־יידישע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן.

אין דעם טרויעריק־באַרימטן באַטאַן־מאַרש, וואָס די יאַפּאַנער האָבן דורכגעפירט מיט אַמעריקאַנער געפאַנגענע, האָט זיך אויך געפונען אַ גרויסע צאָל יידן. פיל פון זיי האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן די גרויסע צרות און יסורים, וואָס די יאַפּאַנער האָבן זיי אָנגעטאָן. איינער פון די יידישע גע־פאַנגענע, דער קאָרפּאָראַל בענדזשאַמין מאַגדאַן, פון מינעאַפּאָליס, איז געווען אַ ראַדיאָ־מאַן, וועלכער האָט, אונטער די שווערסטע האָגלען פון שונאס קוילן און שראַפּנעלן, אינסטאַלירט די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אויף די סאַמע ערשטע פראָנט־ליניעס. ער איז אַריינגעפאַלן אין דער יאַפּאַנישער געפאַנגענשאַפט, דורכגעמאַכט מיט די גרעסטע יסורים דעם באַטאַן־מאַרש, אַנטלאָפן פון דעם יאַפּאַנישן פּריזאָן־לאַגער. די יאַפּאַנער האָבן אים ווידער געכאַפּט, אים אַריינגעזעצט אין טויטן־לאַגער אין דעם שרעקלעכסטן אָסאַקאָ־פּריזאָן. ער איז

געווען 18 חדשים איינער אַליין אין אַ צעל, אָן לופט און אָן ליכט, באַקומען בלויז אַ ביסל רייז און וואַסער. ביז די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט אים באַ־פרייט, און פּרעזידענט טרומאַן האָט געשיקט אַ ספּעציעלן בריוו צו זיינע עלטערן, אין וועלכן זיי ווערן גראַטולירט פאַר די העלדישע מעשים פון זייער זון.

די יידישע דאָקטוירים

די „ביוראָ אָוו וואָר רעקאָרדס" ביים וועלפער באָארד האָט פעסטגע־שטעלט, אַז די יידישע דאָקטוירים האָבן געשפּילט אַ גוואַלטיקע ראָל ביים העלפן אין קאַמף פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע. זיי האָבן זיך געפונען אויף אַלע געפערלעכסטע פראָנטן און פּאָזיציעס. פיל פון זיי האָבן געאַרבעט פיבעריש, דורכאַנאַנד וואָכן און חדשים. זיי האָבן זאָגאָר ניט געהאָט קיין מעגלעכקייט איבערצובייטן זייערע קליידער. גאַנץ אָפט ווערן פעלד־שפּי־טאַלן באָמבאַרדירט פון שונא און מען מוז מיט די פאַרוואונדעטע לויפן פון איין אָרט צו אַן אַנדערן, ביז מען האָט די מעגלעכקייט זיי צו עוואַקואירן צו אַ שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך שוין ווייט הינטערן פראָנט. יידישע דאָקטוירים האָבן באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען און זיינען געווען אַזעלכע העלדן, ווי די אַקטיווע קעמפער אויף די פראָנטן. אַ סך פון זיי זיינען געפאַלן אויף זייערע פּאָזיציעס.

דזשאַק סעיפער איז געפאַלן אין מיטן לויפן ראַטעווען פאַרוואונדעטע מאַרינס, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף אַ ברענענדיקער שיף. דער מעדיקל־קאַפּיטאַן הערי סטאַון, די בוירס־לייטענאַנט מאַרגאַרעט באולער און אויך אַ צייטונג־קאָרעספּאָנדענט, לייטענאַנט מאָריס פענער — זיי אַלע האָבן אַוועק־געגעבן זייערע לעבנס אין דער פאַרטיידיקונג פון זייער באַליבט לאַנד — אַמעריקע.

קאַפּיטאַן סעמיועל האָראָוויץ, אַ באַטאַליאָן־כירורג, און מאַיאָר בענ־דזשאַמין קאהן האָבן, אונטער אַ האָגל פון קוילן, דורכגעפירט אָפּעראַציעס פון סאָלדאַטן. אומדערמידלעך האָבן זיי געגעבן הילף צו פאַרוואונדעטע. קאַפּיטאַן בערנאַרד קאָהען איז געווען אין פראַנקרייך בעת דער אַטאַקע. ער האָט איינער אַליין דורכגעפירט אַ רעטונג־אַקציע, באַהאַנדלענדיק מיט מאָרפין, סאָלפאַ־מיטלען, בלוט־טראַנספיוזיעס א. ד. גל. קאַפּיטאַן לעסטער קאָלמאַן האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. דאָס זעלביקע איז אויך געווען ביי די צוויי דאָקטוירים, לייטענאַנטן דזשעראָם קאָפּמאַן און דזשיימס באַרעט. דערביי איז גוט צו וויסן, אַז אין פאַרלויף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מען זיך באַנוצט מיט מאָדערנע מיטלען פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. אין לעצטן

קריג איז די שטערבלעכקייט פון מלחמה־וואונדן געווען דריי מיט אַ האַלבן פּראָצענט, בעת אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די שטערבלעכקייט געווען גאַנצע זעקס פּראָצענט.

באַלד אין די ערשטע טעג נאָכן יאַפּאַנישן פּאַרראַט אין פּוירל האַרבאָר, האָט מען שוין פאַרצייכנט יידישע העלדן־טאַטן. דער לייטענאַנט־קאָמאַנדיר סאָלאָמאָן אייסקוויט, פון ברוקלין, ניו־יאָרק, איז געווען דער ערשטער העלד פון דער מלחמה. ער האָט געראַטעוועט די מאַנשאַפט פון דער שיף „יוטאַה". דער ענסאַין איירא דזשעפרי, פון מינעאַפּאָליס, איז געפאַלן אויף זיין פּאָסטן, ווען ער האָט געהיט דעם אַמוניציע־לאַגער אויף דער קריגס־שיף „קאַליפאָר־ניע". לייטענאַנט העברי מאַרק און פּריוועט לואיס שלייפער זיינען געפאַלן אין די ערשטע קאַמפן. דער ראַדיאָ־מאַן דעיוויד גודמאַן האָט געהאָלפן אַרויסראַטעווען גענעראַל דאָגלעס מעקאַרטור, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ לעבנס־געפערלעכער פּאָזיציע. גודמאַן האָט באַקומען פון אים אַ פּערזענ־לעכע אויסצייכענונג. אויך דער מאַשיניסט פון אַ סאָבמאַרין, מאָרי ווײנ־טרויב, איז שטאַרק געלויבט געוואָרן פאַר טאָן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע אַרבעט ביים מיטהעלפן אַרויסראַטעווען אַ גרויסן טייל פון אַמעריקאַנער פּלאָט ביי די פּאַציפישע אינדזלען.

דאָרט, אויף די אינדזלען אין פּאַציפיק, געפינען זיך אַ גרויסע צאָל קברים מיט מגן־דודס פון אונדזערע יונגע העלדן. דאָרט איז געווען דער ענערגישער טשעפּלעין ראָלאַנד גיטעלזאָן פון ראָקוויל סענטער אין ניו־יאָרק. ער איז געווען דער ערשטער יידישער טשעפּלעין אין מאַרין־קאָרפּ און האָט באַשיצט די גייסטיקע אינטערעסן ניט נאָר פון די יידן, נאָר אויך פון אַלע אַנדערע אמונות. ער איז געווען אויף אַלע געפערלעכסטע פּאָזיציעס. וועגן דעם טשעפּלעין אַלעקסאַנדער גוד זיינען שוין פאַרשפּרייט געוואָרן אַ גרויסע צאָל לעגענדעס. דעם 3טן פעברואַר, 1943, ווען די שיף „דאָרטשעסטער" האָט זיך געפונען אין אַ געפאַר און מען האָט געמוזט זי פאַרלאָזן, איז ער גע־בליבן צוזאַמען מיט נאָך דריי נישט־יידישע טשעפּלעינס אויף דער שיף, ביז אַלע האָבן זיך געראַטעוועט. די פיר טשעפּלעינס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין די כוואַליעס פון אַטלאַנטישן ים.

וועגן די העלדן־טאַטן פון מאיר לעווין דאַרף מען פיל ניט שרייבן. זיין בילד געפינט זיך אין דעם „האָל אָוו פעימס" פון די נאַציאָנאַלע העלדן אין וואַשינגטאָן. ער האָט צוויי מאָל געזונקען פיינטלעכע שיפן און ער איז אויך געפאַלן. צו זיין אָנדענק האָט דער גרויסער יידישער אַרבעטער־אָרדן דער „אַרבעטער־רינג" געגרינדעט אַ ברענטש אויף זיין נאָמען.

אַ צווייטער נאַציאָנאַלער העלד איז געווען גענעראַל־מאַיאָר מאָריס ראָוז. ער איז געווען אַ זון פון אַ רב אין דענווער, קאָלאָראַדאָ. ער איז עפנטלעך אָנערקענט געוואָרן אַלס „איינער פון אַמעריקעס גרעסטע זין״.

קאַפּיטאַן בארנעט סאָלאָוויאָוו, אַן 28־יאָריקער מיליטער־דאָקטאָר, פון ניו־יאָרק, האָט געהאַט די מעדיצינישע אויפזיכט איבער אַ ריי קעמפּס פון לופט־קאָרפּ אין דער וועסט, וועלכע האָבן געדאַרפט צוגרייטן טראַנספּאָרטן צו די מלחמה־פראָנטן. דעם 6טן מאַי, 1944, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ מיליטערישן עראָפּלאַן, פליענדיק פון איין קעמפּ צום אַנדערן, איז דער עראָפּלאַן אַראָפּגעפאַלן און ער האָט געפונען דעם טויט. בארנעט סאָלאָוויאָוו האָט שוין אין זיין פריער יוגנט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ פעאיקער מעדיקער. פאַר זיינע באַזונדערע פעאיקייטן האָט ער באַקומען דריי וויכטיקע אַקאַדע־מישע אויסצייכנונגען. זיין נאָמען איז פון זיינע עלטערן פאַראייביקט געוואָרן אין אַ רייע יידישע אַרבעטער־הילף־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע און פראַנק־רייך. אַן אַרבעטער־רינג־ברענטש אין ניו־יאָרק טראָגט זיין נאָמען.

אַן ענלעכע לופט־קאַטאַסטראָפע האָט זיך אויך געטראָפן מיט דעם וויסנשאַפטסמאַן הערלד בערמאַן. ער איז געווען דער קוראַטאָר פון נאַ־טור־היסטאָרישן מוזעאום אין האַרוואַרד. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אים געשיקט מיט אַ געהיימער מיסיע קיין ענגלאַנד, זיין עראָפּלאַן איז אַראָפּגע־פאַלן און דער 42־יאָריקער געלערנטער איז געפאַלן אַ טויטער.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ד״ר אַרטור אַבראַמסאָן, פּראָפע־סאָר פון פיזישער מעדיצין אין ניו־יאָרק־קאָלעדזש פאַר מעדיצין, שווער פאַר־וואונדעט געוואָרן און ער איז געבליבן אַ קריפּל. ער האָט אָבער ניט אויפ־געגעבן זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, נאָר זיי נאָך מער פאַרגרעסערט און ער איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע עקספּערטן אויפן געביט פון פי־זישער מעדיצין און רעהאַביליטאַציע פון פאַרקריפּלטע וועטעראַנען אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. אין 1950 האָט פּרעזידענט טרומאַן אים באַשטימט פאַר אַ מיטגליד אין דער קאָמיסיע פאַר וועטעראַנען־רעהאַביליטאַציע, און אין 1953 איז ער געערט געוואָרן דורך די יידישע וועטעראַנען, וועלכע האָבן אים איבערגעגעבן אַן אויסצייכענונג.

יידישע געלערטע זיינען געזעסן אין פאַרשיידענע פאָרשונג־לאַבאָראַ־טאָריעס, כדי אויסצוגעפינען בעסערע פאַרטיידיקונג־מיטלען קעגן די שונאים פון דעמאָקראַטיע. באַרימטע פיזיקער, און אַ טייל פון זיי געווינער פון נאָבל־פּרייז, ווי אַלבערט איינשטיין, איזידאָר ראַבי, ליזאַ מייטנער, ניעלס באהר, ראָבערט אָפּענהיימער, פראַנק סאַימאָן און ענריקאָ פערמי פון איטאַליע,

אַמעריקאַנער און פליכטלינגע פון דייטשלאַנד, דענעמאַרק און איטאַליע, האָבן מיט זייער גרויס וויסן געפלאַנט, אָרגאַניזירט און דורכגעפירט די ערנסטע און פּאַרזיכטיקסטע אַרבעט אַרום דאָס שאַפן און אַנטוויקלען פון דער אַטאָם־באָמבע. ווען מען האָט געדאַרפט די געפערלעכע וואָפן אַריבער־פירן קיין יאַפּאַן, האָט מען די מיסיע איבערגעגעבן צו אַכט יידישע אָפיצירן פון פאַרשיידענע ראַנגען.

אַדמיראַל היימאַן ריקאָווער, דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג פאַר אַטאָם־פאָרשונג ביים אַמעריקאַנער פלאָט, האָט דערפונדן אַ מאָדעל פון דער ער־שטער סאָבמאַרין, וואָס זאָל געטריבן ווערן דורך אַטאָמישער קראַפט.

סאַרדזשענט גוסטאַוו גוראַוויץ, פון דער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק, איז געווען דער קאָמענדיר פון אַ פליער־אָפּטיילונג אויפן אינדזל ניו־גיני אין פּאַציפישן ים. ערשטער לייטענאַנט סעמיועל מענקאָוויץ האָט באַקומען צוויי העכערע אויסצייכענונגען פאַר זיין העלדישקייט ווי אַן אָנפירער פון אַ „פליענ־דיקער פעסטונג". אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט ער געהאַלטן אין איין אַנוואַנסירן — פון אַ פּשוטן סאָלדאַט צו אַ העכערן אָפיציר. קאַפּיטאַן סידני אַלטמן, פון ברוקלין, ניו־יאָרק, וועלכער איז געווען אין מארין־קאָרפּוס, איז באַשאָנקען געוואָרן פאַר אַרויסווייזן מוט ביים אָנפירן אַ קאַמף קעגן דעם שונא אויף די סאָלאָמאָנס אינדזלען.

קאַפּיטאַן מארטין סיגעל, פון פילאַדעלפיע, אַ פליער אין דער לופט־פלאָט, האָט באַקומען אויסצייכענונגען פאַר דורכפירן אַ געפערלעכע מיסיע קעגן דעם שונא. סטעף־סאַרדזשענט מאַרטין אַלפרעד, פון ברוקלין, ניו־יאָרק, האָט באַקומען אַ מעדאַל פון בריגאַדיר־גענעראַל פרענסיס ברעידי פאַר זיין העלדישקייט אויפן פּאַציפישן פראָנט. זיין ברודער איזידאָר, וועלכער איז גע־ווען אַ לייטענאַנט אין לופט־פלאָט, איז געהרגעט געוואָרן אין קאַמף קעגן די יאַפּאַנער. קאַפּיטאַן דעיוויד דעש, אויך פון ברוקלין, אַ פליער אין ענגלאַנד, האָט באַקומען צוויי אויסצייכענונגען פאַר אָנפירן העלדישע לופט־אַטאַקעס קעגן די נאַציס אין נאָרוועגן און דייטשלאַנד. עדוואַרד ברעסלער, אַן ארמיי־פליער, פון די בראָנקס, ניו־יאָרק, איז אומגעקומען אין אַן עראָפּלאַן־קראַך אין טוניס, צפון־אַפריקע. ברעסלער איז אַלט געווען 24 יאָר און האָט גע־האַט דעם ראַנג פון אַ „טעכניקל סאַרדזשענט".

נייע מיליטער־שיפן זיינען אויסגעבויט געוואָרן אויף די נעמען פון די געפאַלענע יידישע העלדן — לייטענאַנט־קאָמאַנדיר מאַקס סילווערסטאון, ענ־סאַין איירא דזשעפרי, פון מינעאַפּאָליס; לעאָפּאָלד ראָבערט, פון לואיסוויל, קענטאָקי; טשאַרלס סטוירן, אַלבאַני; אַ שפּיטאָל־שיף — אויפן נאָמען פון

דער ערשטער געפאַלענער נוירס פרענסיס סלאַנגער פון באָסטאָן, און ליבערטי־שיפּן — אויף די נעמען פון לייטענאַנט מאַרי בלום און דעניעל סייד, פון ניו־יאָרק. עס זיינען געבויט געוואָרן אויך אַנדערע „ליבערטי־שיפּן" אויף די נעמען פון פאָלגנדיקע פאַרשטאָרבענע פערזענלעכקייטן:

פּראָפ. סיירוס אַדלער, לואיס באמבערג — נוואַרק; קאָנגרעסמאַן מייקל עדעלשטיין, ניו־יאָרק; עדוואַרד פיילען, באָסטאָן; אַדאָלף לואיסאָן, לואי מאַרשאַל, אַמבאַסאַדאָר איירא נעלסאָן מאָריס, אַדאָלף אָקס (אַרויסגעבער פון „ניו־יאָרק טאַימס"). אַמבאַסאַדאָר בענדזשאַמין פרענקלין פיישאטא, ישעיה קאהן, פּיטסבורג; אייבערעהעם ראָזענבערג, מרס. אידא (איזידאָר) שטראוס, דזשעיקאָב שיף, בענדזשאַמין ווערנער, לאָס־אַנדזשעלעס; ראַבאַי אייזיק מאיר וויז און סענאַטאָר דעיוויד לואי יולי, פון פלאָרידא.

ארנא לאַוואַן, כעמיקל פּראָפעסאָר פון דער ישיבה־אוניווערסיטעט, האָט באַקומען אַ מעדאַל פון דער פאָרשונג־אָפּטיילונג ביי דער נעיווי פאַר אויס־געצייכנטע פאָרשונגען ביי דער אַנטוויקלונג פון אַטאָם־ענערגיע. מרס. אַנאַ ראָזענבערג האָט באַקומען פון קריג־מיניסטעריום דעם „מעדאַל פון פרייהייט" פאַר איר אומגעהויער וויכטיקע אַרבעט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. העראָלד אַבראַמסאָן, פּראָפעסאָר פון פיזיאָלאָגיע אין קאָלאָמביאַ, האָט באַ־קומען אַן אויסצייכענונג פון דער הויפּט־אַנפירונג פון דער מעדיצינישער פאַרזאָרגונג אין דער אַרמיי פאַר זיינע דערפאָלגרייכע אַקטיוויטעטן. פּרעזי־דענט טרומאַן האָט געגעבן אַ ספּעציעלן דאַנק דעם פאַרשטאָרבענעם פּרעז־זידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד סידני הילמאַן פאַר זיינע לייסטונגען לטובת דער אינדוסטריעלער פאַרטיידיקונג. הענרי סאָלאָמאָן, וועלכער האָט גע־האָלפן שרייבן די געשיכטע פון דער נעיווי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אויך פאַראייביקט די העלדן־טאַטן אויפן וואַסער אין אַ ספּעציעלן פילם, וואָס ער האָט געוויזן אין אַ סעריע בילדער אויף טעלעוויזשאָן, כדי דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק זאָל זען די מסירת־נפש פון אונדזערע העלדן אין דער פאַרטיידיקונג פון דעם באַליבט היימלאַנד.

מרס. פוירסי שטראוס פון מעיסיס דעפּאַרטמענט־סטאָר, האָט אַוועקגע־שאָנקען צו דער רעגירונג אַ גרויס עסטעיט פון הייזער און לאַנד־באַזיץ איינ־צואָרדנען אַ סאַנאַטאָריום פאַר שוואַכע מאַטראָזן, וועלכע האָבן געליטן פון דער מלחמה, דערנאָך זאָל עס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נעיווי־שפּיטאָל.

אַן אייגנאַרטיקע מלחמה־אויפגאַבע האָט מרס. מילטאָן ערלאַנגער אויף זיך גענומען. זי האָט דורכגעפירט אַ פּראָגראַם פון אויסבילדן הינט פאַר מלחמה־צוועקן, און זי האָט פון קריג־דעפּאַרטמענט באַקומען די העכסטע

אויסצייכענונג, וואָס דאָס מיליטער גיט צו ציוויל־פּערזאָנען, פאַר דעם זייער דערפאָלגרייכן דורכפירן די אויפגאַבע, וואָס איז איר איבערגעגעבן געוואָרן. אויך ד״ר הערי פּלאָץ, פון ניו־יאָרק, האָט באַקומען אַ מעדאַל פון קריג־מיניסטעריום פאַר זיין וויכטיקער אַרבעט ביים קאָנטראָלירן די טיפוס־קראַנקייט אין די מלחמה־פירנדיקע געביטן.

סעמועל ראָזענמאַן, פּרעזידענט רוזוועלטס נאָענטער פריינט, האָט אין אַ ספּעציעלער מיסיע אויסגעפאָרשט דיווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען און די עלייס־לענדער. איזידאָר לובין איז געווען דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין דער רעפּערעישאַן־קאָמיסיע אין מאָסקווע, און דער עקאָנאָמיסט ראָבערט נעיטאַן, פון קליוולאַנד, איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־אַסיסטענט פון דעם דירעקטאָר פרעד מ. ווינסאָן פון מלחמה־מאָביליזירונג.

דער פריערדיקער גענעראַל דוואיט אייזענהאַוער האָט, ווען ער איז געווען דער שעף פון אַטלאַנטיק־פּאַקט, באַשטימט אין אַפּריל, 1951, אַ ספּעציעלע גרופּע, מיטן נאָמען „נעישאַנאַל מען פּאַוער קאַונסיל״, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצופאָרשן די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פאַרטיידיקונג און זיכערקייט. אָנהויב 1953 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט פון קאָונסיל. דער דאָזיקער קאָונסיל איז באַשטאַנען פון 25 פאַרטרעטער פון אַ רייע אוניווערסיטעטן און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און איז אָנגעפירט געוואָרן פון דזשעימס דעיוויד צעלערבאַך, דער פּרעזידענט פון דער „קראַון־צעלערבאַך־קאָרפּאָריישאַן״, איינער פון די גרעסטע פּאַפּיר־פּראָדוצענטן אין לאַנד און איז אַ יידישע פּערזענלעכקייט אין סאַן־פראַנציס־קאָ. אַלס פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט האָט אין קאָונ־סיל אָנטייל גענומען דזשעיקאָב ס. פּאָטאָווסקי, פּרעזידענט פון דער אַמאַל־גאַמייטעד קלאָודינג וואָירקערס.

אַ צווייטע ענלעכע אויספאָרשונג האָט דורכגעפירט ד״ר איליי גינזבורג, פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיק אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. די דאָזיקע אויס־פאָרשונג איז אויך דורכגעפירט געוואָרן, אויפן פאַרלאַנג פון פּרעזידענט אייזענהאַוער, פון דער צייט ווען ער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. די ברייט־פאַרצווייגטע אויספאָרשונג איז פי־נאַנצירט געוואָרן פון דער פאָרד־־פאַונדעישאָן און פון 13 גרויסע קאָרפּאָ־רעישאָנס. פּראָפעסאָר גינצבורג האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער געפאַר, וואָס עס דראָט דאָס לאַנד — דער אַנאַלפאַבעטיזם. אָנדערטהאַלבן מיליאָן יונגע מענטשן האָט מען ניט געקענט נעמען צו מיליטער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווייל זיי זיינען געווען אַנאַלפאַבעטן. 75 פּראָצענט פון די

אַנאַלפאַבעטן האָבן געשטאַמט פון דער סאַוט — טענעסי, קענטאַקי, טעקסאַס און נאָרט־קאַראָליינאַ. 5 פון יעדע 7 קינדער באַזוכן ניט קיין שולן.

אַ דריטע אויספאָרשונג איז אין די לעצטע יאָרן דורכגעפירט געוואָרן, אויפן פאַרלאַנג פון פּרעזידענט טרומאַן, וואָס האָט געהאַט אַ ריין מיליטערישן כאַראַקטער. אין דער דאָזיקער פאָרשונג־אַרבעט האָבן זיך אויך באַטייליקט מרס. אַנאַ ראָזנבערג און גענעראַל דעיוויד סאַרנאָף.

די יידישע אַרבעטער אין דער מלחמה־פאַרטיידיקונג

גאָר ממשותדיק און פאַרשיידנאַרטיק איז געווען דער בייטראַג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, ווי זי ווערט פּרעזענטירט דורך די טרייד־יוניאַנס און דורך די פּראָגרעסיוו פּראָטערנעלע אָרגאַניזאַציעס אין דעם פאַרטיידיקונג־קאַמף פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

די „אינטערנעשאַנעל" האָט געגעבן צוויי מיליאָן דאָלאַר פאַר מלחמה־רעליף, אויסגעבויט אַ קלוב אין לאַנד פאַר ענגלישע מאַטראָסן, פאַרשיידענע לאָקאַלן האָבן באַזונדערס בייגעשטייערט צוועלף אַמבולאַנסן. העכער צען טויזנט אינטערנעשאַנעל־מיטגלידער האָבן געגעבן בלוט פאַרן רויטן קרייץ. די פאַרשיידענע לאָקאַלן און די מיטגלידער איבערן לאַנד האָבן געקויפט מלחמה־באָנדס אויף דער סומע פון העכער הונדערט מיליאָן דאָלאַר. די אינטערנעשאַנעל האָט באַקומען דעם כבוד, אַז 4 „ליבערטי־שיפן" זאָלן אָנגערופן ווערן אויף די נעמען פון די פּראָמינענטע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פירער, וועלכע זיינען אויך געווען פירער פון דער „אינטערנעשאַנעל": בענדזשאַמין שלעזינגער, מאָריס זיגמאַן, מאָריס הילקוויט און מאיר לאָנדאָן.

די „אַמאַלגאַמייטעד" האָט בייגעשטייערט צוויי מיליאָן דאָלאַר פאַר פאַרשיידענע מלחמה־רעליף־טעטיקייטן. אויסער דעם האָבן מיטגלידער געגעבן 536 קוואָרט בלוט, 150 מיידלעך האָבן אַראַנזשירט פאַרוויילונגען און שפּיטאָלן און טענץ־אָוונטן פון דער יו־עס־אַ, 5,000 ביכער זיינען געזאַמלט געוואָרן פאַר די פאַרשיידענע אַרמיי־ביבליאָטעקן און דאָס גלייכן.

די „קעפּ און מילינערי אינטערנעשאַנעל" האָט מאָביליזירט אירע פערציק טויזנט מיטגלידער פאַר יעדער פאַזע פון מלחמה־אַקטיוויטעטן, אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט אַראָפּגענומען וועכנטלעך פון 5 ביז 10 פּראָצענט פון די אַרבעט־לוינען, אויך איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ ספּעציעלעביישטייערונג פון אַ האַלבן טאָג אַרבעט, און דאָס געלט איז געגאַנגען פאַר דעם „רויטן קרייץ", יו־עס־אַ און פאַר אַנדערע מלחמה־רעליף־צוועקן.

די „פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן", וואו עס זיינען אָנגעשלאָסן אויך אַלע יוניאָנס, האָבן בייגעשטייערט העכער דריי מיליאָן דאָלאַר, האָבן געקויפט באָנדס פאַר פיר מיליאָן דאָלאַר. דער טרעזשורי־דעפּאַרטמענט האָט, ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג, באַצייכנט אַ „ליבערטי־שיף" אויפן נאָמען פון מאָריס פיינסטאָון, דער פריערדיקער, לאַנגיאָריקער פירער פון די יידישע געווערקשאַפטן.

די 70 טויזנט „אַרבעטער־רינג"־מיטגלידער האָבן געקויפט מלחמה־באָנדס אויף דער סומע פון אַרום פערציק מיליאָן דאָלאַר. פיל ברענטשעס האָבן אַריבערגעשטיגן זייערע קוואָטעס. ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג האָט דער טרעזשורי־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן באַצייכנט עטלעכע צענדליק מלחמה־באָמבערס מיט דעם נאָמען: „די ספּיריט אָוו די וואָירקמענס סוירקל" פון אַזעלכע שטעט ווי פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, דעטרויט, לאָס־אַנדזשעלעס. אין שיקאַגאָ און לאָס־אַנדזשעלעס האָבן די מיטגלידער אין די ברענטשעס געהאָלפן אויפבויען די קרייצער־שיפן „שיקאַגאָ" און „לאָס־אַנדזשעלעס". ברענטשעס האָבן אויך געגעבן אויסגעשטאַטעטע מעדיצינישע און דענטיסטישע אַמבולאַנסן אויפן נאָמען פון אַרבעטער־רינג, און דער טרעזשורי־דעפּאַרטמענט האָט אַלס אָנערקענונג באַצייכנט אַ „ליבערטי־שיף" אויף נאָמען פון ב. וולאַדעק.

ביי דעם סעמעטערי דעפּאַרטמענט פון „אַרבעטער־רינג" אין ניו־יאָרק געפינט זיך אויך אַ מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס האָט די אויפזיכט איבער הונדערט און עלף קברים פון יידישע העלדן, קינדער פון „אַרבעטער־רינג"־מיטגלידער, וועלכע זיינען געפאַלן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע קריג־וועטעראַנען פירן דורך יערלעכע הזכרות.

די לייבאָר־לייסעאומס אין אַ גרויסער צאָל שטעט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צענטערס פאַרן רויטן־קרייץ, זאַמל־פּונקטן פאַרן סיוויליען־דעפענס־אַרבעט, פאַרוויילונג־פּלעצער פאַר סאָלדאַטן און מאַטראָסן, שניידער־מאַשינעס צו נייען פאַר מיליטער־צוועקן. אין 85 שטעט זיינען געווען ספּעציעלע סוירוויס־קלובן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די קינדער פון די מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער אַרמיי, לופט־ אָדער ים־פלאָט.

דער „יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד" האָט אָנגעפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע מלחמה־הילף־טעטיקייט. עס זיינען געקויפט געוואָרן מלחמה־באָנדס פאַר העכער ניין מיליאָן דאָלאַר אין אַמעריקע און אַ מיליאָן דאָלאַר פאַר קאַנאַדער באָנדס. דער פאַרבאַנד האָט אויסגעבויט אַ „ליבערטי־שיף" אויפן

נאָמען פון דעם אַרבעטער־ציוניסטישן טעאָרעטיקער ד״ר נחמן סירקין, אַ ב־17 באָמבער, דריי ב־29 פליענדיקע פעסטונגען. אויך האָבן די ברענטשעס אין דיטראָיט, שיקאַגאָ און לאָס־אַנדזשעלעס אויסגעבויט אַ שפּיטאָל און צוויי „פליענדיקע פעסטונגען״. אין אַ גרויסער צאָל שטעט זיינען געעפנט געוואָרן ספּעציעלע צענטערס, וואו די מיטגלידער האָבן געגעבן בלוט און יידישע סאָלדאַטן און מאַטראָסן האָבן באַקומען אַ „פריש־געקאָכטן יידישן דינער״ אין אַן אָרט, וואו צו פאַרברענגען אין אַ יידישער אַטמאָספערע. אַט אַזוי האָט זיך די מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד קאָנסטרוקטיוו אָפּגערופן אויף די וויכטיקע צוועקן און אויפגאַבן פון די מלחמה־טעטיקייטן אין דעם פאַרניכ־טונג־קאַמף קעגן דעם פאַשיזם און נאַציזם.

אין און אַרום קאָרעאַ

דעם 27טן יוני, 1950, איז אַמעריקע אַלאַרמירט געוואָרן וועגן דער קאָמוניסטישער אינוואַזיע אין דרום־קאָרעאַ, וואָס איז געווען אונטער דער שוץ פון די דעמאָקראַטישע לענדער, מיט אַמעריקע אין דער שפּיץ. פּרעזי־דענט הערי ס. טרומאַן האָט באַפוילן אַהינצושיקן פאַרטיידיקונג אַלס אַ טייל פון דער יונייטעד נעישאַנס. פילע אַנדערע מיטגלידער פון דער „יונייטעד נעישאַנס״ זיינען געווען באַטייליקט אין די דאָרטיקע קאַמפן.

אין קאָרעאַ און אַנדערע ערטער, וואו אַמעריקע האָט מיליטערישע גרופּירונגען, פון אייראָפּע און אַזיע און ביז דעם קאַלטן גרינלאַנד, געפינען זיך אַ גרויסע צאָל יידן. אין אַפּריל, 1953, ווען מען האָט געפייערט דעם יום־טוב פּסח, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַרום 150 טויזנט יידן געפינען זיך אין מיליטערישער יוניפאָרם. אַזוי אַז צען פּראָצענט פון די יידישע פאַמיליעס אין אַמעריקע האָבן זייערע קינדער אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע. ווען עס קומט צו אַ יידישן יום־טוב, ווי די ימים־נוראים אָדער פּסח, ווערן די יידישע מיליטער־גרופּן פאַרוואַנדלט אין אַ „קאָנגרעגעישאַן אין יוניפאָרם״. דער יידישער וועלפעיר־באָארד זאָרגט פאַר די רעליגיעזע אינטערעסן אין דער אַרמיי. ראַביי דוד דע סאָלאַ פּול שטייט אין דער שפּיץ פון דעם טשעפּלעינס־קאָרפּס, און זינט 1917, ד. ה. זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה אָן, זיינען אין פאַרשיידענע מיליטער־טיילן פאַרטיילט געוואָרן אַרום צוויי מיליאָן קאַלענדאַרן, וואָס זיינען ספּעציעל געדרוקט געוואָרן פאַרן געברויך פון מיליטער־סערוויס.

עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן וועגן די פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן, וואָס די יידישע טשעפּלעינס האָבן אין זייער ווירקונג־קרייז. ביי די קאַמפן אין

קאָרעאַ האָט מען געזען די וויכטיקע, היסטאָרישע אויפגאַבן, וואָס די טשעפּלעינס פירן דורך לטובת די יידישע מיליטער־גרופּן. די טשעפּלעינס לואיס באַראַש, מאיר בלעק, נאָרמאַן גאָלדבערג, הענרי סיגמאַן, הערבערט טייטלבוים, אריה לעוו, מאָריס מאַרגוליס און דער מאַרין־טשעפּלעין סעמיועל סאָבאָל אַרבעטן ממש מיט מסירת־נפש. זיי געפינען זיך אויך אויף די פראָנט־פּאָזיציעס און אין די פעלד־שפּיטאָלן. זיי האָבן געוואונען גרויס רעספּעקט ביי די פירנדיקע מיליטער־גענעראַלן מיט די הויפּט־קאָמאַנדירן מעקסוועל טעילאָר און אָמאַר נ. ברעדלי אין דער שפּיץ. אויך די יידישע קראַנקע געפאַנגענע, וועלכע זיינען באַפרייט געוואָרן פון די קאָמוניסטישע כינעזער, ווערן צום ערשטן באַגעגנט פון דעם יידישן טשעפּלעין. ער ברענגט אין זיי אַריין אַ „גייסטיקע באַרואיקונג".

אין פאַרלויף פון די לעצטע צוואָנציק יאָר, און באַזונדערס אין דער צייט, ווען פּרעזידענט טרומאַן האָט אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג אין קאָרעאַ, האָט אַ יידישע פרוי גענומען אַ גאָר אַקטיוון אָנטייל אין דער העכסטער אָנפירונג פון מיליטער־ענינים אין לאַנד. דאָס איז אַנאַ ראָזענבערג. זי איז געבוירן געוואָרן אין אונגאַרן און איז אַהער געבראַכט געוואָרן פון אירע עלטערן, ווען זי איז אַלט געוואָרן עלף יאָר. אין איר פּריוואַטן לעבן האָט זי זיך ספּעציאַליזירט אין „פּאַבליק־רילעישאָנס" און האָט געהאַט צווישן אירע קליענטן אַזעלכע קאָרפּאָרעישאָנס, ווי מעיסיס דעפּאַרטמענט־סטאָר, ראָק־פעלערס און אַנדערע מיליאָנערסקע אונטערנעמונגען.

ווען פּרעזידענט פראַנקלין ד. רוזוועלט איז צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן, האָט מרס. ראָזענבערג באַקומען איר ערשטן רעגירונג־אַמט. זי איז געוואָרן געהילף פון ניו־יאָרקער דירעקטאָר פון ען.־אַר.־עי., נעיטן שטראַוס דזשוניאָר. דערנאָך האָט מען איר אָנפאַרטרויט אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן פון דער פעדעראַלער רעגירונג. אין 1944 האָט פּרעזידענט רוז־וועלט זי באַשטימט פאַר זיין פּערזענלעכער פאַרטרעטערין, אַז זי זאָל אַרומ־פאָרן איבער די מלחמה־פראָנטן, שטודירן פאַרשיידענע פּראָבלעמען און אים וועגן זיי באַריכטן. נאָך רוזוועלטס טויט האָט פּרעזידענט טרומאַן זי באַשטימט אויף אַן ענלעכן אַמט.

ווען גענעראַל מאַרשאַל איז, אין 1950, געוועזן פאַרטיידיקונג־מיניסטער, האָט ער באַשטימט מרס. ראָזענבערג אַלס זיינע אַ געהילף. זי האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל קאָנפערענצן מיט די העכסטע מיליטערישע פירער אויף פאַר־שיידענע פראָנטן און מיט איר מיינונג האָט מען זיך גערעכנט אין די העכסטע מיליטערישע קרייזן. עס פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען אויך געווען רעאַקציאָ־

נערע גרופן, וועלכע האָבן ניט געקענט „ליידן", וואָס אַ יידישע פרוי האָט געוואונען דעם רעספּעקט און די העכסטע קרייזן אין וואַשינגטאָן, — אָבער אַלע זייערע טענות האָבן ניט געהאַט קיין שום באַדייט. נאָכדעם ווי פּרעזי־דענט אייזענהאוער איז אויסגעוויילט געוואָרן, האָט מרס. ראָזענבערג געהאַט מיט אים אַ שמועס פון איבער אַ שעה צייט. זי האָט אים איבערגעגעבן אַן אויטענטישן באַריכט וועגן אַלץ, וואָס עס איז פּאָרגעקומען אויף די מיליטער־רישע פראָנטן אין קאָרעאַ. אויך פּרעזידענט אייזענהאוער האָט פון איר די בעסטע מיינונג, ווייל ער האָט זיך מיט איר פיל מאָל געטראָפן ביי אַ ריי מיליטערישע קאָנפערענצן אין אייראָפּע, — אָבער פּאָליטיק ווייסט ניט פון סענטימענטן, און פּרעזידענט אייזענהאוער האָט זיך געזעגנט מיט מרס. ראָזענבערג.

קאָרעאַ האָט אויך געגעבן אַ רייע יידישע העלדן, וועלכע זיינען אויך באַרימט אין די קרייזן פון דער „יונייטעד־נעישאָנס", ווי קאַפּיטאַן מעלווין גאַרטען, אַ פּאַראַשוטיסט, פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין 65 מיסיעס. ער האָט אַ גלענצנדיקן מיליטער־רעקאָרד און איז רעקאָמענ־דירט געוואָרן צו באַקומען די העכסטע אויסצייכענונג פון קאָנגרעס; דער 25־יאָריקער העלדישער סאַרדזשענט מרדכי פענסטער, וועלכער האָט באַ־קומען אַכט אויסצייכענונגען. ער האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין בירגער. אַזוי ווי הונדערטער אַנדערע אויסגעוואָרצלטע פון די דייטשע לאַגערן האָבן געטאָן. אַ געבוירענער אין לאָדז, האָט ער מיטגעמאַכט די דאָרטיקע געטאָ און צוויי אַנדערע קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, איז ער גלייך אַריין אין מיליטער, האָט באַקומען אַכט מיליטערישע דעקאָראַציעס פאַר זיין העל־דישקייט און דער הויפּט־קאָמאַנדיר רידזשוועי האָט אים פערזענלעך געדאַנקט און געדריקט די האַנט.

אַ טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט דעם יידישן העלד ענסאין קע־נעט שעכטער, פון לאָס־אַנדזשעלעס. ער איז אַ 22־יאָריקער ענסאין, אַן אָפיציר פון דער לופט־קראַפט־אָפּטיילונג אין אַמעריקעס פלאָט. אין אַפּריל, 1952, האָט ער זיך געפונען אויף אַ מיסיע אין די וואָלקנס פון קאָרעאַ איבער דעם שונאס פּאָזיציעס. דער שונא האָט געצילט אויף אים זיין פייער, אַ הויך־פליענדיקע ראַקעטע. זי האָט אויפגעריסן ביים דאַך פון זיין עראָפּלאַן, האָט אַראָפּגעריסן דעם אויבערדעק ביי דער פענצטער, פון וועלכער דער פליער קוקט אַרויס צו זען דעם וועג און דערביי אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ער איז באַלד בלינד געוואָרן.

ער האָט דורך דער ראַדיאָ אַלאַרמירט די אַנדערע אַמעריקאַנער פליער און געבעטן הילף. ער האָט באַלד באַקומען אינסטרוקציעס און עס איז געלונגען דעם עראָפּלאַן אַראָפּצובריינגען אויף אַ זיכערער טעריטאָריע. דאָ איז געווען ניט נאָר וויסנשאַפט און טעכניק, נאָר אויך מענטשלעכע נשמה און ברידערלעכע הילף אין דער נויט. בלינדערהייט האָט שעכטער געפירט זיין עראָפּלאַן. ער איז דערביי געווען אין גרויסע יסורים, און דאָך האָט ער מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך באַמיט אויסצוהערן די אינסטרוקציעס פון זיין וואָפן־חבר, ניט אַריינצופאַלן צום שונא און אַלץ נעענטער געקומען צו אַ לופט־פעלד פון דער יו־ען. מען האָט אים באַלד גענומען אויף אַן אַנדערן עראָפּלאַן און אים געבראַכט אין אַ גרויסן שפּיטאָל אין לאָס־אַנדזשעלעס.

קאַפּיטאַן בערנאַרד אייבראַמס, פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, איז צוויי מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אין די שלאַכטן פון קאָרעא. האָט באַקומען שווערע וואונדן אין ביידע פיס און רוקן. 20 פּאַינטס בלוט האָבן אים צוריקגעבראַכט צום לעבן און ער האָט באַקומען אויסצייכענונגען פאַר זיין העלדישקייט. קאַפּיטאַן אייבראַמס האָט שטודירט אין דער מיליטערישער אקאַדעמיע אין וועסט פּאָינט, געוואָרן אַ לייטענאַנט, אין קאָרעאַ איז ער געוואָרן אַ קאַפּיטאַן. ער איז דער איינציקער ווייסער מאַן, דער אַנפירער פון אַ קאָמפּאַני נעגערס און האָט מיט זיי געלעבט אין די בעסטע באַציאונגען. אייבראַמס האָט אין 1953 דורכגעפירט אַ בלוט־קאַמפּיין פאַרן רויטן קרייץ, וואָס ברענגט אַ ניי לעבן צו די פאַרוואונדעטע העלדן, וועלכע ראַנגלען זיך מיטן טויט.

קענעט (קיווע) גאָרדאָן, פון ניו־יאָרק, איז אין קאָרעא געוואָרן זייער באַרימט. ער איז אַ פידל־שפּילער און ער האָט אין פאַרלויף פון 14 חדשים געגעבן 400 קאָנצערטן אין אַלע וויכטיקע מיליטערישע פּאָזיציעס פון דרום קאָרעאַ. ער האָט אויך געשפּילט בייטאָג און ביינאַכט פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג און פאַר די העכסטע מיליטערישע פירער פון די פאַרשיידענע לענדער, וועלכע געהערן צו דער יו־ען פאַרטיידיקונג. דער מיליטערישער הויפּט־קאָמענדאַנט, גענעראַל וואַן־פליט, האָט אים דעקאָרירט מיט אַ מעדאַל אַלס אָנערקענונג פאַר דעם באַדייטנדיקן ביישטייער, וואָס ער האָט געמאַכט דערמיט, וואָס ער האָט מיט זיינע קאָנצערטן געהויבן דעם מאָראַל פון דער אַרמיי.

עס איז קלאָר, אַז דער אַמעריקאַנער רויטער־קרייץ נויטיקט זיך שטאַרק אין בלוט פאַר די מלחמה־פאַרוואונדעטע אין קאָרעאַ. דער גרויסער הומאַניטאַריער, וועלכער איז שטענדיק גרייט צו העלפן אין אַ נויט, עדי קענטאָר, האָט פאַרטראַכט אַן אָריגינעלן פּלאַן ווי אַזוי צו העלפן די מלחמה־קרבנות.

איינער אַליין צו געבן אַ ריי פאָרשטעלונגען אין אַ צאָל גרעסערע שטעט און אַ בילעט זאָל קאָסטן אַ האַלבע קוואָרט (פאַינט) בלוט פאַר יעדן איינעם, וואָס וועט וועלן זען די פאָרשטעלונג. אין פאַרלויף פון איניקע וואָכן איז ער געווען אין באַלטימאָר, פיטסבורג, סינסינעטי, קליוולאַנד, שיקאַגאָ, באָפאַלאָ און אין אַ גרעסערער צאָל אַנדערע שטעט, וואו ער האָט פראָפאַגאַנדירט פאַר דער דרינגלעכער נויט פון רויטן קרייץ, וואָס דאַרף בלוט פאַר אונדזערע העלדן, וואָס יעדער פאַינט בלוט קאָן ראַטעווען אַ לעבן.

צוליב דעם וואָס עס ווערט געפלאַנט ווידער אויפצובויען פון דאָס ניי דאָס רואינירטע קאָרעאַ, האָט דער יידישער עקאָנאָמיסט ראָבערט נעיטן, פון קליוולאַנד, וועלכער האָט אויך געהאַט אַ ריי פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן אין פאַרשיידענע רעגירונג־אַגענטורן אין וואַשינגטאָן, באַקומען די אויפגאַבע, אויסצופאָרשן אַלע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן אין קאָרעאַ, וואָס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און וויפל עס וועט נויטיק זיין, כדי צו קענען ווידער אויפבויען אַ ניי קאָרעאַ לויט די לעצטע באַשטימונגען פון דער מאָדערנער טעכניק און פאָלקס־געזונט.

צווישן די דירעקטאָרן פון אַמעריקע־קאָרעאַ פאונדעישאָן, וועלכע גיט הילף פאַר די נויט־ליידנדיקע אין קאָרעאַ, געפינען זיך מרס. בערנאַרד גימבעלס, אַרטור העיז־זולצבערגער (דער אַרויסגעבער פון „ניו־יאָרק־טאַימס") און דער פאַפיר־אינדוסטריעלער דזשעימס דעיוויד צעלערבאַך פון סאַן־פראַנציסקאָ.

צום סוף פון דעם איבערבליק וועגן דער יידישער באַטייליקונג אין די קאַמפן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען די פאַקטן, אַז דער געזאַנג־באָארד פון דער אַרמיי, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון פראָמינענטע רעפרעזענטאַנטן פון דער מוזיק־וויסנשאַפט און אינדוסטריע, האָט רעקאָמענדירט אַ מאַרש פון דעם יידישן לידער־שרייבער סעם סטעפט אַלס אַ פאַסיקער מאַרש פאַר דער אַרמיי. דער מאַרש, וואָס רופט זיך „דהי אַרמי איז אָלוועיס דהער" איז אויסגעקליבן געוואָרן ביי אַ קאָנטעסט, וואו עס האָבן זיך באַטייליקט אַ סך מוזיקער־פאַבליים און איז צום ערשטן מאָל געשפילט געוואָרן ביי דער איינשווערונג פון פרעזידענט אייזענהאַוער אין יאַנואַר, 1953. אויך דער מוזיקער ס. ג. בראַסלאַווסקי, פון באָסטאָן, האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר דורכפירן דערפאָלגרייכע מוזיק־קאָנצערטן פאַר מיליטער־גרופן אויף די פאַרשיידענע מלחמה־פראָנטן.

העכערע רעגירונג־אַמטן

אין דער דיפּלאָמאַטיע

די אַמעריקאַנער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט האָט פּראָקלאַמירט די פּרינציפּן פון גלייכהייט פאַר אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, און די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָט דורכגעפירט דאָס אָפּטיילן „די קירכע פון שטאַט", האָט געעפנט די טירן פון די עפנטלעכע אַמטן אין דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, אַז יידן זאָלן דאָרט ניט האָבן קיין שום שטערונג. שוין דער ערשטער פּרעזידענט, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, האָט געשיקט דעם ערשטן יידישן דיפּלאָמאַט, דעיוויד סעליסבורי פרענקס, אין 1784, פאַר אַן אַמעריקאַנער פאַרטרעטער קיין מאַרסעל און דערנאָך קיין מאַראָקאָ און ער האָט אָפּגעשלאָסן אינטערנאַציאָ־נאַלע אָפּמאַכן. טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט באַשטימט דעם ייד רובין עטינג פאַר יונייטעד סטעיטס מאַרשאַל אין מערילאַנד און פּרעזידענט דזשעימס מעדיסאָן האָט שוין באַשטימט מערערע יידן אויף עפנטלעכע אַמטן. צווישן זיי מרדכי עמנואל נח און ד״ר יואל האַרט פאַר אַמעריקאַנער קאָנסולן אין סקאָטלאַנד און טוניס.

וואָס מער עס האָבן זיך אַנטוויקלט דיווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דער גרויסער וועלט, באַ־זונדערס מיט אייראָפּע, אַלץ מער האָבן יידן באַקומען רעגירונג־ און דיפּלאָ־מאַטישע אַמטן. דער יידישער באַנקיר אויגוסט בעלמאָנט, וועלכער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט ראָטשילדס באַנק, איז בעת דעם בירגער־קריג געווען פאַרטרעטער אין האָלאַנד, וועמענס דערפאָלג איז פון לינקאָלן עפנט־לעך אָפּגעשאַצט געוואָרן. בענדזשאַמין פרענקלין פּיישאטא איז אין 1870 געשיקט געוואָרן פון פּרעזידענט גרענט קיין רומעניע און דערנאָך קיין פראַנקרייך.

אָסקאַר סאָלאָמאָן שטראוס איז אין 1887 באַשטימט געוואָרן פון פּרעזי־דענט גראָווער קליוולאַנד פאַר דיפּלאָמאַטישן פאַרטרעטער אין טערקיי. ער האָט דאָרט דורכגעפירט וויכטיקע קולטורעלע אַקציעס און געפּועלט ביים טערקישן סולטאַן, אַז אַמעריקאַנער זאָלן קענען מאַכן אַרכעאָלאָגישע פאַר־

שונגען. דערנאָך איז אַ צווייטער ייד, סאָלאָמאָן הירש, געשיקט געוואָרן קיין טערקיי. אָבער אַזוי ווי די באַציאונגען צווישן אַמעריקע און טערקיי זיינען געוואָרן אָנגעשטרענגט, האָט פּרעזידענט וויליאַם מעקקינלעי אַפּעלירט צו אָסקאַר שטראוס, אַז ער איז דער איינציקער מאַן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער קען ראַטעווען די סיטואַציע און ער זאָל ווידער איבערנעמען זיין פריערדיקן אַמט. נאָכדעם ווי ער האָט זיין שליחות דורכגעפירט מיט אַ גרויסן דערפאָלג, איז ער אין 1906 באַשטימט געוואָרן פון פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט פאַר דעם ערשטן יידישן מיניסטער. ער האָט איבערגע־נומען דעם מיניסטער־אַמט פאַר האַנדל און אַרבעט. טעאָדאָר רוזוועלטס נאָכפאָלגער, וויליאַם טעפט, האָט אים אויך געוואָלט האָבן אין זיין קאַבינעט, אָבער אין טערקיי איז די לאַגע ווידער געוואָרן זייער ערנסט און עס האָט זיך געפאָדערט, אַז אָסקאַר שטראוס זאָל צום דריטן מאָל זיין דער דיפּלאָמאַ־טישער פאַרטרעטער אין טערקיי. ער איז אַוועק קיין טערקיי און ער האָט דאָרט געזיכערט די רעכט פון אַ גרויסער צאָל אַמעריקאַנער און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען ניט געווען אין גייסט פון מאַכמעדאַנישן גלויבן.

לואיס איינשטיין און עדואַרד אייזעק נעיטן זיינען געווען אַמעריקאַנער קאָנסולן אין מערערע לענדער אין איראָפּע און אַזיע; העגרי מאָרגענטוי, דער פאָטער, איז אין 1914 געשיקט געוואָרן פאַר אַמבאַסאַדאָר קיין טערקיי; וואו ער האָט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (איידער אַמע־ריקע איז אַריין אין קריג) באַשיצט די אינטערעסן פון די עלייס־מלוכות, וועלכע זיינען געווען אין קריג מיט טערקיי. אונטער זיין פירערשאַפט איז אויך פאָרגעקומען דער גרויסער אויסטויש פון זיבן הונדערט טויזנט גריכן און פיר הונדערט טויזנט טערקן. דערמיט איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ נייע מלחמה צווישן די ביידע פעלקער, וועמענס שנאה עס האָט אָנגעהאַלטן העכער הונדערט יאָר. מאָרגענטוי האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט דעם יידישן ישוב און אַ סך יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם ישוב און זיינען היינט די פירער פון מדינת ישראל. ער האָט זיי בעת דער מלחמה אַריבערגעשיקט קיין אַמעריקע, כדי זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער טערקישער מאַכט, וואָס האָט באַשולדיקט די יידן, אַז זיי זיינען פאַרבינדעטע פון טערקייס שונאים.

אייבראַהעם עלקוס איז צוערשט געווען אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי און דערנאָך איז ער געשיקט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער שליחות — אויסצוגלייכן

סכסוכים צווישן שוועדן און פינלאַנד וועגן די אַלאַנד־אינדזלען. הערמאַן בערנשטיין, וועלכער האָט געגרינדעט דעם „טאָג" און איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון אָט־דער צייטונג, איז געשיקט געוואָרן ווי אַן אַמ־באַסאַדאָר קיין אַלבאַני. איירא נעלסאָן מאָריס, וועלכער האָט געגרינדעט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן ראַדיאָ־פאָרום, איז געשיקט געוואָרן קיין שוועדן. רבי יוסף קאָרנפעלד — קיין פערסיע. די דאָרטיקע יידן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ צווייטן מרדכי הצדיק. ער האָט אינטערווענירט אין נאָמען פון אַמעריקע וועגן אויסבעסערן די לאַגע פון די דאָרטיקע יידן. דוד קויפמאַן — קיין באָליוויאַ. הערי פרענק גוגענהיים האָט מיט אַ גרויסן דערפאָלג דורכגעפירט זיין שליחות אין קובאַ. דזשעסי איזידאָר שטראַוס איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך און הערמאַן בענדזשאַמין באַרוך — קיין פּאָרטוגאַל. יידן זיינען אויך געווען און זיינען אויך איצט העכערע קאָנסולאַר־באַאַמטע און אַטאַשעס ביי די אַמערי־קאַנער דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטונגען אין אויסלאַנד.

אַ זעלטענע פערזענלעכקייט אין דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע איז געווען, אין די שווערע יאָרן פון מלחמה און פון דער היטלער־טראַגעדיע, לאָרענס ד. סטיינהאַרדט (אַ פּלימעניק פון סעמיועל אונטערמייער). זייט דעם אָנהויב פון 1933 איז ער געווען אַמעריקעס פאַרטרעטער אין שוועדן, סאָוויעט־רוסלאַנד, טערקיי און טשעכיע. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פעאיקן דיפּלאָמאַט און אים פאָראויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט, אָבער — אויפן וועג פון קאַנאַדע, איז ער אין 1950, אין עלטער פון 57 יאָר, אומגעקומען ביי אַ לופט־קאַטאַסטראָפע. אין אַ שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט היגע פאַרטרעטער פון „אגודת ישראל" וועגן ראַטעווען יידן פון די נאַצישע הענט, האָט ער איבערגעגעבן, אַז ער אַליין האָט פערזענלעך אַריבערגעפירט קינדער פון בולגאַריע קיין טערקיי און אַזוי אַרום זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

נאָך אָסקאַר סאָלאָמאָן שטראַוס איז געווען נאָך אַ ייד אַ מיניסטער אין וואַשינגטאָן — הענרי מאָרגענטוי דער זון. ער איז געווען טרעזשור־סעקרע־טערי, ד. ה. דער פינאַנץ־מיניסטער אין פרעזידענט פרענקלין רוזוועלטס קאַ־בינעט, וואָס דאָס איז דער צווייטער וויכטיקער רעגירונג־אַמט נאָכן סטעיט־סעקרעטערי. ער איז געווען אין זיין אַמט ביז רוזוועלט איז געשטאָרבן. זיי ביידע זיינען אויך געווען אינטימע פריינט אין זייער פריוואַט־לעבן. עס איז קלאָר, אַז עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט געקענט רויק צוזען מאָרגענטויס דערפאָלג ביים רעגולירן די מלוכה־פינאַנצן, אָבער די גרויסע ריזיקע מערהייט אין לאַנד האָט אָנערקענט, אַז ער האָט זיין אַמט

געפירט מיט סאָציאַלער גערעכטיקייט, פּאַכמעניש וויסן און מיט גרויס פּאַט־ריאָטיזם און איבערגעבנקייט. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער אָרגאַניזירט דעם באַנד־פּאַרקויף מיט אַ גרויסן דערפּאָלג פאַר דער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

אין סופרים־קאָורט

דריי יידן זיינען ביז איצט געווען אין סופרים קאָורט, דאָס העכסטע געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן: לואיס דעמביץ בראַנדעיס, בענדזשאַ־מין נעיטן קאַרדאָזאָ און פעליקס פראַנקפורטער. דער לעצטער איז דער איינציקער ייד און דער עלטסטער ריכטער, וואָס געפינט זיך. בעתן שרייבן פון די שורות, אין סופרים קאָורט. אַלע דריי זיינען יוריסטן מיט קריסטאַל־ריינע נשמות, וועלכע האָבן געשאַפן אַ נייע פילאָזאָפיע וועגן דער הייליקייט פון דעמאָקראַטיע און מאָראַל אין לעבן פון איינצלנע מענטשן און פעלקער.

לואיס ד. בראַנדעיס (1856—1941) האָט אַרויסגעוויזן זיינע גאונישע פעאיקייטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער געזעצגעבונג. ער איז געווען אַ זון פון אימיגראַנטן־עלטערן, וועלכע זיינען געקומען פון טשע־כיע און ניט נאָר אַ מיטגליד פון העכסטן געריכט צו באַשיצן די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, נאָר ער האָט מיטגעהאָלפן די אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק און די סאָציאַלע רעכט פון דעם איינפאַכן מענטשן. איבעראַל, וואו מען האָט געדאַרפט זיין ראַט און טאַט, איז ער באַלד געווען אויפן אָרט. אויך אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז זיין נאָמען אַנגעשריבן מיט גאָלדענע בוכשטאַבן. בראַנדעיס איז פון פרעזידענט וואודראָ ווילסאָן באַ־שטימט געוואָרן דעם 28טן יאַנואַר, 1916, צום סופרים־קאָורט. ער האָט דעם אַמט איבערגענומען דעם 5טן יוני. ער איז געווען דער ערשטער ייד — אַ ריכטער אין העכסטן געריכט. ער איז דאָרט געווען ביז דעם 13טן פעברואַר, 1939, ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ריכטער־שטול און דעם 6טן אָקטאָבער, 1941, איז ער געשטאָרבן אין עלטער פון 85 יאָר.

ווען בראַנדעיס האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט, וואָס ער האָט געהאַט פאַר־נומען 23 יאָר, האָט פרעזידענט פרענקלין רוזוועלט געענטפערט, אַז ער באַ־דויערט די רעזיגנאַציע און אַז דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק איז פאַראייניקט אין דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פאַר די דינסטן, וואָס ריכטער בראַנדעיס האָט געלייסטעט פאַרן לאַנד. אויך די גאַנצע פרעסע איז געווען איינהייטלעך אין לויב און הויכשעצונג. די פרעסע האָט גערעדט פון אים ווי פון איינעם פון די גרעסטע ריכטער, וואָס איז געזעסן אין סופרים־קאָורט. ער איז

אַנערקענט געוואָרן ניט נאָר ווי אַ טיפּזיניקער יוריסט פון זעלטענער אויס־צייכענונג, נאָר ווי אַן אַמעריקאַנער פון לינקאָלן־טיפּ, ווי איינער, וואָס פאַר יורידישע פּראָבלעמען ער האָט ניט געהאַט פאַר זיך — איז דער יסוד פון זיינע אַנטשיידונגען געווען, זיין מאָראַלישער דראַנג און אַנטשלאָסנקייט — פאַרטיידיקן און אָפּהיטן די פונדאַמענטאַלע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פון פרייהייט און גערעכטיקייט, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן אַלע שטורעמס און אָנגריפן און האָבן געמאַכט פון אַמעריקע דעם לייכט־טורעם צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

צו זיין אָנדענק טראָגט דער יונגער אוניווערסיטעט, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1948 אין מעסאַטשוזעטס, דעם נאָמען בראַנדעיס־אוניווערסיטעט, און צווישן דער יידיש־אַמעריקאַנער שטודירנדיקער יוגנט איז אַנטשטאַנען אַ בראַנדעיס־באַוועגונג, אים צו נעמען פאַר אַן אידעאַל פון צו זיין גלייכצייטיק גוטע אַמעריקאַנער און גוטע יידן.

בענדזשאַמין נעיטן קאַרדאָזאָ (1860—1938) איז פון פּרעזידענט הערבערט הואווער באַשטימט געוואָרן דעם 15טן פעברואַר, 1932, פאַר ריכטער אין סופרים־קאורט און ער האָט זיינע פליכטן איבערגענומען דעם 14טן מערץ 1932. בענדזשאַמין קאַרדאָזאָ איז גלייכצייטיק געווען דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער אינסטיטוט פאַר יוריספּראָדענץ און ער האָט געהאַט אַקאַדעמישע טיטולן פון 14 אוניווערסיטעטן. ריכטער קאַרדאָזאָ שטאַמט פון אַן אַלטער שפּאַניש־מאַראַנישער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך שוין געפונען אין דער קאָלאָניאַלער צייט און זיינס אַן עלטער־זיידע האָט געקעמפט אין דער רעוואָלוציע. שוין אין יאָר 1911 האָט פּרעזידענט טעפט אים געוואָלט באַשטימען פאַר אַ ריכטער אין סופרים־קאורט. קאַרדאָזאָ האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט. ער האָט געוואָלט זיין אַ פרייער יוריסט. פּרעזידענט טעפט האָט געבעטן רבי סטיפען ס. וואיז, אַז ער זאָל וועגן דעם נאָכאַמאָל איבעררעדן מיט קאַרדאָזאָן. סטיפען וואיז שרייבט וועגן דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אָבער קאַרדאָזא האָט פון דעם ניט געוואָלט הערן. ער האָט געוואָלט בלייבן אַ פרייער יוריסט און ניט זיין געבונדן דורך אַ ריכטער־אַמט. ערשט ווען פּרעזידענט הואווער האָט אים נאָמינירט, אין יאָר 1932, האָט ער דעם אַמט אָנגענומען. הואווער האָט ביי זיין נאָמינאַציע דערקלערט, אַז קאַרדאָזאָ איז דער איינציקער יוריסט, וואָס קען פאַרטרעטן דעם ריכטער האָלמס, וועלכער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט אין סופרים קאורט. בראַנדעיס און קאַרדאָזאָ האָבן זייער בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער היסטאָריע.

פעליקס פראַנקפורטער ווערט באַטראַכט פאַר דעם מענטשן מיט אַ

רייגער מאַראַל, אַ טיפּ פון אַן עמיל זאָלאַ. געבוירן אין 1882 אין ווין, ברענגען זיינע עלטערן אים אַלס אַ קינד קיין אַמעריקע און ער גייט אויף די שטאַפּלען אַלץ העכער און העכער, ביז ער איז געקומען אויף דעם העכסטן אַמט פון זיין אַ מיטגליד אין סופרים־קאורט, נאָך אַ גרעסערער אַמט פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט, ווייל דער סופרים־קאורט קאָנטראָלירט די מעשים פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט, צי זיי זיינען אין הסכם פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. אַזאַ דערשיינונג איז אַ גרויסע זעלטנקייט. אַזוי ווי בראַנ־דעיס, ווייזט אויך פראַנקפורטער אַ נייעם וועג אין דער פילאָזאָפיע פון רעכט און גערעכטיקייט און אויף דעם וועג האָט ער דערצויגן אַ גאַנצן דור פון דער ליבעראַל־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, וואָס האָט איר דערציאונג באַ־קומען ביי פראַנקפורטערן אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט. אַ גרויסע צאָל פון זיינע תלמידים האָבן פאַרווירקלעכט זיינע סאָציאַלע אידעאַלן ביים דורכ־פירן דעם ניו־דיל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון רוזוועלטן און אַ גרויסער טייל זיינען אויך איבערגענומען געוואָרן פון טרומאַנען.

לואיס מאַרשאַל (1856—1929), כאָטש ער האָט ניט פאַרנומען קיין אָפיציעלן ריכטער־אַמט, איז ער דאָך פון אַלעמען אַנערקענט געוואָרן אַלס אַן אויסערגעוויינלעכע מאָראַל־רייגע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען דער איינציקער יוריסט, וואָס איז געווען אַזוי ווי די ריכטער — אַ טייל פון סופרים קאורט. ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט דער ניו־יאָרקער הויפּט־ריכטער וויליאַם ראַדזשער אים עקזאַמינירט צי ער איז קוואַליפיצירט צו זיין אַ יוריסט. נאָך די עקזאַמענס האָט ער אים באַלד איינגעלאַדן צו ווערן אַ שותף אין זיין לאָו־אָפיס. אין יאָר 1911 האָט לואי מאַרשאַל געפאָדערט, אַז אַמעריקע זאָל אָפּברעכן די האַנדל־באַציאונגען מיט רוסלאַנד, ווייל מען האָט דאָרט ניט געוואָלט אַריינלאָזן יידן — אַמעריקאַנער בירגער. ווען פּרע־זידענט טעפט האָט עס אָפּגעזאָגט — האָט מאַרשאַל אויפגערודערט דאָס לאַנד, צונויפגערופן מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אויפגעטראָטן אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז און אין סענאַט, ביז עס איז, אין דעצעמבער 1911, זיין וואונטש דערפילט געוואָרן.

לואיס מאַרשאַל האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז העברי פאַרד האָט נאָך פינף יאָר אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע זיך עפנטלעך דערפון אָפּגעזאָגט. ווען ער איז געוואָרן זיבעציק יאָר, האָבן רעפּרעזענטאַנטן פון אַכט טויזנט אָרגאַ־ניזאַציעס און אינסטיטוציעס אים איבערגעגעבן אַן אַדרעס, וואו ער איז באַ־צייכנט געוואָרן אַלס אַ טשעמפּיאַן און ליבהאָבער פון דער מענטשהייט.

אַרום דעם ווייסן הויז

מיט אַ באַזונדער רעספּעקט קוקט דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק אַרויף צו בערנאַרד באַרוך, דער עלטערער שטאַטסמאַן, וואָס ווערט אָנגערופֿן „ראַטגעבער פֿון פּרעזידענטן". שוין באַלד 40 יאָר ווי ער איז אַ גרויסע פֿיגור אין נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן פֿון לאַנד. אַלע פּרעזידענטן, פֿון וואודראָ ווילסאָן ביז דוואַיט אייזענהאַוער, האָבן זיך צוגעהערט און מען הערט זיך אויך איצט צו צו זיינע עצות. בערנאַרד באַרוך איז אַ זון פֿון באַקאַנטן מעדיציניש פּיאָנער ד"ר סיימאָן באַרוך. ער איז געווען אַ בראָקער אין וואָל סטריט און האָט אונטערשטיצט פּאַרשיידענע אוניווערסיטעטן. אין 1916, ווען ווילסאָן האָט געוואָלט אָרגאַניזירן די אינדוסטריעלע פּאַרטיידיקונג פֿון לאַנד, האָט ער צוגעצויגן בערנאַרד באַרוך, אים באַשטימט פֿאַר טשערמאַן פֿון דער גאַנצער אינדוסטריעלער פּאַרטיידיקונג און אויך מיטגענומען פֿאַר זיין עצה־געבער צו דער פֿרידנס־קאָנפֿערענץ אין פּאַריז. אויסער אַמעריקע, האָט אויך פֿראַנקרייך, ענגלאַנד און בעלגיע אים געגעבן די העכסטע אויסצייכענונגען.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט פּרעזידענט רוזוועלט אים געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון דער מלחמה־פּראָדוקציע און נאָך דער מלחמה אים באַשטימט פֿאַר אַמעריקאַנער פֿאַרטרעטער אין דעם יו־ען־קאָמיטעט צו קאָנטראָלירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַרברויך פֿון דער אַטאָמישער ענערגיע. אויך די פּרעזידענטן טרומאַן און אייזענהאַוער האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע עצות. פֿון צייט צו צייט טרעט ער אויף פֿאַר פֿאַרשיידענע סענאַט־קאָמיסיעס און ער זאָגט אַרויס זיינע מיינונגען, וואָס ווערן אויסגעהערט מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט איבערן גאַנצן לאַנד, וועגן אַ גרויסער צאָל מלוכה־פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַקטועל אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. צו זיין כבוד האָט דער סיטי־קאָלעדזש אין ניו־יאָרק אָנגערופֿן די שול פֿאַר האַנדל און אַדמיניסטראַציע אויף זיין נאָמען. וועגן אים זיינען שוין דערשינען העכער 50 ביכער. זיין לאָזונג איז: אַז מען איז שטאַרק — האָט מען דעם שלום! ער איז איצט אַלט 83 יאָר.

בערנאַרד באַרוך האָט מיטגעבראַכט קיין וואַשינגטאָן זיינס אַ תלמיד, יודזשין מייער. פֿון ווילסאָן ביז טרומאַן האָט מען אים אָנפֿאַרטרויט גרויסע

פּאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן און ער האָט איינגעשפּאָרט מיליאָנען דאָלאַרס פאַר דער מלוכה־קאַסע. אין 1916 האָט פּרעזידענט ווילסאָן אים באַשטימט צו רעאָרגאַניזירן דעם „וואָר פיינענס באָארד", כדי צו האָבן די נויטיקע געלט־פאָנדן אויף צו קענען אָנפירן די מלחמה־פאַרטיידיקונג. אויך די פּרע־זידענטן האַרדינג, קולידזש און הוואָווער האָבן אים איבערגעגעבן אָנצופירן וויכטיקע רעגירונג־אַגענטורן. צווישן זיי דעם פעדעראַל פאַרם לאָאַן באָארד און ער איז געווען דער גאָווערנאָר פון פעדעראַל ריזורוו באָארד. אין יולי 1941 האָט רוזוועלט אים באַשטימט אין דיפענס מידיעישאָן באָארד. אין 1946 האָט טרומאַן אים געגעבן דעם אַמט פון פּרעזידענט פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער באַנק פאַר ווידעראויפבוי און אַנטוויקלונג. ער איז דער אַרויס־געבער פון דער ליבעראַלער „וואַשינגטאָן פּאָסט", און ער האָט באַשטימט אַ פאָנד פאַר עקאָנאָמישע פאָרשונגען אין יעיל־אוניווערסיטעט.

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען פון ראַבאַי סטיפען וואַיז, וועלכער איז אויך געווען אַן אינטימער פריינט פון אַ ריי פּרעזידענטן אין ווייסן הויז. סטיפען וואַיז (1884—1949) האָט אין דער רעגירונג ניט געהאַט קיין אָפיציעלן אַמט, אָבער „הינטער די קוליסן" איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך צו באַשיצן דאָס מאָראַליש־גייסטיקע לעבן אין לאַנד. ער איז אויך אויפגעטראָטן אין אַ ריי קריסטלעכע קירכן, וואו מען האָט מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו זיינע מיינונגען וועגן ברידערלעכקייט צווישן מענטשן און פעלקער.

סטיפען וואַיז האָט געוויזן, אַז ער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט שיינע דרשות. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק אין אַ נעיווי יאַרד אין סטעמפאָרד, קאָנעטיקוט, און ער האָט דאָרט געאַרבעט אין די גרויסע היצן ווי אַן איינפאַכער אַרבעטער. אויך האָט ער אויף עפנטלעכע פּלעצער געהאַלטן רעדעס וועגן דער נויטווענדיקייט פון קויפן די ליבערטי־באָנדס. די פּרעזידענטן — פון טעאָדאָר רוזוועלט ביז פרענקלין רוזוועלט — האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן „אייגענעם מענטשן". ער האָט הינטער די קוליסן זייער פיל אויסגעווירקט.

דר. וואַיז איז אויך געווען אַ נאָענטער פריינט פון אַ גרויסער צאָל דעמאָ־קראַטישע פּאָליטיקער, געלערנטע און גייסטלעכע פון פאַרשיידענע גלויבנס. ביי אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען האָט ער אָפן און מוטיק דערקלערט זיין מיינונג. מען דאַרף וויסן, אַז אין זיין „פריייער סינאַגאָגע" האָט ער געהאַט פאַר מיט־גלידער די גרעסטע יידישע מיליאָנערן און מערערע מאָל האָט ער זיי דער־ציילט וועגן אָרעמקייט און נויט, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט הערן. אין זיינע

דרשות האָט ער אויך פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די אַרבעטער, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין אַ סטרייק און דאָס גלייכן.

לואי סטענטאָן ראָו, עקאָנאָמיסט און פּראָפעסאָר פאַר פּאָליטישער וויסנשאַפט, איז פון פּרעזידענט וויליאַם מעקקינלעי (1843—1901) באַשטימט געוואָרן צו רעווידירן די געזעצן פון פּאָרטאָ־ריקאָ. שפּעטער איז ער געווען אַמעריקעס דעלעגאַט אויף די קאָנגרעסן פון די פּאַן־אַמעריקאַנער לענדער, ד. ה. די לענדער וואָס געפינען זיך אין דער סאַוט־ און צענטראַל־אַמעריקע. אין 1919 איז ער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער פּאַן־אַמעריקע־אָפּטיילונג אין סטעיט־דעפּאַרטמענט, אין 1920 — דירעקטאָר פון פּאַן־אַמעריקאַנער יוניאָן, און אין 1939 האָט ער געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט די אויסערן־מיניסטאָרן פון די פּאַן־אַמעריקאַנער לענדער און זיי האָבן מיט אַ גרויסן אינטערעס זיך צוגעהערט צו זיינע עצות. ביין לענדער האָבן אים געגעבן ערן־אויסצייכענונגען און די פּאַן־אַמעריקאַנער סאָסייעטי, וואו עס געפינט זיך די אַריסטאָקראַטיע פון די דאָזיקע לענדער, האָט אים געגעבן דעם גאָלדענעם מעדאַל, וואָס פריער האָבן אים באַקומען הואָווער, רוזוועלט, קאָרדעל האַל און סאָמנער וועלס.

אַלבערט לאַסקער איז געווען אַ פינאַנץ־זשעניע. ער האָט געמאַכט מיליאָנען אין אַדווערטייזינג־געשעפטן. אין 1921, ווען די רעגירונג־שיפן האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערן פינאַנציעלן קריזיס און עס האָט געהאַלטן דערביי אַז דער גאַנצער שיף־פּאַרקער זאָל צוזאַמענברעכן, האָט פּרעזידענט וואָרען דזש. האַרדינג (1865—1928) באַשטימט אַלבערט לאַסקער פאַר דעם טשערמאַן פון שיפּינג־באָארד און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט לאַסקער געשניטן דעם מאָנאַטלעכן דעפיציט פון זעכצן מיליאָן אויף פיר מיליאָן דאָלאַר. האַרדינג האָט אים געהאַלטן פאַר דעם נאָענטסטן בעל־יועץ אויך אין אַ רייע אַנדערע מלוכה־ווידטשאַפטלעכע ענינים. ווען לאַסקער איז געשטאָרבן האָט זיין פרוי באַשטימט אַ פאָונדעישאָן, וועלכע האָט צעטיילט העכער אַ מיליאָן דאָלאַר אויף מעדיצינישע פאָרשונגען, באַזונדערס איז געגעבן געוואָרן גרעסערע סומען פאַר דער אוניווערסיטעט אין שיקאַגאָ.

אַרום רוזוועלט־טרומאַן

די עפּאָכע פון ווילסאָן־רוזוועלט־טרומאַן איז אין אַ געוויסן זין געווען אַ פּערמאַנענטע מאָראַליש־גייסטיקע רעוואָלוציע, אַ העכערע אויפפאַסונג ווי אַזוי אַמעריקע דאַרף געפירט ווערן. ווען ווילסאָן איז געקומען צו דער פּאַריזער פרידנס־קאָנפערענץ מיט זיינע פערצן פּונקטן און געוואָלט אַוועקשטעלן

אַמעריקע אַלס די פירערין פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע, האָט ער דערמיט באַוויזן, אַז פאַר אים איז אַמעריקע געווען אַ גלויבן־זאַך, אַ געשיכטלעכע שליחות. געוויס זיינען רוזוועלט און טרומאַן געווען פּראַקטישער און האָבן געהאַט אַ מער קאָנקרעטן פּלאַן פאַרן לאַנד און פאַר אויסלאַנד, אַ גרעסערן חוש פאַר סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראַמען, אָבער דער וועג איז געווען דער זעלביקער. פאַר זיי האָט אַמעריקע געהאַט קודם כל אַ מאָראַל־עטישע ווערט. אַמעריקע איז נאָך אַלץ געווען דער סימבאָל פון אַ לאַנד, וואָס וויל זיין געטריי איר היסטאָרישן גורל, צו זיין דער לייכט־טורעם פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, וועמענס בלאָנדזשענדיקע שיף אין אייראָפּע ווערט געוואָרפן אין שטורעם־כוואַליעס.

עס איז קלאָר, אַז צווישן די גייסטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט די דערמאָנטע גייסטיק־מאָראַלישע תקופה, האָבן זיך אויך געפונען אַ גרויסע צאָל יידישע נעמען. אין אַלע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דעם „ניו־דיל" זיינען געווען אידעאַליסטן, שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע בריליאַנטענע גייסטיקע לערער, ווי די ריכטער בראַנדעיס, קאַרדאָזאָ, פראַנקפורטער, ראָזענמאַן און אַזעלכע שטאַטסלייט, ווי בערנאַרד באַרוך, הערבערט לעהמאַן און ה. מאָרגענטוי, נאָר אויך אַ גאַנצע גרופּע פון אידעאַליסטישע יוריסטן, אַגראָנאָמען, עקאָנאָמיסטן, סטאַטיסטיקער און קענער פון אַרבעט־פּראָבלעמען, וועלכע וואָלטן אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען געמאַכט גרויסע קאַריערעס, אָבער זיי האָבן נאָכגעפאָלגט די אידייען פון זייער גרויסן רבי און גייסטיקן פירער בראַנדעיס און זיי האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער נייער סאָציאַלער אָרדענונג אין אַמעריקע.

דזשעראָם פראַנק, אַ גלענצנדיקער לאָיער און פעדעראַלער דזשאָדזש, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סאָציאָלאָגיש ווערק, וואָס איז אַ טעקסט־בוך פאַר די סטודענטן־יוריסטן אין די אוניווערסיטעטן, איז פון רוזוועלטן באַשטימט געוואָרן פאַר גענעראַל־קאָונסיל אין אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט, דערנאָך אין אַנדערע וויכטיקע רעגירונג־אינסטיטוציעס. אין אַלע זיינע אַמטן האָט דזשעראָם פראַנק דורכגעפירט אַ געהעריקע רעאָרגאַניזאַציע. דעיוויד לילייענטאַל, אַ לאָיער מיט אַ רייכער פּראַקטיק אין וויסקאָנסין, איז אין 1935 באַשטימט געוואָרן פאַר דעם טשערמאַן פון דער טענעסי וואַלי אויטאָריטי, אַן אָריגינעלע אונטערנעמונג אויפן פעדעראַלן געביט, וואָס האָט באַדייטנדיק פאַרביליקט דעם עלעקטרישן פאַרברויך. לילייענטאַלס פאַרדינסטן זיינען געווען אומגעהויערע. ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַטאַקעס מצד די רייכע עלעקטרי־קאָרפּאָרעישאָנס, וועלכע זיינען גאָרניט געווען צופרידן, אַז מען

קען שאַפן ביליקן עלעקטרישן שטראָם, אָבער ער האָט זיינע אויפגאַבן דער־פאָלגרייך דורכגעפירט. פּרעזידענט טרומאַן האָט אים שפּעטער באַשטימט פאַר טשערמאַן פון דער „אַטאָמיק ענערדזשי קאָמיטע”, — אַן אַמט, וואָס האָט דורכצופירן שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן — צו פאַרזיכערן די אַטאָם־קראַפט פאַר פרידנס־צוועקן ניט נאָר פאַר אַמעריקע, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט.

עמנואל אַלעקסאַנדער גאָלדענווייזער, אַ גרויסער עקאָנאָמיסט, איז גע־וואָרן דער דירעקטאָר פון סטאַטיסטישן דעפּאַרטמענט ביים פעדעראַל רעזירוו באָארד. לעאָ וואָלמאַן, אַ פּראָפעסאָר פון וויכטיקע עקאָנאָמישע פאָרשונגען, איז געווען איינער פון ווילסאָנס עקאָנאָמישע באַראַטערס וועגן אויסלענדישע ענינים ביי דער פאַריזער פרידנס־קאָנפערענץ. וויליאַם לייזערסאָן איז געווען אַן עקספּערט אין אינדוסטריעלע פּראָבלעמען, באַזונדערס אויפן געביט פון באַקעמפן אַרבעטסלאָזיקייט. איזידאָר לובין, וועלכער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע סטאַטיסטיקער אין לאַנד, איז געוואָרן אַ גאָר נאָענטער מענטש בעת רוזוועלט האָט זיך געפונען אין ווייסן הויז. ער האָט טעגלעך צוגע־שטעלט סטאַטיסטישע באַריכטן וועגןווירטשאַפטלעכן מצב אין לאַנד. לובין איז אויך געווען אין טרומאַנס אַדמיניסטראַציע און אויך דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין עקאָנאָמישן ראַט פון דער יו־ען. אָבער אין 1953 האָט ער רעזיגנירט.

סאָל ראָזענבלאַט, וועלכער האָט געענדיקט די יוריסטן־שול פון האַר־וואַרד מיט גרויסע אויסצייכענונגען, איז געווען אַקטיוו אין געשאַנעל ריקאָ־ווערי עקט (ען. אַר. עי.), אַן אַקט וואָס האָט געגעבן די אַרבעטער־יוניאָנס ברייטע מעגלעכקייטן אַרויסצוטרעטן ווי אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין לאַנד. אויך אַ צווייטער גלענצנדיקער יוריסט בען קאָהן, וועמענס נאָמען ווי אַן אינ־טערנאַציאָנאַלער יוריסט איז באַוואוסט ווייט איבער די אַמעריקאַנער גרע־נעצן, איז געווען אין רעגירונג־דינסט פון די רוזוועלט־טרומאַן־אַדמיניסטראַ־ציעס. דעיוויד נעילס, לאַיער אין באָסטאָן, איז געווען אַקטיוו אין די ליבעראַ־לע קרייזן און איז געווען אַ פריינט פון פעליקס פראַנקפורטער און הערי האָפּ־קינס. אין 1935, ווען הערי האָפּקינס איז געווען האַנדל־מיניסטער, האָט ער גערופן דעיוויד נעילסן, ער זאָל קומען קיין וואַשינגטאָן און ווערן זיין געהילף. אין 1940, ווען רוזוועלט האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור צום דריטן טערמין, האָט נעילס פאַר אים געאַרבעט ביי דער דאַמאָלדיקער דעמאָקראַ־טישער קאָנווענשאָן צו באַקומען די נאָמינאַציע פאַר רוזוועלטן. אין אָנהויב 1942 האָט רוזוועלט אים אָנגעבאָטן, אַז ער זאָל ווערן זיין אַדמיניסטראַטיווער

געהילף אין ווייסן הויז. דעם זעלביקן אַמט האָט ער אויך אָנגעהאַלטן אין טרומאַנס אַדמיניסטראַציע, ביז ער איז געשטאָרבן אין אָקטאָבער, 1952, אין עלטער פון 60 יאָר. אין בראַנדעיס־אוניווערסיטעט איז געשאַפן געוואָרן אַ פאונדעישאַן אויף זיין נאָמען, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון מרס. עלינאָר רוזוועלט און הערבערט לעהמאַן.

אויפן געביט פון איינוואַנדערונג, האָט דער פריערדיקער פרעזידענט טרומאַן באַשטימט, אין 1952, אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל שטודירן דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון איינוואַנדערונג און נאַטוראַליזאַציע. צום קאָמיטעט געהערן פאַרטרעטער פון די קריסטלעכע קירכעס, באַפּטיסטן, פאַרשטייער פון סטעיט־דעפּאַרטמענט און פון דער אימיגראַציע־אָפּטיילונג פון דזשאַסטיס־דעפּאַרטמענט. טשערמאַן פון דעם קאָמיטעט איז פיליפּ פּערלמאַן, דער פריערדיקער געהילף פון הויפּט־פּראָקוראָר, און דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר איז הערי ראָזענפילד, וועלכער איז אויך געווען אַ קאָמישאָנער ביים דורכפירן דעם די.־פּי.־אַקט פון 1948.

אוירנעסט גראָס, אַן אָנגעזעענער יוריסט, איז יאָרן־לאַנג געווען אַן אַמעריקאַנער פאַרשטייער ביי די יונייטעד נעישאַנס און איז אָפט אַרויסגע־טראָטן ווי אַן אָפיציעלער דעלעגאַט ביי וויכטיקע אינטערנאַציאָנאַלע פאַר־האַנדלונגען. ער איז געוויילט געוואָרן פּרעזידענט פון „פרידאָם־האַוז", וואָס די גרויסע ליבעראַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן געשאַפן צום אָנדענק פון ווענדעל ווילקי. דער טשערמאַן פון פאַרבאַנד פאַר אונטערשטיצן די יו־ען אין ניו־יאָרק סטעיט איז סאָל לינאָוויץ, פון ראָטשעסטער, נ. י.

לעאָן פּאַסוואַלסקי, וועלכער איז אין מאַי, 1953, פּלוצלונג געשטאָרבן, אין עלטער פון 59 יאָר, איז געווען רוזוועלטס פּאָליטישער ראַטגעבער און שאַפער פון יו־ען טשאַרטער. ער איז געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער רוסיש־יידישער אימיגראַציע אין אַמעריקע. אין 1934 האָט דער סעקרעטערי אָוו סטעיט קאָרדעל האָל באַמערקט דעם יונגן עקאָנאָמיסט און אים איינגעלאַדן אַלס ראַטגעבער אין עקאָנאָמישע ענינים. זינט דעמאָלט איז ער אַלץ געגאַנגען באַרג אַרויף אין זיין קאַריערע אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג. פּאַסוואַלסקי האָט פּראַקטיש צוגעגרייט די גרינדונג־קאָנפערענץ פון דער יו־ען. ער האָט גוט געקענט די אינטערנאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע, אַ גרויסע צאָל שפּראַכן און ער האָט פיל אַרויסגעהאָלפן אַמעריקע דערמיט, וואָס ער האָט גרינדלעך געקענט רוסיש און ער האָט ניט געדאַרפט אָנקומען צו קיין איבערזעצער. דער אינטער־אַמעריקאַנער זיכערקייט־אַקט, דאָס קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פון „וועטאָ־רעכט" דורך די גרויס־מאַכטן אין

ראַט פון „יונייטעד נעישאַנס" און פיל אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע דאָקומענטן זיינען פון פּאַסלאַווסקי אויספלאַנירט און באַאַרבעט געוואָרן. ער האָט בכלל געהערט צו די בעסט־אינפאָרמירטע באַאַמטע אין וואַשינגטאָן.

בענדזשאַמין קאָהען איז געווען איינער פון אַמעריקעס פאָרשטייער אין דער יו־ען מיט דעם ראַנג פון אַמבאַסאַדאָר. ער איז איצט אַלט 59 יאָר. אין 1933, ווען ער איז געווען אַ ניו־יאָרקער לאָיער, איז ער גערופן געוואָרן פון פּרעזידענט רוזוועלט קיין וואַשינגטאָן, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער שאַפונג פון די ניו־דיעל געזעצן. ער איז געווען פון די סאַמע איינפלוסרייכ־סטע מיטגלידער פון דעם, אַזוי גערופענעם „ברעין־טראַסט" — פון שאַרפע קעפּ. פּרעזידענט טרומאַן האָט אים באַשטימט פאַר שטענדיקן פאָרטרעטער פון אַמעריקע אין דער אַנטוואָפענונג־קאָמיסיע אין דער יו־ען.

אַרום פּרעזידענט אייזענהאַוער

פּרעזידענט דוואיט ד. אייזענהאַוער, וועלכער האָט איבערגענומען די אַדמיניסטראַציע אין יאַנואַר, 1953, האָט געטריי נאָכגעפאָלגט די טראַדיציע פון אַלע ביז־איצטיקע פּרעזידענטן און אַ ריי יידישע העכערע באַאַמטע זיינען טעטיק אין און אַרום דעם ווייסן הויז. באַלד אין די ערשטע חדשים, ווען ער האָט זיך געפונען אין זיין נייעם אַמט, האָט אייזענהאַוער אויסגענוצט אַ רייע געלעגנהייטן צו באַגריסן יידישע אָרגאַניזאַציעס און ער האָט אָפן דערקלערט, אַז „די יידן אין אַמעריקע האָבן דור נאָך דור צוגעטראָגן זייער באַזונדערן טאַלאַנט צו דער אויפבויאונג פון אונזער גרויסן פאָלק און לאַנד. אַדאַנק דעם טיפן און דויערנדיקן גלויבן פון זייערע אבות האָבן די יידן אין פאַרלויף פון דורות, פון די צייטן פון די נביאים ביז צו אונדזערע היינטיקע טעג, אויפגע־האַלטן די וויכטיקע עלעמענטן פון דער ציוויליזאַציע און אויף די מאָראַלישע יסודות פון דער דאָזיקער גרויסער אור־אַלטער ירושה איז געגרינדעט גע־וואָרן אונדזער פאָלק און לעבט דורך אַלע צייטן".

אין אַ באַגריסונג צו אַ קאָנווענשאָן פון די „בני ברית" דערקלערט פּרעזידענט אייזענהאַוער, אַז „גייענדיק אין דער טראַדיציע פון יעדן אַמע־ריקאַנער פּרעזידענט, זינט וויליאַם האוארד טעפט, בין איך צופרידן אויס־צודריקן מיין אָנערקענונג צו 'בני ברית' פאַר די דערגרייכונג אין פאַר־שפּרייטן קאָאָפּעראַציע און גוטן ווילן צווישן אַמעריקאַנער פון אַלע גלויבנס און ראַסן. דער גרויסער קוואַל פון אַמעריקעס קראַפט און כבוד צווישן דער משפחה פון פעלקער ליגט אין דער געטריישאַפט פון אויסנוצן די ענערגיעס פון אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון ראַסן, גלויבנס, אָדער נאַציאָנאַלער

אַפּשטאַם. דער דאָזיקער טריאומף איז אַ רעזולטאַט פון דעם טייערן אידעאַל אין אַמעריקעס ירושה, אַז אַלע מענטשן זיינען באַשעפעניש פון גאָט און יעדער איינער איז באַשאַנקען מיט אַן אומבאַרירבאַר ווירדע".

ריער־אַדמיראַל לואיס שטראוס איז ביז 1946 געווען אַ שותף אין דער באַנק פון קוהן לאָעב און קאָ., וועלכע מען האָט גערופן דזשעיקאָב שיפס באַנק. ער איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן פון פּרעזידענט טרומאַן פאַר אַ מיטגליד אין דער אַטאָמיק ענערדזשי קאָמיסיע. אין 1950 האָט ער רעזיג־נירט. אָנהויב 1953 האָט אייזענהאואער אים באַשטימט אַלס זיין אַסיסטענט אין אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו אויספאָרשן און אויסנוצן די אַטאָמי־שע קראַפט.

אַדמיראַל לואיס שטראוס איז, אין יוני 1953, באַשטימט געוואָרן פון פּרעזידענט אייזענהאואער פאַר דעם טשערמאַן פון דער אַטאָם־קאָמיסיע, אין וועמענס הענט עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די ווייטערע אַנטוויקלונג פון דער אַטאָם־ענערגיע אין זיכערקייט פון לאַנד. עס איז מערקווירדיק, וואָס דער גרויסער אַטאָם־עקספּערט האָט ניט קיין העכערע בילדונג. ער אַליין האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ער האָט ניט מער ווי אַ „היי־סקול עדיוקיישאַן", אָבער ער האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן ווילן און האָט אַליין זיך באַשעפטיקט מיט פּראַקטישע עקספּערימענטן פון דער פיזיק. צו 23 יאָר איז ער געווען איינער פון די פיר אַמעריקאַנער דעלעגאַטן, וואָס האָבן אין 1917 געשלאָסן דעם שלום מיט די דייטשן. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ שותף אין שיפס באַנק, די קוהן, לאָעב און קאָמפּאַני.

אין 1945 האָט פּרעזידענט טרומאַן אים באַשטימט פאַר אַן אַדמיראַל, און אין 1946 פאַר אַ מיטגליד אין דער אַטאָמישער קאָמיסיע, וועמענס טשער־מאַן עס איז געווען דעיוויד ליליענטאַל. מען האַלט אים פאַר אַ צווייטן בערנאַרד באַרוך. דערביי האָט ער אויך צייט אויפצוטרעטן אויף יידישע מיטינגען און ער האָט עפנטלעך אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקער באַדייטונג פון דער יידישער רעליגיע אין נאַציאָנאַלן לעבן אין לאַנד.

ראָבערט אָפּענהיימער, וועלכער איז אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען דער דירעקטאָר פון דער אַטאָמישער לאַבאָראַטאָריע אין לאָס אַלאַמאָס, ניו־מעקסיקאָ, און האָט געהאָלפן שאַפן די ערשטע אַטאָם־באָמבע איז איצט דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט פאַר העכערער וויסנשאַפט פונעם פּרינסטאָן אוניווערסיטעט. דער אינסטיטוט, מיט וועלכן אויך איינ־שטיין איז פאַרבונדן. ד"ר אָפּענהיימער איז איינער פון די וויכטיקסטע ראַט־

געבער פון דער רעגירונג אין אַטאָמישע פראַגן און זיינע מיינונגען ווערן אין דער אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכער וועלט הויך געשעצט.

ד״ר אַרטור בוירנס, דער 50 יאָריקער עקאָנאָמיסט, איז געווען דער דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער ביוראָ פאַר עקאָנאָמישע פאָרשונגען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דער ראָקפעלער פאונדעישאָן און פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיע אין קאָלאָמביאַ. ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן עקאָנאָמישן עצה־געבער פון פּרעזידענט און טשערמאַן פון דעם עקאָנאָמישן ראַט ביים ווייסן הויז. פּראָפעסאָר בוירנס איז געבוירן געוואָרן אין סטאַניסלאַוואָוו, גאַליציע. זיינע עלטערן האָבן אים אַהערגעבראַכט אין עלטער פון צען יאָר. צו 16 יאָר איז ער געווען אַ קעלנער אין אַ האָטעל, האָט בכלל שווער געאַרבעט כדי צו העלפן זיינע עלטערן. ביינאַכט האָט ער געלערנט ביז ער איז אַריינגעקומען אין ווייסן הויז. די „טאַימס״ האָט באַגריסט פּראָפעסאָר בוירנס צו זיין נייער באַשטימונג און האָט דערביי דערקלערט, אַז בוירנס איז ביים היינטיקן טאָג אַ טשעמפּיאָן אין דער עקאָנאָמישער טעאָריע און פּראַקטיק.

מאַקסוועל רעב, 42 יאָר אַלט, אַ לאָיער פון באָסטאָן, איז דער ערשטער געהילף צו שוירמען עדעמס, וועלכער איז דער אַסיסטענט פון פּרעזידענט און זיין נאָענטסטער מענטש. מאַקסוועל רעב איז אַ פאַרבינדונג־באַאַמטער צווישן דעם פּרעזידענט און דעם קאָנגרעס. ער שטעלט טעגלעך צו אַ באַריכט צום פּרעזידענט וועגן אַלע ווענדונגען און בריוו, וואָס קומען אָן אין ווייסן הויז און באַשטימט די צייט, ווען פּאָליטיקער אָדער אַנדערע וויכטיקע פּער־זענלעכקייטן זאָלן זיך קענען זען מיטן פּרעזידענט. די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ פון און צום ווייסן הויז גייט דורך זיינע הענט.

אין דער פּרעסע־אָפּטיילונג פונעם ווייסן הויז געפינט זיך דער 41־יאָריקער מאָריס סניידער, פון ברוקלין, ניו־יאָרק, וועלכער איז דער אַסיס־טענט פּרעסע־סעקרעטאַר, אַלס געהילף צו דזשעימס העקערט, וואָס פירט אָן די גאַנצע אַרבעט וואָס האָט אַ שייכות צו דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלע־ווידזשאָן. זיי ביידע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע ענינים, וואָס קומען פאָר אין ווייסן הויז מיט פּובליסיטי און עס ווערט געהאַלטן פאַר אַ גאָר וויכטיקן טייל פון פּעדעראַלן מלוכה־אַפּאַראַט. אייזענהאַוער האָט אויך באַ־שטימט דעם אַדמיראַל בען מיורעל פאַר אַ מיטגליד פון באָארד ביי דער אַמעריקאַנער נעיווי־אַקאַדעמיע. דער שיקאַגער לאָיער סעמיועל ליגאַלען איז דורך פּרעזידענט אייזענהאַוער באַשטימט געוואָרן אין אַ קאָמיסיע צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע און העראַלד ריגעלמאַן איז באַשטימט געוואָרן פאַר פּאָסט־מייסטער פון דער שטאָט ניו־יאָרק, וואָס

איז דער גרעסטער ווירטשאַפטלעכער צענטער פון גאַנץ אַמעריקע און, ממילא, פון דער גאַנצער וועלט.

ראָבערט גוגענהיים איז אין יוני, 1953, געשיקט געוואָרן פון פרעזידענט אייזענהאַוער ווי אַמבאַסאַדאָר קיין פּאָרטוגאַל. דער ריכטער פיליפּ האָלפערן, פון באָפאַלאָ, איז באַשטימט געוואָרן פאַר הויפּט־באַראַטער פון אַמעריקעס דעלעגאַט, מרס. אָסוואַלד לאָרד, אין דער קאָמיסיע פאַר מענטשן־רעכט אין דער יו־ען — דער אַמט, וואָס פריער האָט עס געהאַט מרס. עלינאָר רוזוועלט. וואָלטער ראָטשילד איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין דער פעדע־ראַלער שיפינג־קאָמיסיע. שפּעטער איז ער געוואָרן דער טשערמאַן פון דער קאָמיסיע און גענעראַל דזשוליוס אָקס־אַדלער, דער אַרויסגעבער פון „ניו־יאָרק טאַימס", איז דער טשערמאַן פון אַ קאָמיסיע וועגן דרעפט ענינים.

גאָווערנאָרס, סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט

ניט נאָר אַמעריקאַנער פרעזידענטן האָבן אָפּגעשאַצט די פעאיקייטן פון די יידישע רעגירונג־באַאַמטע, נאָר דאָס אַמעריקאַנער פאָלק בכלל האָט זיך שוין אין דעם איבערצייגט. דעריבער געפינען זיך צווישן די העכסטע גע־ווילטע באַאַמטע אין די פאַרשיידענע סטעיטס, סיי ווי גאָווערנאָרס, מעיאָרס און דאָס גלייכן און סיי ווי סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, באַדייטנדיקע צאָל יידן, וועמענס נעמען און דערפאָלגן זיינען באַוואוסט און זיי פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער געשיכטע מיט זייער צושטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער פאָלקס־ווירטשאַפט און פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. אין אַלע 48 סטעיטס און אויך אין אַלאַסקאַ זיינען יידישע באַאַמטע געווען דערפאָלגרייך אין פאַרשיידענע צווייגן פון עפנטלעכן לעבן.

אַלס יידישע גאָווערנאָרס זיינען געווילט געוואָרן: מאָזעס אַלעקסאַנדער — געווען צוויי מאָל גאָווערנאָר אין אידעהאָ; סאַימאָן באַמבערגער איז געווען דער ערשטער ניט־מארמאָן, וואָס איז פון זייער סטעיט יוטאַ געווילט געוואָרן אויף אַ הויכן אַמט; מייקעל האהן אין לואיזיאַנאַ; הענרי האָרנער איז פינף מאָל געווילט געוואָרן אין אילינאָי און איז אין 1940 געשטאָרבן אין אַמט. אַרטור זעליגמאַן איז צוויי מאָל געווילט געוואָרן אין ניו־מעקסיקע; הערבערט הענרי לעהמאַן, וועלכער איז אין 1928 געווילט געוואָרן אַלס לייטענאַנט־גאָווערנאָר אין ניו־יאָרק, ווען פרענקלין רוזוועלט איז געווען גאָווערנאָר און איז דערנאָך פיר מאָל אויסגעקליבן געוואָרן פאַר גאָווערנאָר; דזשוליוס מייער איז כמעט איינשטימיק געווילט געוואָרן אין אָרעגאָן; דעי־

וויד עמנואל איז נאָך אין 1801 געווײלט געוואָרן אין דזשאָרדזשיא און דעיוויד שאַלץ איז געווען דער גאָווערנאָר אין פלאָרידאַ. ער איז געבוירן געוואָרן אין ברוקלין, ניו־יאָרק, דערנאָך איז ער אַוועק קיין פלאָרידאַ, דאָרט אַרײַן אין דער פּאָליטיק און האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אויפבוי און אַנטוויקלונג פון פלאָרידאַ סטעיט.

גאָווערנאָרס, וועלכע זײַנען באַשטימט געוואָרן צו זייער אַמט, זײַנען געווען בריגאַדע־גענעראַל עדוואַרד סאָלאָמאָן פאַר וואַשינגטאָן און ערנסט גרונינג פאַר אַלאַסקאַ. ער איז געווען אין אַלאַסקאַ פון 1929 ביז 1953, האָט אויפגעגעבן אַ זייער רײַכע קאַריערע אַלס מעדיקער און צייטונגסמאַן און איז אַוועק אויפבויען אַלאַסקאַ, וואָס פון אַ שטיק ווילדערניש האָט ער געמאַכט אַ בליענדיק לאַנד. ער האָט ווירטשאַפטלעך שטאַרק אַנטוויקלט די גאָלד־מינען און לאַקס־אינדוסטריע. גרונינג איז אַן אייפעריקער פּראָפּאַגאַנדיסט, אַז אַלאַסקאַ זאָל ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער סטעיט אין דער רעפּובליק.

אין יונײַטעד סטעיטס סענאַט זײַנען געווען פאָלגנדיקע יידישע סענאַטאָרן: דזשודאַ פיליפּ בענדזשאַמין, פון לואיזיאַנאַ; סיימאָן גוגענהיים, פון קאָלאָראַדאָ; בענדזשאַמין פרענקלין דזשאָנס, פון לואיזיאַנאַ; דעיוויד ליוואַי יולי, פון פלאָרידאַ; דזשאָזעף סיימאָן, אָרעגאָן; איזידאָר ריינער, מערילאַנד, און אין 83טן קאָנגרעס, אין יאָר 1953, האָבן מיר אין סענאַטאָר — הערבערט לעהמאַן, פון ניו־יאָרק, און עלף מיטגלידער פון רעפּרעזענטאַנטן־הויז.

הערבערט לעהמאַן, וועלכער איז דעם 28טן מערץ, 1953, געוואָרן אַלט 75 יאָר, האָט מיט 25 יאָר צוריק אויפגעגעבן זײַנע באַנק־געשעפטן און זיך געווידמעט צו פּאָליטיק פאַרן וואוילזיין פון זיין לאַנד און פון דער גאַנצער מענטשהייט. לעהמאַן איז אַ גרויסער אַמעריקאַנער שטאַטסמאַן, מיט אַן אייגנאַרטיקער פּאָליטישער פילאָזאָפיע. באַלד ווי ער איז אַרײַן אין דער פּאָליטיק ווי לייטענאַנט־גאָווערנאָר, האָט מען געקענט זען, אַז מען האָט פאַר זיך דעם אידעאַליסט, וועלכער איז ניט געקומען כדי צו זיין אַ „פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטישן". ער איז קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן פון זיין וועג פון ליבעראַליזם און פּראָגרעס. סיי אַלס ניו־יאָרקער גאָווערנאָר און סיי אַלס סענאַטאָר האָט ער באַוויזן אַ רעקאָרד פון ערלעכקייט און טרייקייט צו די אידעאַלן פון אַמעריקע און ער איז שטענדיק פון די ערשטע אין קאַמף פאַר פרייהייט און מענטשלעכע רעכט. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס לעהמאַן איז געווען דער ערשטער גענעראַל־דירעקטאָר פון „אונרא", — די ערשטע גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז גערופן געוואָרן צו העלפן די לענדער און פעלקער אין דער ליידנדיקער אייראָפּע. ער האָט אויך באַקומען

ערן־טיטולן און אויסצייכענונגען פון העכער צען אוניווערסיטעטן און טעאָלאָגישע קאָלעדזשעס און סעמינאַרן.

די עלף קאָנגרעסלייט זיינען: עמנואל סעלער, וועלכער איז שוין העכער דרייסיק יאָר אין קאָנגרעס; אַרטור קליין — 13 יאָר; אייבראַהעם מולטער, לואיס ב. העלער, סידני פיין, איזידאָר דאַלינדזשער, דזשעיקאָב דזשאַוויץ (יעבץ) און דער ייִנגסטער — לעסטער האָלצמאַן, וועלכער איז אַלט 40 יאָר — זיי אַלע פון ניו־יאָרק. סידני יעיטס, פון שיקאַגאָ; אוירל (יואל) טשודאָף, פון פילאַדעלפיע, און סעמיועל פרידעל, פון באַלטימאָר.

אין שיקאַגאָ זיינען געווילט געוואָרן צוויי ייִדן, אָבער דער צווייטער — אַדאָלף סאַבאַטה איז געשטאָרבן אַ טאָג נאָך די וואַלן אין נאָוועמבער, 1952, אין עלטער פון 86 יאָר. ער האָט פאַרטראָטן אַ געגענט אין שיקאַגאָ, וואו ייִדן זיינען אַ מינדערהייט. ער איז 24 מאָל כסדר געווילט געוואָרן אין דער העכסטער פּאַרלאַמענטאַרישער קערפּערשאַפט. פון אַ 15־יאָריק עמיגראַנטן־ייִנגל איז ער אַלץ געשטיגן העכער און העכער אויף די שטאַפּלען פון דעם פּאָליטישן דערפאָלג. רוזוועלט און טרומאַן האָבן זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג און ביי די לעצטע וואַלן האָט מען אין שיקאַגאָ געוואוסט, אַז ער ליידט פון אַ קענסער און אַז ער וועט ניט קענען מער זיין אין קאָנגרעס, דאָך האָט מען אים געגעבן די גרעסטע צאָל שטימען, אַזוי ער זאָל קענען שטאַרבן אַלס אַ דינער צום פאָלק.

דער שוין דערמאָנטער גאָווערנאָר מייקל האָהן האָט אַלס קאָנגרעסמאַן פאַרטיידיקט לינקאָלנס נעגער־פּאָליטיק. ער איז געשטאָרבן אין וואַשינגטאָן פון גרויס אָנגעשטרענגטקייט אין זיין אַרבעט. אַ גרויסע טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קאָנגרעס דעם 29טן יולי, 1941, ווען דער אַנטיסעמיטישער קאָנגרעסמאַן רענקען, פון מיסיסיפּי, האָט אין זיינס אַ רעדע ביטער אַטאַקירט די ייִדן, האָט דער ייִדישער קאָנגרעסמאַן מייקל עדלשטיין, פון ניו־יאָרק, אים באַלד געענטפערט. ער האָט זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז ער איז געפאַלן און געבליבן אַ טויטער אויפן אָרט.

אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז זיינען אין אַלגעמיין געווען 62 ייִדישע פאַרטרעטער, צווישן זיי אַדאָלפוס סטוירן, דער ערשטער קאָנגרעסמאַן פון טעקסאַס, דזשוליוס קאָהן, פון סאַן פראַנציסקאָ, 33 יאָר; סאָל בלום איז געווען אַמעריקעס פאַרטרעטער ביי דער גרינדונג־קאָנפערענץ וועגן דער יו־ען אין סאַן־פראַנציסקאָ און טשערמאַן פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס האָט געפייערט דעם צוויי הונדערטסטן געבורט־טאָג פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אין 1932. אין די 26 יאָר, וואָס ער איז געווען אין קאָנגרעס, האָט ער אָנגעפירט

מיט אַ ריי וויכטיקע קאָמיסיעס און שטאַרק באַאײַנפֿלוסט ביים אָננעמען אַ ריי ליבעראַלע געזעצן. די סאָציאַליסטן וויקטאָר בערגער, פֿון מילוואָקי, און מאיר לאָנדאָן פֿון ניו־יאָרק. דער לעצטער מיט גרויס דערפֿאָלג געווײלט געוואָרן פֿון דער ייִדישער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק. ער איז געווען דער יורי־דישער פֿאַרשטייער פֿון די ייִדישע אַרבעטער־יוניאָנס און ער איז מיט גרויס ווירדע אויפֿגעטראָטן אין קאָנגרעס ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביים פֿאַר־ברענגען אַרבעטער־געזעצן. אַ גאַר אינטערעסאַנט פּערזענלעכקייט איז געווען דזשאָזעף פּוליצער. אין 1864 איז ער געקומען אין עלטער פֿון 17 יאָר פֿון אונגאַרן. ער איז געוואָרן אַ יוריסט און איז געווען טעטיק אין דער פּאָליטיק. אין 1885 איז ער געוואָרן אַ קאָנגרעסמאַן. ער האָט אויסגעבויט די „וואָירלד", געמאַכט מיליאָנען, און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז בלינד געוואָרן, האָט ער אַלץ געשפּילט די ערשטע פֿידל אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע. ער האָט געגרינדעט די שול פֿאַר זשורנאַליזם און אַ פֿאָרשונג־אינ־סטיטוט ביי דער קאָלאָמביאַ. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אַ פֿאָנד, פֿון וועלכן עס ווערן יערלעך אַרויסגעגעבן פּרייזן פֿאַר די בעסטע שאַפֿונגען אויף פֿאַרשיידענע גייסטיקע געביטן. צו זיין הונדערטסטן געבורט־יאָר, אין 1947, האָט דער הויפּט־פּאָסטמייסטער אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע פּוליצער־מאַרקע (סטעמפּ).

עס זיינען אויך געווען 17 ייִדן אַלס גענעראַל־קאָנסולן, 20 הויכע פֿעדע־ראַלע ריכטער, 62 אין די העכערע געריכטן פֿון די פֿאַרשיידענע שטאַטן און צוויי אַמעריקאַנער ריכטער אין שאַנכיי און אין די פֿיליפּינען.

יידן אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט

אין יאָר 1848, איז אין אייראָפּע געווען אַ שטורמישע רעוואָלוציע. די ייִדישע בירגער פון דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן און שווייץ זיינען דאָס רוב געווען אין די רייען פון די ליבעראַל־פּראָגרעסיווע גרופּירונגען און האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פּאָליטישע קאַמפן קעגן זייערע רעאַקציאָנערע רעגירונגען. נאָך דעם ווי די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט אַ דורכפאַל און די רעאַקציע האָט זיך אין זיי נוקם געווען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע. אַ גרויסע צאָל ייִדישע פאַמיליעס זיינען אין יענע צייטן געקומען קיין אַמעריקע און האָבן זיך באַלד אריינגעוואָרפן אין דער ווירטשאַפט און פּאָליטיק. פיל פון זיי זיינען אַהער געקומען ווי פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע, אָן אַ פּעני אין דער טאַש, אָבער דערפאַר פול מיט מוט און ענערגיע, וועלכע זיי האָבן עס פאַרבונדן מיט די גרויסע געלעגנהייטן, וואָס דאָס נייע איינוואַנדערונג־לאַנד האָט זיי געגעבן, און זיי זיינען געשטיגן אויפן שטאַפל פון גליק אַלץ העכער און העכער.

אין דער פינאַנץ־וועלט

שוין אין סאַמע אָנהויב, מוזן מיר דערמאָנען דעם נאָמען פון דזשעיקאָב שיף (1847—1920), וועלכער איז געווען, נאָך מאָרגאַן, דער צווייטער פּריוואַטער באַנקיר אין אַמעריקע. אין עלטער פון 18 יאָר קומט ער פון פראַנקפורט, דייטשלאַנד, און זייענדיק אַ יאָר אין לאַנד, טרעט ער אַריין אין באַנק־הויז פון קוהן, לאָעב און קאָ., וועלכע האָט געהערט צו אברהם קוהן און סאָלאָמאָן לאָעב. ער האָט חתונה מיט לאָעבס אַ טאָכטער און איז געווען דער הויפּט־דירעקטאָר פון דער באַנק.

אין יענער צייט האָט אין אַמעריקע געהערשט דער „אומגעקרוינטער צאַר" דזש. פּי. מאָרגאַן. ער האָט אַרום זיך געשאַפן אַ קליקע און פאַרכאַפּט אַלע גרויסע פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, ניט צולאָזנדיק, אַז קליינע אונטערנעמונגען זאָלן קענען וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. דזשעי־קאָב שיף האָט אונטערגענומען אַ קאַמף אויף צעברעכן מאָרגאַנס „זעלבסט־

הערשאַפט״ אין דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט. ער האָט פינאַנצירט נייע באַן־קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבן זיך געגרינדעט אין דער וועסט, האָט אויך רעאָרגאַניזירט די באַנען אין פּענסילוויניא, באַלטימאָר, אָהייאָ, איז געוואָרן אַקטיוו אין מעטאַל־מאַינס, עלעקטריק וועסטינגס הויז, וועסטערן יוניאָן טעלעגראַף קאָמפּאַני, עקוויטעיבל לאַיף־אינשורענס און באַזונדערס איז געווען שאַרף דער קאַמף, ווען שיף האָט אונטערשטיצט מאָרגאַנס קאָנקורענט, דעם באַן־מאַגנאַט עדוואַרד הערימאַן, דער פאָטער פון עווריל הערימאַן, דער גרויסער ליבעראַלער קאַנדידאַט ביי די פּרעזידענט־וואַלן פון 1953. די גאַנצע וואָל סטריט איז געווען עלעקטריזירט פון שיפס קאַמף קעגן מאָרגאַן.

אין 1901, ווען אין ניו־יאָרק סטאָק־עקסטשעינדזש איז געווען אַ פאַר־שאַרפטער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די גרויסע קאָמפּאַניעס איז אין דריטן מאַי פון זעלביקן יאָר געקומען צו אַ שאַרפן קריזיס און עס האָט געדראָט, אַז דער גאַנצער סטאָק־עקסטשעינדזש אויף דער וואָל־סטריט זאָל צוזאַמענברעכן, האָט דזש. שיף, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־אייגנטימער פון דער קוהן־לאָעב באַנק, דעם קריזיס אָפּגעשוואַכט און געראַטעוועט די גאַנצע ווירטשאַפט. זיין באַנק איז געוואָרן אַ צייטווייליקע פאַרוואַלטערין פון אַלע גרויסע באַן־קאָמפּאַניעס מיט 22 טויזנט מייל באַן־וועגן און מיט אַן אַקציעס־קאַפּיטאַל פון אַ ביליאָן און אַ האַלב, וואָס האָבן געהערט צו דער יוניאָן פּאַסיפיק, פּענסילוויניע, באַלטימאָר, אָהייאָ און וועסטערן פּאַסיפיק.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן, האָט דזשעיקאָב שיף אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרדאַנקען, וואָס ער האָט ניט געליטן פון דעם קריזיס דעם פאַקט, וואָס דער זעלבער דריטער מאַי איז געווען שבת, ווען ער איז געווען אין טעמפּל און ער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט די פינאַנצן פון דער וואָל סטריט. אַן ענלעכן פאַל האָט אויך איבערגעגעבן דער באַרימטער פּאָליטיקער און פינאַנציסט בערנאַרד באַרוך, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיין מוטער צו האַלטן שטרענג דעם יום־כפור און צו זיין דעם גאַנצן טאָג אין דער שול. דאָס האָט אים פיל געהאָלפן, אַז ער האָט אויסגעמיטן אַ פינאַנץ־קריזיס, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ יום־כיפור־טאָג אויף דער וואָל־סטריט.

דזשעיקאָב שיף האָט ביי דעם פינאַנץ־קריזיס אָפּגעראַטעוועט דעם גרויסן באַן־מאַגנאַט עדוואַרד הערימאַן, דעם פאָטער פון דעם ליבעראַלן עווריל הערימאַן. צווישן די ביידע פינאַנציסטן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע פריינטשאַפט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו די קינדער און אייניקלעך פון די ביידע פאַמיליעס און זי האַלט שוין אַן העכער פופציק יאָר. אין יאָר

1904, בעת דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, האָט שיף זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דעם צאַר אַ הלוואה צוליב זיין שלעכטער באַציאונג צו יידן און ער האָט געבאָרגט צו יאַפּאַן צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר, וואָס אין יענער צייט איז עס געווען אַ גאָר גרויסע סומע געלט.

שיפס טאָכטער, פרידאַ, האָט חתונה געהאַט מיט פעליקס מאָריס וואָר־בורג (1878—1937), וועלכער איז געוואָרן שיפס פּאָליטיש־פינאַנציעלער יורש אין אַלגעמיינעם און אין עפנטלעכן יידישן לעבן. ער האָט פאַרברייטערט די טראַדיציע פון זיין שווער און ער האָט אויך פינאַנצירט די קאָלומביאַ־אוני־ווערסיטעט, געשאַפן די נעשאַנעל סיטי באַנק, געהאָלפן עפענען אַ נעץ פון פּראָגרעסיווע קינדער־געריכטן און אַ ריי קונסט־מוזעאומס איבערן לאַנד. שיפס אייניקל דאָראָטי, אַ טאָכטער פון מאָרטימאָר שיף, איז די אַרויסגע־בערין פון דער ליבעראַלער צייטונג „ניו־יאָרק פּאָסט".

פעליקס ברודער, פּאול וואָרבורג (1868—1932) האָט חתונה געהאַט מיט לאָעבס טאָכטער און ער ווערט אויך אַ שותף צו דער באַנק. אין 1911 שאַפט ער דעם פּלאַן פון עפענען אַ פעדעראַל ריזירוו באַנק, וואָס זאָל קאָנ־טראָלירן די גאַנצע פּאָלקס־ווירטשאַפט און פינאַנץ־אונטערנעמונגען אין אַמעריקע. ווען די דאָזיקע צענטראַלע באַנק איז געעפנט געוואָרן, האָט פּרעז־זידענט וואודראָ ווילסאָן אים באַשטימט פאַר איינעם פון די הויפּט־דירעק־טאָרן. אין חודש מערץ, 1929, האָט פּאול וואָרבורג געוואָרנט, אַז מען מוז מאַכן אויסבעסערונגען אין דער פירונג פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, אַז ניט וועט קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. מען האָט צו אים ניט געוואָלט זיך צוהערן, ביז עס איז געקומען די קאַטאַסטראָפע אין אָקטאָבער פון זעלביקן יאָר.

קוהן, לאָעב און קאָ. האָט געהאַט נאָך אַ שותף — אָטאָ הערמאַן קאָהן (1867—1934), וועלכער איז געווען אַ זשעניע אין פינאַנץ־ענינים. ער האָט פאַרגעזעצט שיפס צוזאַמענאַרבעט מיט דעם באַן־מאַגנאַט עדוואַרד הערימאַן, געגרינדעט נייע אונטערנעמונגען און פינאַנצירט די יו־עס־ראַבער־קאָמפּאַני, „באַנק אָוו מאַנהעטן", כעמיקל באַנק און אַנדערע. אָטאָ קאָהן איז אויך גע־ווען אַ געוואָלטיקער ליבהאָבער פון מוזיק און קונסט. ער האָט מיט וויליאַם וואַנדערבילט אויסגעבויט די מעטראָפּאָליטען אָפּערע־הויז, געווען דער באַ־זיצער פון 84 פּראָצענט אַקציעס און אויך דער פּרעזידענט פון דעם וועלט־באַרימטן קונסט־טעמפּל. פון זיינע אייגענע מיטלען האָט ער געדעקט דעם דעפיציט פון אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר און באַצאָלט אַ גרעסערע סומע צו אָסקאַר האַמערשטיין, אַז ער זאָל צומאַכן זיין מאַנהעטן אָפּערע־הויז, וואָס האָט קאָנקורירט מיט דער מעטראָפּאָליטען.

דזשעימס לאָעב (1867—1933), אַ זון פון דעם באַנקיר סאָלאָמאָן לאָעב, האָט זיך ניט געוואָלט אינטערעסירן מיט זיין פאָטערס באַנק־געשעפטן און ער האָט געווידמעט זיך דער קונסט און וויסנשאַפט. ער האָט געגרינדעט דעם אַמעריקען אינסטיטוט פאַר מוזיקאַלישער קונסט, אַרויסגעגעבן 360 ביכער, ענגלישע איבערזעצונגען פון גריכיש און לאַטיין, צוזאַמען מיט די אָריגינעלע שפּראַכן, געגעבן צו האַרוואַרד אוניווערסיטעט קונסט־אַנטיקן אין ווערט פון מיליאָנען דאָלאַרס און סובסידירט די קאָלאָמביאַ, קונסט־מוזעאומס און פאָרשונג־לאַבאָראַטאָריעס.

אין 1924 זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די שטייער־רשימות פון די רייכסטע 60 מיליאָנען־אונטערנעמונגען אין אַמעריקע, פון וועלכע עס איז צו זען, אַז אויסער דאָס באַנק־הויז פון קוהן, לאָעב און קאָ., האָבן זיך צווישן די 60, געפונען די גוגענהיים־אונטערנעמונגען פון מעטאַל־מאַינס, באַנק פון די ברידער לעהמאַן, די היגע אָפּטיילונג פון דער פראַנצויזישער באַנק „לאַ־זאַר פרער״, דזשוליוס ראָזענוואַלד פון סיערס־ראבאק אין שיקאַגאָ, דעפּאַרט־מענט סטאָר פון ב. אַלטמאַן אין ניו־יאָרק און בערנאַרד באַרוך, וועלכער איז געווען אַ בראָקער אויף וואָל סטריט. די שיף־באַנק האָט אין יענעם יאָר געמאַכט געשעפטן אויף אַ סומע פון 250 מיליאָן דאָלאַר, גוגענהיים — 190 מיליאָן, ראָזענוואַלד — 150 מיליאָן, לעהמאַן בראָדערס — 129 מיליאָן, לאַזאַר פרער — 54 מיליאָן, אַלטמאַן און באַרוך — פון פינף ביז צען מיליאָן דאָלאַר.

אַזאַ גרויסע ראָל ווי שיף האָט געהאַט אין דער פינאַנץ־וועלט, האָבן די גוגענהיימס געהאַט אין דער ווירטשאַפט. אין 1847 קומט פון דער שווייץ מאיר גוגענהיים (1828—1905) צוזאַמען מיט זיינע אַכט זין: אייזיק, דניאל, מאָרי, סאָלאָמאָן, ראָבערט, בענדזשאַמין, סיימאָן און וויליאַם. זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מאַינס־פּראָדוקציע און אַנטוויקלט די מאַינס פון קופּער און אַנדערע מעטאַלן אין קאָלאָראַדאָ, פּענסילוועניאַ און ניו־דזשוירזי. זיי האָבן אויך מאַינס פון גאָלד, זילבער און קראָמיום אין אַלאַסקאַ, קענעדא, קובאַ, מעקסיקע, אויסטראַליע און אַפריקע. די הויפּט־אונטערנע־מונג איז די „אַמעריקען סמעלטינג ענד ריפיינינג קאָרפּאָרעישאָן״. זייט 1901 איז אויסגעצאָלט געוואָרן העכער 300 מיליאָן דאָלאַר דיווידענד.

אויסער סובסידיעס פון צענדליקער מיליאָנען דאָלאַר פאַר אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע און קונסט־צווייגן, האָבן די גוגענהיימס זיך פאַרדינט גע־מאַכט מיט אַנטוויקלען דאָס פלי־וועזן אין אַמעריקע. זיי האָבן געשאַפן און האַלטן אויס שולן אויסצובילדן לופט־פליער ביי דער ניו־יאָרק אוניווער־סיטעט, אין קאָלאָראַדאָ און אין בענדזשאַמין פרענקלין אינסטיטוט און אויך

אַ גרויס לופט־פעלד אין לאַנג־איילאַנד, ניו־יאָרק, פאַר דורכפירן פּראַקטישע לימודים אין לופט־פּלי־וועזן. אַן אייניקל פון מאיר גוגענהיים, הערי, האָט פּרעזידענט הערבערט הואווער געשיקט פאַר אַמבאַסאַדאָר קיין קובאַ. ער איז אויך געווען דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע פאַרווירטשאַפטלעכן לופט־פאַרקער און אַ דעלעגאַט צו פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן לופט־פּלי־וועזן. הערי גוגענהיים איז געווען דער איניציאַטאָר און פּרעזידענט פון דעם גוגענהיים־פאָנד פאַר אויסבעסערן דעם לופט־פאַרקער אין אַמעריקע.

דניאל און זיין זון הערי גוגענהיים האָבן שטענדיק זיך באַמיט צו מאַכן אַמעריקע פאַר דעם וויכטיקסטן און שטאַרקסטן לאַנד אין דער וועלט אויפן געביט פון לופט־פּליערײ. זיי האָבן אויסגעגעבן פיל מיליאָנען דאָלאַרס צו העלפן אַנטוויקלען די אַוויאַציע־וויסנשאַפט און סובסידירט אַלע מעגלעכע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַנטוויקלונג פון לופט־פּליערײ, און, ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, האָבן זיי אין די גרעסטע אוניווערסיטעטן אין לאַנד איינגעאָרדנט אַוויאַציע־אָפּטיילונגען און פון זייערע פאָנדן זיינען געעפנט געוואָרן ספּעציעלע שולן ביי דער אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק, אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין קאַליפאָרניע, מעסע־טשוזעטס, דזשאָרדזשיאַ און אין אַנדערע הויכע שולן פאַר עראָפּלאַן־בוי.

די גוגענהיימס האָבן אויך געבראַכט קיין אַמעריקע די בעסטע יידישע לופט־עקספּערטן. אין 1930, ווען אין אייראָפּע האָט מען שוין דערפילט דעם היטלעריסטישן אַנטיסעמיטיזם, איז איינגעלאַדן געוואָרן דער גרויסער וויסנ־שאַפטמאַן ד״ר קאַרמאַן, אַז ער זאָל ווערן דירעקטאָר פון דער גוגענהיים עראָנאַטיקל לאַבאָראַטאָריע אין קאַליפאָרניע. זיינע אויפטוען ווערן שטאַרק אָפּגעשאַצט פון אַ גרויסער צאָל וויסנשאַפטלייט און מיליטערישע עקספּערטן. אין דער צייט פון דער מלחמה און נאָך דער מלחמה האָט ער געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע, אַז ער איז דער הויפּט פון די עצה־געבער אין דער לופט־פלאָט־וויסנשאַפט פון אַמעריקאַנער מיליטער.

אין 1943 האָט אַ צווייטער לופט־עקספּערט פון דייטשלאַנד, ד״ר עריק שאַצקי, זיך באַזעצט אין אַמעריקע. ער איז אין דייטשלאַנד געווען דער הויפּט־אינזשעניר פון דער „לופט־האַנזאַ״, די לופט־ליניע פון דער דייטשער רעגירונג. ער האָט אויך געהאָלפן די רעגירונגען פון דער שווייץ, האָלאַנד און ישראל (ביים אָרגאַניזירן די לופט־ליניע, וועלכע פירט פּאַסאַזשירן צווישן אַמעריקע און ישראל).

גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם אַמעריקאַנער לופט־

פלי־וועזן האָבן אויך בענעדיקט קאהן, אַרטור קאַנטאַראָוויטש, מאַרטין סאָ־מערפילד און איב סילווערשטיין. זיי פּראָדוצירן פאַרשיידענע טיפּן עראָ־פּלאַנען פאַר מיליטערישע און ציווילע צוועקן און אַ גרויסע טייל פון זייער אַרבעט מוז געהאַלטן ווערן אין געהיים צוליב זיכערקייט, און דעריבער הערט מען אין דער עפנטלעכקייט זעלטן וועגן זיי. דערביי ווילן מיר אויך דער־מאָנען דעם וועלט־פלי פון טשאַרלס לעווין פון 4טן און 5טן יוני, 1927.

צווישן די קופּער־פּראָדוצענטן זיינען אויך געווען אַקטיוו אין אַמערי־קאַנער עפנטלעכן לעבן מאָריס פּאַלק, פון פּיטסבורג, וועלכער האָט אויסגע־בויט אַ קליניק ביי דער פּיטסבורגער אוניווערסיטעט, וואָס גיט טעגלעך אומ־זיסטע מעדיציניש באַהאַנדלונג צו 750 קראַנקע און אַדאָלף לואיסאָן, פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט צעטיילט העכער צוויי מיליאָן דאָלאַר פאַר וויסנ־שאַפטלעכע צוועקן. זיין הויז איז געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון דעם סיטי־קאָ־לעדזש, און די ניו־יאָרקער לואיסאָן־סטעדיום איז שוין צענדליקער יאָרן באַקאַנט ווי אַ צענטער פון סימפאָנישער מוזיק פאַר דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג.

די צוויי ברידער מאיר און עמנואל לעהמאַן זיינען אין 1848 געקומען פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין אַלאַבאַמאַ, געעפנט אַ טעקס־טיל־געשעפט און בעת דעם בירגער־קריג האָבן זיי פאַרזאָרגט די סאָלדאַטן מיט קליידער, וועש און אַנדערע נויטיקע זאַכן. דערנאָך קומען זיי קיין ניו־יאָרק עפענען די „לעהמאַן בראָדערס באַנק". מאיר לעהמאַן האָט געהאַט אַכט קינדער און הערבערט איז געווען דער יינגסטער. ביז 1933 איז הער־בערט לעהמאַן געווען אַ שותף אין דער באַנק. אָבער ווען ער איז אַריינגע־טראָטן אין דער פּאָליטיק ווי דער גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק, האָט ער רעזיג־נירט פון זיין אַנטייל אין די באַנק־געשעפטן. די „לעהמאַן בראָדערס באַנק" האָט זיך באַזונדערס ספּעציאַליזירט אין פינאַנצירן און איבערנעמען צום עפנטלעכן פאַרקויף פון באַנדס אָדער אַקציעס פון אויסלענדישע רעגירונגען און גרויסע מיליאָנען־אונטערנעמונגען. זיי זיינען באַטייליקט אין דער פירונג פון העכער צען אַוויאַטיק קאָרפּאָראַציאָנס און עראָפּלאַן־קאָמפּאַניעס. זיי האָבן אויך גרויסע קאַפּיטאַלן אין „ניו־יאָרק־טאַימס". אין 1929, ווען עס איז געווען די פינאַנץ־קאַטאַסטראָפע אין ניו־יאָרק און די סיטי־טראַסט־קאָמפּאַני איז צוזאַמענגעבראָכן, טויזנטער קליינע הענדלער און אַרבעטער האָבן פאַר־לוירן זייער לעצטן דאָלאַר, האָט הערבערט לעהמאַן אַרויסגענומען אַ מיליאָן דאָלאַר פון זיין טאַש און אויסגעצאָלט אַלע חובות, אַזוי אַז די קליינע מענטשן זאָלן ניט ליידן.

דאָס באַנק־געשעפט פון „לאַזאַר פרער״, וועלכע איז געווען אַ צווייג פון אַ גרויסער פראַנצויזישער באַנק־אונטערנעמונג, איז אויך געווען איינע פון די עלטסטע בענק אין ניו־יאָרק, וועלכע האָט געשאַפן אַ פינאַנציעלע פאַר־בינדונג צווישן דער יונגער אַמעריקע און דער גרויסער פינאַנץ־וועלט אין אייראָפּע. אין יאָר 1925 האָט דער באַזיצער פון דער היגער באַנק־אָפּטיילונג, דזשאָרדזש בלומענטאַל, ליקווידירט די באַנק און די פאַרמעגנס צעטיילט פאַר הומאַניטאַריע צוועקן אין אַמעריקע און פראַנקרייך. ער איז אויך געווען פּרע־זידענט פון מעטראָפּאָליטען קונסט־מוזעאום און פון מאונט־סיני־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק.

מען דאַרף נאָך דערמאָנען אַ רייע פּריוואַטע יידישע באַנקירן, ווי דזשאָ־זעף זעליגמאַן, וועלכער האָט געהאָלפן פינאַנצירן דעם בירגער־קריג און איז אויך געווען דער פינאַנציעלער עצה־געבער פון די פּרעזידענטן לינקאָלן און גרענט; פיליפ ספּייער, וועלכער איז פאַקטיש געווען דער ערשטער יידישער פּריוואַטער באַנקיר אין אַמעריקע. ער איז געקומען אין 1837, מיט איניקע יאָר שפּעטער איז געעפנט געוואָרן די באַנק פון „גרינבוים און באַלין״. אין אַמעריקע איז אויך געווען טעטיק אַ פאַרטרעטער פון ראָטשילדס באַנק, אוי־גוסט בעלמאָנט, וועלכער האָט דערנאָך געעפנט אַן אייגענע באַנק־אונטערנע־מונג, געוואָרן אַ פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט. אויך דזשוליוס בעיטש איז געווען אַ דערפאָלגרייכער בראָקער און באַנקיר. ער האָט אַוועקגעשאָנקען צו דער שטאָט ניו־יאָרק קונסט־זאַמלונגען אויף צו עפענען אַ ספּעציעלן מו־זעאום, וואָס האָבן די ווערט פון איבער פינף און צוואַנציק מיליאָן דאָלאַר.

אין 1908, ווען דער גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק, טשאַרלס עוואַנס יוהז האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט אויסצופאָרשן די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאָל אין דער אַמעריקאַנער באַנק־וועלט, האָט דער קאָמיטעט, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען לואיס בראַנדעיס, קאָנטראָלירט 134 קאָרפּאָרעישאָנס מיט אַ קאַפּיטאַל פון 25 ביליאָן דאָלאַר, אין וועלכע עס זיינען געווען טעטיק 746 דירעקטאָרן. קיין איינע פון די יידישע קאָרפּאָרעישאָנס איז ניט געווען פאַרמישט אין וועלכע עס איז ניט ערלעכע באַנק־אַקטיוויטעטן.

האַנדלס־אונטערנעמונגען

די נעמען פון די דריי ברידער שטראַוס זיינען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. אין 1852 קומט לאַזאַרוס שטראַוס פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע. ער באַזעצט זיך אין דזשאָרדזשיא. ער האָט געפעדלט, ווי אַנ־דערע זיינע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ווי פּעדלערס און האָבן

דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען פון דערפאָלג. „פראָם רעגס טו ריטשעס" — פון שמאַטעס צו רייכקייט — איז אַ פּאָפּולערער אויסדרוק אין דער אַמעריקאַנער פאָלקס־ליטעראַטור. אַזוי זיינען געווען די אַלע העלדן, וועלכע האָבן געבויט און געשאַפן דאָס מאַטעריעלע רייכטום אין לאַנד. מיט צוויי יאָר שפּעטער, ד. ה. מיט הונדערט יאָר צוריק, קומען אַהער זיין פרוי, דריי זין: איזידאָר (1845—1912), נעיטן (1848—1931) און אָסקאַר סאָלאָמאָן (1850—1926) און אַ טאָכטער הערמינאַ.

אין 1874, נאָך דעם ווי מען האָט אין דער סאַוט געמאַכט, בעת דעם בירגער־קריג, פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע בלבולים קעגן יידן, האָבן זיי פאַרלאָזט דזשאָרדזשיא און געקומען קיין ניו־יאָרק, האָבן אָפּגעקויפט אַ קליינע סטאָר פון הויזווירטשאַפט־אַרטיקלען און מיט דער צייט איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וועלט־דעפּאַרטמענט־סטאָר, וואָס איז געבליבן אונטער דעם נאָמען פון פריערדיקן באַזיצער ר. ה. מעיסי. איזידאָרס קינדער און דערנאָך די אייניקלעך זיינען די פאַרוואַלטערס פון מעיסי'ס דעפּאַרטמענט־סטאָר, וואָס האָט אַ גרויסע צאָל אונטערנעמונגען אויך אין קאַליפאָרניע און אין אַנדערע טיילן פון אַמעריקע. נעיטן האָט געעפנט אַ צווייט דעפּאַרטמענט־סטאָר אין ברוקלין, ניו־יאָרק, „אייברעהעם ענד סטראַוס", וואָס איז אויך פאַרבונדן מיט אַ גרויס קאָנצערן פון דעפּאַרטמענט־הייזער איבערן לאַנד.

אין יאַנואַר, 1953, האָט די מעיסי־קאָרפּאָרעישאָן געהאַט די ווערט פון אַרום 95 מיליאָן דאָלאַר. דער אומזאַץ־קאַפּיטאַל באַטרעפט 67 מיליאָן, בעת אין אָנהויב 1952 — קנאַפּע 60 מיליאָן און די רעגירונג האָט באַקומען קנאַפּע 4 מיליאָן אין שטייערן און אין אַנדערע אָפּצאָלונגען אין יאָר 1952.

איזידאָר און זיין פרוי איידא האָבן געפונען זייער טראַגישן טויט אויף דער ריזיקער שיף טיטאַניק, וואָס איז אונטערגעגאַנגען דעם 15טן אַפּריל, 1912. נעיטן שטראַוס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פילאַנטראָפּיע. ער האָט אויף זיינע אייגענע הוצאות געעפנט אַרום דריי הונדערט אָפּטיילונגען אין 36 פאַרשיידענע שטעט, וואו עס זיינען פאַרטיילט געוואָרן פּאַסטעריזירטע מילך צו נידעריקע פּרייזן און די שטערבלעכקייט פון קינדער איז גאָר שטאַרק געפאַלן. ער האָט אויסגעבויט אין לעיקוואוד אַ קירכע און געגעבן דעם געהעריקן באַדן אויף אויסצובויען אַ שפּיטאָל. פּרעזידענט טעפט האָט געזאָגט וועגן נעיטן שטראַוס, אַז ער איז געווען „ניט נאָר אַ גרויסער ייד, נאָר אויך דער גרעסטער קריסט פון אונדז אַלע". וועגן אָסקאַר סאָלאָמאָן שטראַוס איז שוין דערמאָנט געוואָרן. פּרעזידענט קליוולאַנד האָט אין 1887

אים באַשטימט פאַר אַמבאַסאַדאָר קיין טערקיי, פּרעזידענט מעקקינלעי האָט אים אויך באַשטימט אין צוויי טערמינען ווי דעם אַמעריקאַנער פאַרטרעטער אין האַאַגער אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל. פּרעזידענט ווילסאָן האָט אים אויך בשטימט, צום דריטן מאָל, צום זעלבן ריכטער־אַמט, אין טעאָדאָר רוזוועלטס קאַבינעט איז ער געווען מיניסטער פאַר האַנדל און אַרבעט, און פּרעזידענט טעפט האָט אים, אין 1909, ווידער באַשטימט צום דריטן מאָל פאַר אַמאַבאַסאַדאָר קיין טערקיי.

דזשוליוס ראָזענוואַלד (1862—1932) האָט אוועקגעגעבן פאַר קונסט, וויסנשאַפט און סאָציאַלע צוועקן העכער זיבעציק מיליאָן דאָלאַר, האָט אויפגעבויט העכער זעכציק טויזנט שולן פאַר נעגער־קינדער און ער איז ביי די נעגערס אַזוי פאַרהייליקט, ווי אייבערהעם לינקאָלן, וועלכער האָט זיי באַפרייט פון דער שקלאַפעריי. מיט הונדערט יאָר צוריק, אין 1854, איז דזשוליוס׳ פאָטער סעמיועל געקומען פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע, זיך באַזעצט אין ספּרינגפילד, אילינאָי, געעפנט דאָרט אַ קליין קליידער־קראָם. דזשוליוס איז דאָרט געבוירן געוואָרן. ווען ער איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, שיקט אים דער פאָטער קיין ניו־יאָרק צו אַ קרוב. ער ווערט אַ שיק־יינגל אין אַ טעקסטיל־געשעפט. ער פאָרט דערנאָך קיין שיקאַגאָ, עפנט פאַר זיך אַליין אַ קליידער־געשעפט, באַקענט זיך מיט די אייגנטימער פון דעם דאָרטיקן געשעפט סיערס־ראָבאַק, טרעט אַריין אַלס אַ שותף און אין 1910 ווערט ער דער פּרעזידענט פון דער אונטערנעמונג.

אין 1914 האָט די אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין געבן סחורות אויף אויסצוצאָלן צו אירע קונים אין אַלע אַכט און פערציק סטעיטס, געמאַכט אַ האַנדלס־אומזאַץ אויף הונדערט מיליאָן דאָלאַר, אין 1937 — אויף העכער פינף הונדערט מיליאָן, און אין 1952 — אויף קנאַפּע דריי ביליאָן דאָלאַר! דזשוליוס ראָזענוואַלד איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן צוגעצויגן די אַרבעטער פאַר שותפים צו די פאַרדינסטן פון דער אונטערנעמונג. איבער צוויי הונדערט טויזנט אַנגעשטעלטע באַקומען 25 פּראָצענט דיווידענד, וואָס די אַלגעמיינע צאָל אַקציעס ברענגען אַריין. דזשוליוס ראָזענוואַלד איז געשעצט געוואָרן פאַר אַזאַ ווירטשאַפטלעכן ריז, ווי טאָמאַס עדיסאָן און הענרי פאָרד. ער האָט אויסגעבויט די גרעסטע האַנדל־אונטערנעמונג אין דער וועלט, וואָס האָט העכער צען מיליאָן „קאָסטימער״ איבער דעם גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ווען ער איז געשטאָרבן, אין 1932, האָט ער איבערגעלאָזט אַ פּריוואַט־פאַרמעגן פון זיבעצן מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאָציאַל־וויסנשאַפטלעך

פאונדעישאַן. ראָזענוואלדס אַ זון, וויליאַם, און אַ טאָכטער, מרס. דעיוויד ליוואי, זיינען אַקטיוו אין סאָציאַלער הילף פאַרן וועלט־יידנטום צוזאַמען מיט מרס. פעליקס וואַרבורג און סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן. מעקס אַדלער, אַ שוואָגער פון דזשוליוס ראָזענוואַלד, איז אויך געווען באַטייליקט ווי איינער פון די הויפּט־דירעקטאָרן אין סירס־ראָבאַק. ער האָט, אין 1930, געגעבן אַ מיליאָן דאָלאַר אויף אויפבויען דעם אַדלער־פּלאַנעטאַריום אין שיקאַגאָ, ווי אַ מתנה צו דער שטאָט. ער איז געשטאָרבן אין 1952, אין עלטער פון 86 יאָר.

אין שיקאַגער „האָל אָוו פעים" פון די פּיאָנערן פון דער אַמעריקאַנער פאָלקס־ווירטשאַפט, געפינען זיך אויך די פּאָרטרעטן פון איזידאָר שטראוס, וועלכער האָט אויפגעבויט און אַנטוויקלט „מעיסי"־דעפּאַרטמענט־סטאָר אין ניו־יאָרק און דזשוליוס ראָזענוואַלד, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט אַ קליין אונטערנעמונג אין אַ ריזן־קאָרפּאָרעישאַן פון ביליאָנען דאָלאַר. ווען די אַדמיניסטראַציע פון פּרעזידענט אייזענהאַוער האָט געוואָלט האָבן אין טרעזשורי־דעפּאַרטמענט אַ וויכטיקן פינאַנץ־עקספּערט, האָט זי געבראַכט קיין וואַשינגטאָן איינעם פון די דירעקטאָרן, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט ביי סירס־ראָבאַק אין שיקאַגאָ.

112 יאָר עקזיסטירט שוין די פאַמיליע גימבעלס. פון דעם קליינעם קרעמל, וואָס דער אימיגראַנט אַדאַם גימבעלס האָט, אין 1842, געהאַט אין אינדיאַנאַ איז אויסגעוואַקסן דער דעפּאַרטמענט־סטאָר פון די ברידער גימבעלס, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון פערטן דור. די צענטראַלע איז אין פילאַדעלפיע און אָפּטיילונגען אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט. אין 1947 איז געמאַכט געוואָרן אַ יערלעכער אומזאַץ אויף העכער דריי הונדערט מיליאָן, און דאָס פאַרמעגן איז ווערט 131 מיליאָן דאָלאַר. די גימבעלס זיינען אויך באַטייליקט אין „קאָקאָ קאָלאַ" און אין דער מעדיסאָן־סקווער־גאַרדען אין ניו־יאָרק. זיי האָבן אונטערגענומען אַ פּראָיעקט פון הייזער־בוי אין לאָנג־איילאַנד, ניו־יאָרק, אויף אַ סומע פון 50 מיליאָן דאָלאַר.

בערנאַרד גימבעלס איז צום זעקסטן מאָל אויסגעקליבן געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון דעם טוריסטן־פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט די אויפגאַבע צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע, אַז די גרעסטע אַמעריקאַנער קאָנגרעסן און קאָנווענשאַנס זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן אין ניו־יאָרק, און מרס. גימבעלס שפּילט אַ פירנדיקע ראָלע אין דער אַקציע ווידעראויפצובויען קאָרעאַ. זי איז דאָרט געווען און זיך באַקענט מיט דעם פאַקטישן מצב. איצט, ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט אייזענהאַוער זי געשטעלט אין דער אָנפירונג פון

דער קאָרנער־פאָונדעישאָן אויף ווידער אויפבויען אַ מאָדערנע קאָרעא, אין גייסט פון דער אַמעריקאַנער טעכניק און געזונטהייט־איינריכטונגען.

אַדאָלף סאַימאָן אָקס, (1858—1935) איז געווען אַ זשעני אין דער צייטונגס וועלט, געבוירן ביי עלטערן — דייטשע רעוואָלוציאָנערן פון 1848. איז ער צו 11 יאָר געווען אַ ניוס־באָי, 4 פּאַרטאָגס האָט ער צעטיילט די צייטונגען. צו 19 יאָר האָט ער שוין רעדאַגירט דעם „נאָקסוויל טריביון", מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער געווען דער אַרויסגעבער פון „שאַטאַנוגע טאַימס" און ער האָט שוין געהאַט אַן אָנזען אין דער אַמעריקאַנער צייטונגס־וועלט.

אין 1896, ווען די „ניו־יאָרק טאַימס" האָט געהאַלטן אין צוזאַמענברעכן, האָט אַדאָלף אָקס די צייטונג איבערגענומען, זי פולשטענדיק רעאָרגאַניזירט, און זי איז די בעסטע אינפאָרמירטסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע צייטונג אין דער וועלט. עס זיינען געווען צייטן, ווען פּאָליטישע פּאַרטייען אָדער גרויסע פינאַנץ קאָמפּאַניעס האָבן געוואָלט סובסידירן מיליאָנען דאָלאַר, כדי צו האָבן אַ געוויסען איינפלוס אין דער צייטונג. אָבער אַדאָלף אָקס האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. זיין דעוויז איז געווען :

אומאָפּהענגיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אַדאָלף אָקס איז געווען אַן אידיש פון רעפאָרם־פירער אייזיק מאיר וואיס און ער האָט פיל געהאָלפן זיין שווער אין אויפבויען די וויסנשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס פאַר די רעפאָרם־ראַבאַיס. ער האָט אויך אויפגעבויט אַ טעמפּל אויפן נאָמען פון זיינע עלטערן און איז געווען אַ טראַסטי אין „עמנואל" טעמפּל.

אָקס איז געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון אַמעריקאַנער פאַרבאַנד פון די צייטונגס־אַרויסגעבער. אַ גרויסע צאָל אוניווערסיטעטן און וויסנשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן האָבן אים געגעבן ערן־אויסצייכענונגען און די שאַטאַנוגער שטאָט פאַרוואַלטונג האָט אויסגעבויט אַן אָבסערוואַטאָריום און מוזעאום אויף זיין נאָמען.

זיין אידעם אַרטור העיז זולצבערגער, איז דער איצטיקער פּרעזידענט פון „ניו־יאָרק טאַימס".

קוירנעל ראָבערט מעקקאָרמיק, דער אַרויסגעבער פון אַ רייע רעאַקציאָ־נערע צייטונגען, איז יעדן באַקאַנט, אַז ער איז ניט קיין באַזונדערער יידן־פריינט. דאָך, ווען עס קומט צו ווירטשאַפטלעכע ענינים, איז גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז שוין ביי אים אַ טראַדיציע אַז דער אָנפירער פון זיין ציר־קולאַציע־דעפּאַרטמענט זאָל זיין אַ ייד. אין „שיקאַגאָ טריביון" און „דעילי־ניוס" אין ניו־יאָרק, וועלכע האָבן די גרעסטע צירקולאַציע פון אירגענד וועל־כע צייטונג אין אַמעריקע, זיינען פאַראַן יידישע באַאַמטע, וועלכע באַקומען

גרויסע שכירות, אַזוי ווייט אַז איין מענעדזשער האָט אַן ערך הונדערט טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

בענדזשאַמין אַלטמאַן (1840—1913) האָט געעפנט זיין דעפּאַרטמענט סטאָר אין 1865 און האָט עס אַנטוויקלט צו אַ גרויסער אונטערנעמונג. ער האָט אויך צוגעצויגן זיינע אַנגעשטעלטע פאַר שותפים צו דער קאָרפּאָרעי־שאָן. אין מעטראָפּאָליטען קונסט־מוזעאום אין ניו־יאָרק געפינען זיך ווערט־פולע אַנטיקן אויף זיין נאָמען. אויך זיין שותף און נאָכפאָלגער מייקל פריד־זאַם האָט געעפנט אַ פרידזאַם־גאַלעריע אין מעטראָפּאָליטען־מוזעאום און אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אין ברוקלינער מוזעאום פאַר קונסט און וויסן.

אין דער אינדוסטריע

דאָס דינע פּליס־פּאַפּיר, וואָס מען באַנוצט ביים פּראָדוצירן ציגאַרעטן, איז פריער אימפּאָרטירט געוואָרן פון דייטשלאַנד. אין 1938, האָבן די צוויי ברידער וואָלטער און ד״ר פריץ שטראַוס, פּליכטלינגע פון דייטשלאַנד, גע־גרינדעט די „אַקוסטע פּעיפּער קאָרפּ.״ אין נאָרט־קאַראָליינאַ, וואו עס געפינט זיך דאָס רוי־מאַטעריאַל, און טויזנטער אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן באַ־קומען נייע פּאַרדינסט־מעגלעכקייטן. אַ צווייטע וויכטיקע אונטערנעמונג אין דער פּאַפּיר־אינדוסטריע האָט געגרינדעט אברהם מייזער, אין ניו־יאָרק. ער איז געקומען פון רוסלאַנד און אויסגעבויט די „האָדסאָן פּולפּ און פּעיפּער קאָרפּאָרעישאָן״, וועלכע פּראָדוצירט די נעפּקינס, וואָס געפינען זיך ביי יעדן אַמעריקאַנער אויפן טיש. אין זיינע פאַבריקן זיינען באַשעפטיקט אַרום דריי טויזנט פּערזאָן. די פאַבריקן געפינען זיך אין פלאָרידאַ, מעין, ווערמאָנט און פּענסילווייניאַ. אין 1953 איז אברהם מייזער געשטאָרבן און האָט איבער־געלאָזט גרויסע פאָנדן פאַר סאָציאַלע צוועקן.

אין קאַליפאָרניע איז אַקטיוו די פאַמיליע צעלנבאַך אין אַ רייכער פּאַ־פּיר־פּראָדוקציע, וועלכע האָט שוין איבערגעלעבט דריי דורות. דער איצטי־קער פּרעזידענט פון דער קאָרפּאָרעישאָן, דזשעימס דעיוויד צעלנבאַך, באַ־טייליקט זיך אויך אין דער פּאָליטיק. פּרעזידענט אייזנהאַוער האָט אים באַ־שטימט אויף אַ ריי וויכטיקע אַמטן אין עפנטלעכן לעבן.

סידני לוריע איז פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פון עקאָנאָמיסטן, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אַנאַליזירן די ווירטשאַפטלעכע פעאיקייטן פון האַנדלס־ און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, צי זיי זיינען קרעדיט־פעאיק און דאָס גלייכן. אין גאַנץ אַמעריקע זיינען פאַראַן אַזעלכע צוועלף פאַרבאַנדן, וואָס ווערן אָנגעפירט פון זעלביקן פּרעזידענט.

די דערפינדונג פון דער ניי־מאַשין אין 1851 האָט אַריינגעבראַכט אַ רעוואָ־לוציע אין דער פּראָדוקציע פון פאַרטיקע קליידער. די ברידער האַרט אין שיקאַגאָ, מאיר גרינבוים אין ראטשעסטער, מאיר דזשאַנאַסאָן אין ניו־יאָרק (וועלכער איז געווען דער גרעסטער פּראָדוצענט פון מענער־קליידער), לואיס באַרגעניכט (ספּעציאַליסט פון קינדער־באַקליידונג) און העניי דיקס (ספּע־ציאַליסט אין פרויען־יוניפאָרמען פאַר שפּיטאָל־נויִרסעס, שולן און דאָס גלייכן) זיינען געווען פּיאָנערן פון אויסאַרבעטן פאַרטיקע קליידער, וואָס באַ־טרעפן איצט ביליאָנען דאָלאַר.

אין 1952, האָבן 4500 אינדוסטריעלער פון פרויען־קליידונג אין ניו־יאָרק פּראָדוצירט פאַר אַ האַלבן ביליאָן דאָלאַר.

די ברידער מאָזעס, העניי און סיזער קאָון האָבן אין נאָרט־קאַראָליינא אויסגעבויט די גרעסטע טעקסטיל־אינדוסטריע אין דער וועלט. שוין איבער הונדערט יאָר, ווי זיי האָבן פאַרזאָרגט די איינוואוינער און די רעגירונג פון נאָרט־קאַראָליינא מיט שטענדיקע הכנסות און געשאַפן אַ פאָרטשריט אויף אַ גרויסער צאָל סאָציאַלע און גייסטיקע געביטן. אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע קאָון האָבן באַקומען פון דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט ערן־דאָקטאָר טיטולן, ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר זייערע הומאַניטאַרע באַ־ציאונגען צו דער באַפעלקערונג.

אין 1847, איז זייער פאָטער הערמאַן קאָון אַהער געקומען פון בייערן מיט 20 סענט אין טאַש. ער האָט זיך באַזעצט אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, און געפּעדלט מיט לעבנס־מיטל־פּראָדוקטן. זיינע צוויי זין, העניי און סיזער, זיינען שוין דאָ געבוירן געוואָרן אין די יאָרן 1857 און 1859. מאַכט זיך אַ צופאַל און הערמאַן קאָון באַקענט זיך מיט אַ באַזיצער פון אַ קאַטאָן־מיל אין אַשוויל, נאָרט קאַראָליינאַ, און ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז קאָון זאָל צוטרעטן פאַר אַ שותף. דערפון האָט זיך די אונטערנעמונג שטאַרק צעוואַקסן. עס זיינען געבראַכט געוואָרן די בייסטע מאַשינען, די מאָדערנסטע לאַבאָראַטאָריעס האַלטן אין איין אויסבעסערן די פּראָדוקציע. זיי האָבן געעפנט פאַבריקן פון טע־פּיכער און פון אַנדערע טעקסטיל־אַרטיקלען. זיי האָבן בכלל אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער טעקסטיל־איני־דוסטריע. די אונטערנעמונגען עקזיסטירן ביזן היינטיקן טאָג און די הויפּט־אונטערנעמונג געפינט זיך אין ניו־יאָרק.

די אייניקלעך האָבן שוין געלערנט אין די אוניווערסיטעטן. ד״ר סידני קאָון איז פּראָפעסאָר פון פּאַטאָלאָגיע אין מערילאַנד־אוניווערסיטעט און זיין שוועסטער איז געוואָרן פּרעפעסאָר אין פרויען מעדיקל קאַלעדזש אין

באַלטימאָר. זיי וויזן אַרויס די זעלביקע פעאיקייטן אין דער מעדיצין, ווי זייערע עלטערן אין דער ווירטשאַפט.

עמיל בערלינער (1851—1921) האָט אַנטדעקט דעם מיקראָפאָן, טראַנס־מיטער פון טעלעפאָן, דעם גראַמאָפאָן, מאָטאָרס פאַר עראָפּלאַנען, אַ מאַשין פאַר גראַמאָפאָן־רעקאָרדס און אויך דער העליקאָפּטער. ער שטאַמט פון אַ רבנישער פאַמיליע אין דייטשלאַנד און כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין פאַכמענישע בילדונג, איז ער געוואָרן איינער פון די גרעסטע פאַכלייט אין לאַנד. ווי אַן אָרעמער בחור איז ער צו 19 יאָר געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין וואַשינגטאָן. ער איז געוואָרן אַ מעסענדזשער־באָי אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון עלעקטרישע אַרטיקלען. ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו פאַך־ביכער. אין אַ בוידעם־שטיבל האָט ער איינגעאָרדנט אַ פּרימיטיווע לאַבאָראַ־טאָריע, וואו ער האָט געמאַכט אַ רייע דילעטאַנטישע עקספּערימענטן, ביז עס איז אים געלונגען צו קומען צו זיין ציל.

בערלינער האָט געהאַט גרויסע סכסוכים מיט דער בעל־טעלעפאָן און מיט דער עדיסאָן קאָמפּאַני, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַנערקענען זיינע דער־פינדונגען און האָבן זיי פּאַטענטירט ווי זייערע אייגענע. נאָך 14 יאָר אַרבעט, אין וועלכע עס האָבן זיך אַריינגעמישט וויסנשאַפטלעכע עקספּערטן, האָט דער סופרים־קאורט אַנערקענט, אַז בערלינער איז דער אייגנטימער פון די דער־פינדונגען, און די קאָמפּאַניס דאַרפן אים באַצאָלן פאַר זיין אייגנטום־רעכט. די אָריגינעלע דערפינדונגען געפינען זיך אין נאַציאָנאַלן מוזעאום אין וואַ־שינגטאָן. ווען בערלינער איז געשטאָרבן, אין אויגוסט, 1928, האָט פּרע־זידענט הערבערט הואווער געזאָגט, אַז „עמיל בערלינער וואָס האָט אימיגרירט פון דייטשלאַנד, איז געווען איינער פון אַמעריקעס אָממיינסטנס נוצלעכע ביר־גער".

הענרי, זון פון עמיל בערלינער, האָט נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון זיין פאָטער, האָט שטודירט אַלס אינזשעניר, ספּעציאַליזירט זיך אין דער לופט־פליערײַ און געוואָרן פּרעזידענט פון זיינס אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט פּראָ־דוצירט מיליטערישע עראָפּלאַנען. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אַלס קוירנעל אין לופט־פלאָט און ער האָט פאַרפולקאָמט זיין פאָטערס דערפינדונג פון העליקאָפּטער, וואָס שפּילט איצט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער אוויאַטיק.

דעיוויד סאַרנאָף איז אין יאָר 1900 געקומען ווי אַ ניין־יאָריק ייִנגל צוזאַמען מיט זיינע עלטערן פון אוקראַינע קיין ניו־יאָרק. ער איז געוואָרן איינער פון די געציילטע וועלט־אַנערקענטע ראַדיאָ־עקספּערטן. ער קאַנ־

טראַלירט די גרעסטע ראַדיאָ־קאָרפּאָרעישאָן פון דער וועלט. ער איז דער טשערמאַן פון באָארד פון דער „ראַדיאָ־קאָרפּאָרעישאָן אָוו אַמעריקאַ", אויך פון דער „נעישאָנעל בראָדקעסטינג־סיסטעם" און איז אַקטיוו אויך אין אנדערע ראַדיאָ־טעלעוויזשאָן־אונטערנעמונגען.

דעיוויד סאַרנאָף האָט ערלעדי פּאַרדינט דעם ערן־טיטול פון דעם „סעלף מעיד מען". אין זיינע קינדער־יאָרן, ביי אָרעמע עלטערן, האָט ער אַלץ געטאָן אויף צו קענען מאַכן אַ פּאָר סענט און אַרויסהעלפן די עלטערן. ער האָט פאַרקויפט יידישע צייטונגען, געווען אַ מעסעדזשער־באָי ביי מארקאני, געווען אַ משורר ביי אַ חזן, און אין 1953 האָט ער באַקומען אַ געהאַלט פון צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר אַ יאָר, און דאָס נאָר ביי איין קאָרפּאָרעישאָן. די פירער פון דער ריזיקער ראַדיאָ־טעלעוויזשאָן־אינדוסטריע הערן זיך צו מיט אַ גרויסן אינטערעס צו זיינע מיינונגען. דאָס זעלביקע אויך ביי דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן באַקומט ער ערן־דאָקטאָר־טיטולן פון פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן פאַר זיין אָפּטימיזם און דערמוטיקונג, וואָס ער גיט צו די וויסנשאַפטלער, אַז זיי זאָלן וואָס מער פאָרשן און אַרויסברענגען אַלץ מער נייע אויסבעסערונגען אויפן עלעקטרישן געביט. ער האָט אויך דערמוטיקט אַ ריי געלערטע אַרויסצוברענגען דעם סיסטעם פון קאָלירטער טעלעוויזשאָן, וואָס וועט אין אַ יאָר־צוויי אַרום זיין אין פולן ברען.

אין מאַי, 1953, האָט דעיוויד סאַרנאָף, בעת אַ מיטינג פון זיינע אַקציאָנערן דערקלערט, אַז עס איז פאַרצוזען אַ נייע עפּאָכע פון פּראָספּעריטי און אַז די פאַרניכטעטע מלחמה־מאַשינען וועלן איינגעשפּאַנט ווערן פאַרן נוצן פון קאָנסטרוקטיוון ציווילן געברויך. אונדזער ענערגיע און אונדזערע טאַלאַנטן קען מען פאַרווענדן אויף צו הויבן די לעבנס־סטאַנדאַרטן פון אַמעריקאַנער פאָלק און דערביי אָנצוהאַלטן אונדזער דעפענס־שטאַרקייט. סאַרנאָף האָט פאָראויסגעזאָגט אַז אין 1956 וועט אין אַמעריקע זיין 38 מיליאָן טעלעוויזשאָן־סעטס, מיט 15 מיליאָן מער ווי איצט און 130 מיליאָן ראַדיאָ־סעטס. אין די ערשטע דריי חדשים פון 1953 האָט די „ראַדיאָ־קאָרפּאָרעישאָן אָוו אַמעריקאַ" געהאַט אַ פּראָפיט אַרום ניין מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר, מיט 31 פּראָצענט מער ווי אין 1952 אין דער זעלביקער צייט.

אין פּרינסטאָן אוניווערסיטעט געפינט זיך דער „דעיוויד סאַרנאָף ריסוירטש סענטער" וואו עס ווערן געמאַכט עקספּערימענטן מיטן שאַפן אַטאָמאָבילן, וועלכע זאָלן קענען לויפן, אָן דער הילף פון אַ דראַיווער, נור מיט דער קראַפט פון עלעקטראָניקס. אַ מאָדעל פון אַזאַ אַטאָמאָביל איז שוין געוויזן געוואָרן אין טעלעוויזשאָן.

פליכטלינגע זיינען אַ ברכה פאַר אַמעריקע

ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען אַנטווערפּן אין בעלגיע און אַמסטערדאַם אין האָלאַנד, געווען די איינציקע דיימאַנט־צענטערס פון דער וועלט. איצט געפינט זיך אין ניו־יאָרק דער וועלט־צענטער. עס ווערט אָפּגעשאַצט, אַז אין אַמעריקע געפינען זיך אַרום טויזנט דיימאַנט־סוחרים און ביז פינף טויזנט דיימאַנט־שלייפער. בלויז פון 1936 ביז 1941, איידער ביידע לענדער זיינען באַפאַלן געוואָרן פון דעם נאַציזם, זיינען פון דאָרט געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע געשליפענע שטיינער אין דער ווערט פון 132 מיליאָן דאָלאַר, אויסער דעם אויך רויע שטיינער פאַר גרעסערע געלט־סומען. איצט בלייבט דאָס געלט אין לאַנד. צווישן די אַהער געקומענע דיימאַנט־סוחרים געפינען זיך אויך אַ גרעסערע צאָל ספּעציעל־אויסגעביל־דעטע און אויך ממש קינסטלער אין זייער פאַך. פילע פון זיי האָבן באַקומען באַשעפטיקונג אין די גרעסטע דזשולערי־קאָנצערנס, וועלכע וויסן אָפּצושאַצן זייערע פעאיקייטן און די קונסט־אַרבעט. אין דער מלחמה־צייט האָבן די קינסטלער פון „פּרעציז־אַרבעט" געמאַכט וויכטיקע אויסאַרבעטונגען פון מעדיצינישע און אָפּטיק־אינסטרומענטן פאַר דער אַרמיי און נעיווי.

אויך אַנדערע פליכטלינגע פון די פאַשיסטישע לענדער האָבן אין די מלחמה־יאָרן זייער פיל געשאַפן אין קאַמף קעגן נאַציזם. זיי האָבן געדינט אין די צענזור־אַמטן, אין דער מיליטערישער אָקופּאַציע־מאַכט, אין דער אויס־לענדישער עקאָנאָמישער אַדמיניסטראַציע, אין אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע־דינסט פון דער ראַדיאָ אין אייראָפּע און, באַזונדערס, אין „אָפיס אָוו וואָר־אינפאָרמיישאָן". אַ גרופּע יידישע פליכטלינגע האָבן געשענקט צו אַמעריקע אַ גרויסן באָמבער־עראָפּלאַן מיטן נאָמען „לאָיאַליטי".

מען דאַרף וויסן, אַז די יידישע פליכטלינגע האָבן געברענט מיט אַ שנאה קעגן זייערע פאַרפאָלגער און אונטערדריקער. זיי האָבן אויך זייער גוט געקענט אַ גרויסע צאָל אייראָפּעאישע שפּראַכן. פיל פון זיי האָבן פריייוויליק איבערגענומען די אויספאָרשונג־אַמטן ביי דער מיליטערישער געריכט־מאַכט און זיי האָבן אַרויסבאַקומען זייער ווערטפולע סודות ביי די דייטשע געפאַנ־גענע און נאַצישע קריג־פאַרברעכער. אויך אין די העכסטע סטראַטעגישע

אינסטאַנצן אין וואַשינגטאָן האָט מען זיך ערנסט פאַראינטערעסירט מיט די אויטענטישע אינפאָרמאַציעס, וואָס די פליכטלינגע האָבן צוגעשטעלט. אַ רייע עקספּערטן, וועלכע זיינען געווען אין דער שפּיץ פון אַנגעזעענע יורידישע און וויסנשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן אין אייראָפּע, האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער פאַרטיידיקונג־מלחמה פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

בכלל זיינען 95 פּראָצענט פון די פליכטלינגע אַריינגעצויגן געוואָרן אין פאַרשידענע צווייגן פון דער מלחמה־פאַרטיידיקונג.

ווען מיר רעדן וועגן די פליכטלינגע פון די נאַצישע לענדער, וועלכע זיינען אַהערגעקומען אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ פאַרקירצטן אינהאַלט פון דריי רעדעס, וואָס פּראָמינענטע אַמעריקאַנער האָבן געהאַלטן אין דער צייט פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע. דער קאַטוילישער קירכן־פירשט, בישאָף בערנאַרד דזש. שיעל, פון שיקאַגאָ, האָט באַטאָנט:

„זיי, די קרבנות, זיינען שעפערישע און קאָנסטרוקטיווע אַרבעטער, וועמענס מי האָט אַ סך בייגעשטייערט צו דעם וואוילזיין און קולטור פון זייערע פעלקער. טייל פון זיי זיינען לייכטנדיקע שטערן אין יוריספּרודענץ, אין מעדיצין, אין קונסט, אין ליטעראַטור און וויסנשאַפט. זיי זיינען אַנגעזעענע געלערנטע, וואָס זייער רום און זייערע דערגרייכונגען זיינען באַוואוסט און אַנערקענט אין דער גאַנצער וועלט. זיי אַלע, אין די טויזנטער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, וואָס איז דורות־לאַנג געווען זייער היים. אין דער גאַנצער טרויעריקער און ביטערער געשיכטע פון דעם מענטשנס ברוטאַליטעט איז כמעט ניט צו געפינען אַ קאַפּיטל, וואָס זאָל דערציילן פון אַזאַ קאַלטער, אויסגערעכנטער און סיסטעמאַטישער אכזריות, ווי די וואָס ווערט פאַר אונדזערע אויגן באַגאַנגען קעגן די יידן. דאָס האַרץ, וואָס ווערט ניט טיף אויפגערודערט פון שמערץ, פון סימפּאַטיע און מיטלייד ביים אַנבליק פון דער דאָזיקער קרייציקונג פון אַ גרויס און קולטורעל פאָלק — אַזאַ האַרץ איז טויט לגבי אַלע נאָבעלע אימפּולסן פון ציוויליזירטע מענטשן. ווען די היילִיקע, פון גאָט געגעבענע רעכט ווערן געטראָטן מיט די פיס; ווען יעדע היילִיקע און אידעלע קאָנצעפּציע פון רעליגיע, ציוויליזאַציע און מענטשלעכקייט ווערט באַשפּיגן, פאַרדאַמט און פאַראַכט פון גאָטלאָזע טיראַנען — איז די גאַנצע סטרוקטור פון ציוויליזירטן לעבן אין געפאַר.

דאָס פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר אונדז, איז דערפאַר ניט קיין פּראָבלעם פאַר יידן אַליין. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס רירט ניט ווייניקער אָן קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן און בכלל גוט מיינענדיקע מענטשן אומעטום, וואו זיי

געפינען זיך. מיר קענען ניט גלייכגילטיק צוקוקן די יסורים, דעם אומגליק און פאַרפאָלגונגען, וואָס ווערן געטאָן קעגן אונזערע מיטמענטשן. אַזאַ גלייכגילטיקייט וואָלט געווען אַ פאַרראַט קעגן די הויכע פרינציפּן פון רע־ליגיע און מענטשלעכקייט".

דער פירער פון יוניווערסאַל קריסטשיען קאונסיל, ד"ר הענרי לייפער, אַ הויכער פּראָטעסטאַנטישער גייסטלעכער, האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז „עס איז קוים פאַראַן אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך אַזאַ ענלעכער פאַל פון אַזאַ גוואַלטיקן צושטראָם פון אינטעליגענטע און פּראַקטישע מענטשן, ווי עס איז אַריינגעקומען אין די לעצטע יאָרן פון דייטשלאַנד. עס איז סטאַטיסטיש קלאָר געוואָרן, אַז קיין איין איינציקער פון די פליכטלינגע איז ניט געפאַלן צו לאַסט די עפנטלעכע אינסטיטוציעס. פון דער אַנדערער זייט זיינען פאַראַן באַווייזן, אַז טויזנטער אַמעריקאַנער האָבן געפונען אַרבעט אין נייע פאַבריקן, וואָס זיינען געעפנט געוואָרן דורך פליכטלינגע. עס איז דעריבער צו באַדויערן, וואָס דאָס וויל מען דאָ נישט פאַרשטיין. עס איז פאַראַן אַ שטרעבונג אָפּצושטעלן די איינוואַנדערונג. אַזאַ האַנדלונג איז אַ פאַרלעצונג פון די הייליקסטע אַמעריקאַנער טראַדיציעס. אַ קאַפּיטאַן פון אַ גרויסער שיף, וואָס האָט פאַר זיך צו ראַטעווען הונדערט דערטרונקענע, וועלכע ראַנגלען זיך מיט די כוואַליעס, כדי זיך צו דער־האַלטןביים לעבן, קען ניט זאָגן, איך וועל ראַטעווען נאָר זעקס מענטשן און די אַנדערע אינטערעסירן מיך ניט. זיי קענען דערטרונקען ווערן".

אַ דריטער ליבעראַלער אַמעריקאַנער, גענעראַל יוהו דזשאַנסאָן, האָט אין אַן עפנטלעכער רעדע דערקלערט, אַז „זינט די ווילדע האָרדעס פון טשאַנגיז־כאַן האָבן זיך ווי אַ שטורעם געטראָגן פון כינעזישן ים צו דאַנוי־טייך, האָט נאָך די וועלט ניט געזען אַזאַ אוממענטשלעכן מבול פון אויסשלאַכטונג און פייניקונגען, וואָס פאַרפינצטערט אייראָפּע און שטעלט אין סכנה די ציוויליזאַציע אין אונדזער צייט. די דאָזיקע קרבנות זיינען אונדז ניט קיין פרעמדע. זיי זיינען פונעם פאָלק, וואָס האָט אונדז געגעבן אונדזער רעליגיע, ניט בלויז דעם אַלטן טעסטאַמענט, נאָר אויך דעם נייעם טעסטאַמענט. זיי האָבן אונדז געגעבן אַלע פונדאַמענטן פון אונדזער גלויבן; און ווען איך זאָג אונדזער גלויבן, זאָג איך אונדזער ציוויליזאַציע — די צען געבאָט און די באַרג־דרשה — די יסודות פון דעמאָקראַטיע, אַנשטענדיקייט, יושר און וואוילטאָט פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. די מענער און פרויען פון אָט דעם פאָלק, פון דעם יידישן, האָבן אויך געגעבן דער וועלט אַ טייל פון דער גרויסאַרטיקער פילאָזאָפיע און קונסט, פּרעכטיקע מוזיק און פּאָעזיע,

אַ באַזיס פון געזעץ. דאָס יידישע פאָלק האָט געגעבן מער ווי זיין חלק צו וויסנשאַפט, אינדוסטריעס, מעדיצין, כירורגיע. ניין! זיי זיינען אונדז ניט קיין פרעמדע. זיי זיינען אונדזערע אייגענע!

עס איז ניטאָ קיין אַמעריקאַנער, אָן אונטערשייד פון ראַסע און רעליגיע, וועלכער וויל געדעכט זיין צו אונדזער אייגענער געשיכטע און אונדזער גלויבן און צו זיין אייגענעם געוויסן, וועלכער זאָל ניט קענען העלפן, לויט זיינע כוחות. מיר אַמעריקאַנער באַזיצן וועלכע עס איז ממשות־דיקע מיטלען עפּעס צו טאָן, צו העלפן. אויס דאַנקבאַרקייט צו גאָט, לאָמיר העלפן גרויסמוטיק יענע, וועלכע שרייען צו אונדז אין נויט און אין יסורים!"

פּרעזידענט הערי ס. טרומאַן האָט, אין 1948, באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דריי אַקטיווע טוער אין דער אימיגראַציע־באַוועגונג, צווישן זיי אויך דער יידישער לאַיער הערי ראָזענפילד. דעם 15טן אויגוסט 1952, האָט די קאָמי־סיע פאַר „דיספּלייסד פּוירסאָנס" אָפּגעגעבן אַ באַריכט צום פּרעזידענט און צום קאָנגרעס. פון דעם אָפיציעלן באַריכט איז צו זען, אַז פון יולי, 1949, ביז יולי, 1952, האָט די קאָמיסיע געמאַכט הוצאות 19 מיליאָן דאָלאַר. אין דער זעלביקער צייט זיינען די פּליכטלינגע, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, שוין געווען אין אַזאַ ווירטשאַפטלעכער לאַגע, אַז די רעגירונג האָט פון זיי באַקומען פאַר די זעלביקע צוויי יאָר שטייערן אויף אַ סומע פון אַרום 57 מיליאָן דאָלאַר. דערביי איז אויך פאַראַן אַ ריי דערקלערונגען, אַז די נייע אימיגראַנטן זיינען אַרבעט־וויליקע מענטשן, טעטיק אין דער לאַנד־ווירטשאַפט, אינדוסטריע, האַנדל, קונסט און וויסנשאַפט. זיי זיינען איבער־געגעבענע צו דער דעמאָקראַטיע ווייל זיי האָבן אויף זייער אייגענער הויט זיך איבערצייגט וואָס עס הייסט אַ טיראַנישע רעגירונג.

פּרעזידענט טרומאַן האָט אין 1952 באַשטימט אַן אַנדער קאָמיסיע, וואָס דאַרף זיך באַשעפטיקן מיט אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דעם איינוואַנדערונג־פּראָבלעם אין אַמעריקע. צו דער קאָמיסיע געהערן פאַר־טרעטער פון דער גייסטלעכקייט, פון רעגירונג־אַגענטורן. דער טשערמאַן פון דער זעלביקער קאָמיסיע איז פיליפּ פּערלמאַן, געוועזענער געהילף פון אַטוירני דזשענעראַל אין וואַשינגטאָן און אַלס עקזעקוטיוו־דירעקטאָר איז באַשטימט געוואָרן דער שוין דערמאָנטער הערי ראָזענפילד.

אין דער לאַנדווירטשאַפט

שוין מיט העכער הונדערט יאָר צוריק איז אין אַמעריקע אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג וועגן לענקן די יידישע אימיגראַנטן צו דער לאַנד־ווירטשאַפט. די קאָלאָניזאַציע־פראַגע איז שוין דעמאָלט געווען אַ ברענענדיקע. מען האָט שוין צו יענער צייט פאַרשטאַנען, אַז אין דער נייער וועלט מוז מען קומען צו אַ ניי לעבן, געבויט אויף נייע יסודות. אויף דעם געביט זיינען געמאַכט גע־וואָרן פאַרשיידענע פּראָבעס, סיי געלונגענע און סיי ניט־געלונגענע. אַ גרוי־סע צאָל יידישע אָרגאַנאַמען און פּאַבלייט אויף פאַרשיידענע געביטן פון דער לאַנדווירטשאַפט זיינען געוואָרן וויכטיקע אַגראַר־עקספּערטן און פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן סיי ביי דער רעגירונג און סיי ביי אַ ריי קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן.

אין יאָר 1844 האָט דער עסטרייכישער פּליטלינג, איזידאָר בוש, אַרויס־געגעבן אַ זשורנאַל „איזראַעל הערעלד״, וואו ער האָט שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. ער האָט אין מיזורי אָרגאַניזירט אַ גרויסע קאָ־לאָניע מיטן נאָמען "בוש־בערג״, וואו ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פּראַק־טישע אַגראַר־קענטעניש. ער האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט משה מאָנטעפיאָרע אין לאָנדאָן, אַדאָלף קרעמיע אין פּאַריז און לואידזשי לוצאַטאָ אין רוים. אין 1848 האָט דער עלזאַסער אימיגראַנט, הענרי קאַסטרא, אָראָפּ־געבראַכט אויף זיינע אייגענע הוצאות מער ווי פינף טויזנט יידישע אימי־גראַנטן פון ריינלאַנד און זיי קאָלאָניזירט אין טעקסאַס. קאַסטרא האָט אין זיינע קאָלאָניעס אינוועסטירט העכער הונדערט טויזנט דאָלאַר. אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון טעקסאַס ווערט קאַסטרא שטאַרק געלויבט ווי אַ גרויסער אַגראַר־פּיאָנער. די רעגירונג פון טעקסאַס האָט איינע פון די שטעט, וואָס זיינען אַנטשטאַנען פון זיינע קאָלאָניעס, אָנגערופן אויף זיין נאָמען — קאַסטרא.

אַרום 1880, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, האָבן זיך די קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעמען זייער שטאַרק פאַרשאַרפט. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז עס זאָל אַנטשטיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אָנ־פירערשאַפט, וואָס זאָל באַקעמפן די פאַרשיידענע „ניט־געבעטענע בעלי־טובות״, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אַרום די אימיגראַנטער.

אַזוי איז אין 1891 געגרינדעט געוואָרן דער באַראָן הירש־פאָנד און שפּעטער, ווען די קאָלאָניזאַציע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן, איז אין 1896 געגרינדעט געוואָרן די „נעשאַנעל פאַרם־סקול" אין פּענסילווייניע און אין 1906 — דער „יידישער אַגריקולטור־פאַרבאַנד". העכער הונדערט טויזנט יידישע פאַרמער געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָל שטאַטן. זיי זיינען ספּעציאַליסטן אויף פאַרשיידענע געביטן אין דער לאַנדווירטשאַפט. באַראָן מאָריס דע הירש האָט צו דעם צוועק געגעבן קנאַפּע פיר מיליאָן דאָלער.

אַ גרעסערע צאָל אַגראָנאָמען און באָטאַניקער, וועלכע זיינען געקומען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, פאַרנעמען וויכטיקע אַמטן אין פאַרשונג־לאַבאָראַטאָריעס און אַרבעטן ווי לערער אין אַ ריי קאָלעדזשעס און אוניווער־סיטעטן. אויך די פעדעראַלע רעגירונג האָט זיי איבערגעגעבן אַ ריי אויפגאַבן וועגן דורכפירן לאַנדווירטשאַפטלעכע פאָרשונגען אין די עקספּערימענטאַלע אָפּטיילונגען פון דעפּאַרטמענט פאַר אַגריקולטור און אַנדערע.

יעקב יוסף טויבענהויז, אַ געבוירענער אין צפת, איז געווען דער הויפּט פון דער אָפּטיילונג פאַר באָדן־פיזיאָלאָגיע אין דעם טעקסאַס אַגריקולטורעלן פאַרשונג אינסטיטוט. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער וועגן באַ־קעמפן באָדן־קראַנקייטן. זלמן וואַקסמאַן, דער וואָס האָט באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר דערפינדן סטרעפּטאָמייסין צו באַקעמפן טובערקולאָז, איז אַ מיקראָביאָלאָגיסט אין ראַטגערס קאָלעדזש פאַר אַגריקולטור, ניו־דזשוירזי. זיינע פאָרשונגען פון באָדן־פּראָבלעמען האָבן אים געשטעלט צווישן די גרעס־טע פון דער וועלט. פּראָפ. וואַקסמאַן האָט איבערגעגעבן פאַר זיין קאָלעדזש אין ניו־בראַנזוויק די גאַנצע הכנסה, וואָס ער וועט אַריינבאַקומען פון דער וועלט־באַרימטער דערפינדונג זיינער, כדי מען זאָל קענען אויסבויען דעם גרעסטן וויסנשאַפטלעכן פאָרשונג־אינסטיטוט פון דער גאַנצער וועלט. ער איז איינער פון די ווייניקע־געציילטע ספּעציאַליסטן אין דער וועלט.

מאָזעס נ. לעווין האָט געהאַט פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשונג־אַמטן אין קענזעס־סטעיט אַגראַר־קאָלעדזש, אין דער אוניווערסיטעט פון מינעסאָטאַ און אין דעפּאַרטמענט פאַר אַגרי־קולטור אין וואַשינגטאָן. ער איז איינער פון די פירנדיקע פאַטאָלאָגיסטן אין גאַנצן לאַנד. ער האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג פאַר געפינען מיטלען צו באַקעמפן תבואה־שעדלעכקייטן. מאיר עדוואַרד דזשאַפע, געוועזענער פּראָפעסאָר פאַר שפּייז־פּראָדוקטן אין דער אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע, איז אויך דער הויפּט פון דער ביוראָ צו קאָנטראָלירן לעבנס־פּראָדוקטן און דראָג־מיטלען ביי דעו געזונהייט־דע־פאַרטמענט אין קאַליפאָרניע און איז אַ ספּעציעלער באַאַמטער פון אַגראַר־

דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן. ער האָט אין די לעצטע יאָרן פיל געטאָן פאַר געפינען מיטלען געזונט צו מאַכן דעם באָדן פון ציטרוס־פּרוכטן.

טשאַרלס פּ. ליפּמאַן, דער דין פון דער גראַדואייט־אָפּטיילונג און פּראָפעסאָר פון באָדן־פּאַטאַלאָגיע אין דער אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע, איז איינער פון די באַדייטנדיקסטע וויסנשאַפטלעכע עקספּערטן אויף זיין געביט. זיינע באַקטעריאָלאָגישע דערפינדונגען זיינען געווען אַ סענסאַציע אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. זיין ברודער, יעקב גדליה ליפּמאַן, איז געווען דער דין פון ראַטגערס קאַלעדזש פאַר אַגריקולטור און דירעקטאָר פון עקספּערימענטאַלן אַמט פון ניו־דזשוירזי סטעיט. ער איז אויך געווען פּרעזידענט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פאַר באָדן־פאָרשער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1927 אין וואַשינגטאָן. ער איז גערופן געוואָרן קיין וואַשינגטאָן, אַז ער זאָל אונטערנעמען אַ ברייט־פאַרצווייגטע פאָרשונג וועגן באָדן־קראַנקייטן אין אַלע טיילן פון לאַנד און ער האָט אויך באַקומען אַ רייע ערן־טיטולן פון אַ גרויסער צאָל אוניווערסיטעטן אין פאַרשיידענע לענדער.

ה. ל. סעבסאָוויטש האָט אָרגאַניזירט אַ דעפּאַרטמענט פאַר אַגריקולטור אין אוניווערסיטעט פון קאָלאָראַדאָ, וועלכער איז געווען די ערשטע און איינציקע אָפּטיילונג פאַר באָדן־וויסנשאַפט אין דער גאַנצער וועסט. בערנאַרד אָסטראָלענק איז פון באַראָן הירש־שולן געקומען ווי אַן אינסטרוקטאָר פון עקאָנאָמיק אין ניו־יאָרק־אוניווערסיטעט און אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש. זיינע פאַכמענישע ביכער ווערן געלערנט אין אַלע אוניווערסיטעטן. לעאָנאַרד רובינסאָן, וועלכער איז אַ דירעקטאָר פון דער יידישער סאָסייעטי פאַר אַגריקולטור, האָט אין 1916 זיך באַטייליקט אין אויסאַרבעטן די געזעצן וועגן פעדעראַלע הלוואות פאַר פאַרמערס און ער איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון פעדעראַלן לאַנד־ווירטשאַפטלעכן באַנק אין ספּרינגפילד, מעסאַטשוזעטס, איינע פון די גרויסע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע בענק, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן פון דער פעדעראַלער רעגירונג אין וואַשינגטאָן.

לואי ה. ביען איז פון 1923 ביז 1932 געווען איינער פון די וויכטיקסטע אַגראַר־עקאָנאָמיסטן אין די רעגירונג־אַמטן פון דעם אַגראַר־דעפּאַרטמענט און איז אויך געווען דער הויפּט פון דער אָפּטיילונג וועגן דורכפירן אינדוסטריעלע פּראָגראַמען כדי צו אַנטוויקלען די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע. אויך הענרי מאָרגענטוי, איידער ער איז געוואָרן טרעזשורי־סעקרעטאַר אין רוזוועלט־קאַבינעט, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט פאַרם־ענינים. זיין ערשטער רעגירונג־אַמט איז געווען, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט די פאַרם־

קרעדיט־אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט געבראַכט די גאַנצע אַמעריקאַנער לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אויף אַ הויכער מדרגה.

דעיוויד לובין האָט געגרינדעט און איז געווען דער פּרעזידענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַגראַר־אינסטיטוט ביי דעם פריערדיקן פעלקער־בונד, וואָס האָט זיך געפונען אין רוים. ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער דעלעגאַט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אויף אַ גרויסער צאָל אינטערנאַציאָנאַלע אַגראַר־קאָנגרעסן. ווען ער איז געשטאָרבן, האָבן פאַרטרעטער פון 36 פעלקער אָפיציעל זיך באַטייליקט אין אַ טרויער־פאַרזאַמלונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן צו זיין אָנדענק.

אויך געוויינלעכע יידישע פאַרמערס, וועלכע האָבן ניט קיין קאָלעדזש־אויסבילדונג, נאָר וויסן פיל זאַכן פון זייער אייגענער דערפאַרונג, זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ רייע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלעדזשעס אין ניו־דזשוירזי, קאָנעטיקוט און פלארידא, אַז זיי זאָלן זיך טיילן מיט די ניט־יידישע פאַרמערס און אַגראַר־סטודענטן. מען הערט אויס די יידישע פאַרמערס מיט אַ גאָר גרויסן אינטערעס. די יידישע פאַרמערס פאַרנעמען בכלל אַן אָנגעזעע־נעם אָרט אין זייערע קאָמיוניטיס און נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם פאַר־וואַלטן פון אַלע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, וואו זיי ווערן גערן געזען. עס איז שוין טעטיק דער דריטער דור פון די יידישע פאַרמערס.

אידישע פאַרמס זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. די גרעסטע פאַרם אין אַמעריקע פון די טייערסטע און בעסט־געפלעגטע בלומען געפינט זיך אין יידישע הענט. דאָס זעלביקע אויך די מינק־פאַרמס, זילבער־פוקסן, אין ציכטן מייז און האָזן פאַר מעדיצינישע עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריעס. צענדליקער טויזנטער ווערן פאַרקויפט צו די מעדיצינישע אָפּטיילונגען אין די גרעסטע אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. עס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן, אַז אין 1951, האָט די אַלגעמיינע פאַרם־ווירטשאַפט געמאַכט אַרום 150 ביליאָן דאָלאַר, דערפון האָבן יידן באַקומען אַ געהעריקן חלק. עס איז אויך פעסט־געשטעלט געוואָרן, אַז אין דזשוירדזי געפינען זיך איבער 3000 יידישע עופות־ און אייער־פּראָדוצענטן, וואָס זייער יערלעכע פּראָדוקציע באַטרעפט 65 מיליאָן דאָלאַר.

אין דער עפֿנטלעכער בוי־טעכניק

דער ייד בערנאַרד סטעינמאַן, אין ניו־יאָרק, איז איינער פון די וועלט־באַרימטסטע בריקן־בוי־אינזשענירן. ער האָט געמאַכט די פּלענער ווי אַזוי מען זאָל בויען די גרויסע דזשאָרדזש וואַשינגטאָן בריק איבער דעם האָדסאָן און די טרייבאָראָ־בריק אין ניו־יאָרק, גרויסע בריקן אין קאַליפאָרניע און פּענסילווייניא, די אינטערנאַציאָנאַלע בריק איבער דעם סט. לאָרענס צווישן אַמעריקע און קאַנאַדע און אַ בריק אין בראַזיליע, וואָס איז די לענגסטע אין גאַנץ סאַוט־אַמעריקע. ביז 1914 איז סטעינמאַן געווען פּראָפעסאָר פון בריקן־בוי אין איידעהאָ אוניווערסיטעט. ער האָט ערן־טיטולן פון אַ גרויסער צאָל אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע און פון אייראָפּע.

לעאָן סאָלאָמאָן מאָיסעיעף (1872—1943) איז געווען איינער פון די ספּעציאַליסטן אין פּלאַנירן דעם אויפבוי פון שווער־קאָמפּליצירטע בריקן. ער האָט געהאַט דעם קאָנטראָל ביים בויען דעם מאַנהעטן־בריק אין ניו־יאָרק, דעלאַווער־ריווער־בריק ביי פילאַדעלפיע, גאָלדן־געיט־בריק אין סאַן־פראַנציסקאָ און די גרויסע בריקן איבערן ריין ביי קעלן אין דייטשלאַנד. ער איז אויך געווען דער הויפּט־אינזשעניר פון בוי־דעפּאַרטמענט פון דער שטאָט ניו־יאָרק. ער האָט דערפונדן אַ ריי אינסטרומענטן, וועלכע האָבן באַדייטנדיק פאַרלייכטערט די טעכניק ביים בוי פון קאָמפּליצירטע בריקן און ער האָט אויך פאַרפאַסט האַנט־ביכער אין דער בוי־טעכניק.

סעם ראָזאָף, וועלכער איז געקומען פון מינסקער גובערניע אַלס אַן אָרעם יינגל, געפּעדלט מיט צייטונגען און דאָס גלייכן, האָט געבויט סאָבוועיס און טונעלן. ער איז געווען דער באַזיצער פון ראָזאָפס ראָוד־קאָרפּאָריישאָן, ראָזאָף קוילן־קאָמפּאַניע און די האָדסאָן ריווער דעי לאַין, וועלכע פירט עקסקורסיעס איבער דעם האָדסאָן. זיי האָבן געהאַט דעם ווערט פון מערערע צענדליק מיליאָן דאָלאַר.

ראָבערט דעיוויד קאהן איז געווען דער פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן אַמעריקאַנער אינסטיטוט פון אַרכיטעקטור און אויך דירעקטאָר פון דער האוזינג אָפּטיילונג ביי דער אַדמיניסטראַציע פון עפנטלעכע אַרבעטן אין ניו־יאָרק. ער האָט אויסגעבויט די שפּיטאָלן מאַונט סיני, מאָנטעפיאָרע, טעמפּל עמנואל און מעיסי׳ס דעפּאַרטמענט סטאָר.

זיראַרד סוואָוּפּ איז ווי אַן אָרעם ייִנגל, געוואָרן אַ „מעסענדזשער באָי“ אין דער שיקאַגער אָפּטיילונג פון „דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאַני“. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו לערנען דעם עלעקטרישן טרעיד, און די קאָמפּאַניע האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט, אַז ער זאָל קענען שטודירן אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין באָסטאָן. דערנאָך איז ער אַריין אין דער קאָמפּאַניע און איז דערגאַנגען ביז צום אַמט פון פּרעזידענט. אין 1922 איז ער געווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דזשענעראַל עלעקטריק. ער האָט ערשט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצואווייזן זיינע פעאיקייטן. און האָט אויסגעבויט אַ נעץ פון אָפּטיילונגען פון דער קאָמפּאַניע אין אַ ריי פאַרשיידענע לענדער אין צענטראַל און סאַוט־אַמעריקע.

ווילעי דזשעק קאהן האָט אויסגעאַרבעט די בוי־פּלענער פון די גרעסטע געביידעס אין דער וואָל סטריט, בראָדוועי, פּאַרק עוועניו און פון אַ גרויסער צאָל דעפּאַרטמענט־סטאָרס. ער איז געווען פּראָפעסאָר פון אַרכיטעקטור אין קאָרנעל אוניווערסיטעט, אויך פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער אינסטיטוט פאַר אַרכיטעקטור און ראַטגעבער פון פעדעראַל סעקיוריטי אַגענטור אין וואַשינגטאָן, ווי אַזוי אויסצובויען היימען פאַר עלטערע מענטשן.

זיגיזמונד גאָלדוואַטער, קאָמישאַנער פאַר שפּיטאָלן אין דער שטאָט ניו־יאָרק, האָט באַקומען הויכע אויסצייכענונגען פון דעם אַמעריקאַנער אינסטיטוט פאַר אַרכיטעקטור פאַר אויסבויען ניו־יאָרקער שפּיטאָלן לויט די לעצטע פאָדערונגען פון דער בוי־טעכניק, וועלכע זיינען אַ מוסטער פאַר אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט. אַלבערט קאהאַן, פון דעטראָיט, מישיגען, האָט באַקומען פון סיראַקיוז אוניווערסיטעט דעם ערן־טיטול פון ד״ר פאַר פיינער קונסט. אויך דער אַמעריקאַנער אינסטיטוט פאַר אַרכיטעקטור האָט אים געגעבן אַ ספּעציעלע באַלוינונג פאַר זיינע פאַרדינסטן אין דער אַרכיטעקטור.

סיימאָן ברייעס, ניו־יאָרק, האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג פון אַמעריקאַנער אינסטיטוט פאַר אַרכיטעקטור פאַר אויסאַרבעטן אַ בוי־פּלאַן פון אַ גאַנצער שטאָט, וואָס זאָל האָבן אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, לויט די לעצטע באַדינגונגען פון דער טעכניק און פון עפנטלעכן געזונט.

עס זיינען אויך אויסגעבויט געוואָרן גאַנצע שטעט פון יידן און זיי טראָגן יידישע נעמען:

אַראָנסבורג, אין סענטראַל פּענסילווייניאַ, איז אויסגעבויט געוואָרן פון דעם פינאַנציסט אַראָן ליוואַי. ער האָט אויך צוגעהאָלפן, אַז די איינוואוינער פון שטעטל זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו קענען עקזיסטירן; גילמאַן, אַ שטעטל אין ווערמאָנט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם פּאַפּיר־אינדוסטריע־

לער אייזיק גילמאַן, וועלכער האָט געבויט אַ רייע אינסטיטוציעס פאַר זיינע אַרבעטער, ווי אויך צוויי קירכן פאַר די קאַטאָלישע און פּראָטעסטאַנטישע אַר־בעטער; גרעצטאַון, אַרום פּיטסבורג, איז אויסגעבויט געוואָרן צום אָנדענק פון דער פאַמיליע בענדזשאַמין גרעץ, איז געוועזן פּרעזידענט פון דער אָהייאָ־קענטאָקי באַן־ליניע. ער האָט גוט באַהאַנדלט די אַרבעטער. איז געווען אַ שטרענג פרומער ייד און אויך גיט־יידן האָבן אים גערופן ר׳ בנימין. עמנו־אל, האָהנוויל און זעליגמאַן זיינען געמען פון שטעטלעך צום אָנדענק פון יידישע גאָווערנאָרס: דעיוויד עמנואל אין דזשאָרדזשיאָ, מייקל האהן אין לואיזיאַנאַ און דזש. זעליגמאַן אין ניו־מעקסיקאָ. די באַפעלקערונג אין זייערע שטאָטן, וואו זיי האָבן פאַרוואַלטעט מיט די רעגירונג־ענינים, האָבן צו זיי אויסגעדריקט אַ דאַנקבאַרקייט דערמיט, וואָס די שטעטלעך זיינען אָנגערופן געוואָרן אויף זייערע נעמען.

די „לעוויטאַון" אין לאָנג־איילאַנד, ניו־יאָרק און אין פּענסילווייניע, וועלכע זיינען אויסגעבויט געוואָרן פון אייבערהעם לעווויט און זיינע צוויי זין אַלפרעד און וויליאַם. אין פאַרלויף פון די לעצטע צוואַנציק יאָר — פון 1934 ביז 1954 — האָבן די לעוויטס אויפגעבויט קנאַפּע 40 טויזנט הייזער, וואָס האָבן די ווערט פון אַ האַלבן ביליאָן דאָלאַר.

אין ניו־פּאָרט ניוס, ווירדזשיניאַ, האָט די באַפעלקערונג געוויזן זייער שטעלונג צו די יידישע מיטבירגער. דער יידישער מעיאָר איז שוין געווילט געוואָרן צום 6טן מאָל. אויך די טשערלייט פון רויטן קרייץ, דרעפט־באָארד, אַט־לעטיק ליג, פון אַלגעמיינעם קאָמיוניטי־טשעסט, האַנדלס־קאַמער, קאָמיסיע פאַר וואַסער־פאַרזאָרגונג, פון עפנטלעכער אַרבעט, עפנטלעכע שולן, שטאָ־טישער אַטאָרני, פון פּאַבליק העלטה און אויך דער בעסטער בירגער און בירגערין פאַרן יאָר 1952 — זיינען אַלע יידן . . .

אויך אין דער אַלטער, היסטאָרישער שטאָט סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאָ, האָט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג גרויס צוטרוי צו יידן, וועלכע שטייען אין דער שפּיץ פון פאַלגענדע קערפּערשאַפטן:

דריי מעדיצינישע פאַרבאַנדן, דענטיסטן פאַרבאַנד, יוריסטן־פאַרבאַנד, ביי די אַרכיטעקטן, „האוזינג אַטאָריטי", אין די שטעטישע אָפּטיילונגען פאַר שולן, סאָציאַלע הילף און געזונט. אין די אָרדענס פון די שריינערס, איגעלס און מעיסאָנס, אין דריי מיליטערישע וועטעראַנען אָרגאַניזאַציעס, איינער פון די דירעקטאָרן פון סיוויל דיפענס, אין עלטערן און לערער פאַרבאַנד, פון די גע־וועזענע קאָלעדזש סטודענטן. מוזיק פאַרבאַנד, אין שטאָטישן קונסט טעאַטער און אַ רייע האַנדלס אוןווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

אַ צאָל פון די נעמען פון די יידישע שטאָט־פירער געהערן צו די אַלטע פאַמיליעס, פון די ערשטע יידן, וואָס זיינען געקומען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

דער אַמעריקאַנער אָרדן, וועלכן מען רופט „עלקס" און ציילט העכער אַ מיליאָן מיטגלידער, צווישן זיי אויך אַ גרויסע צאָל סענאַטאָרן, גאָווערנאָרס, קאָנגרעסלייט — אויך פּרעזידענט טרומאַן איז אַ עלקס־מיטגליד — האָט אויסגעקליבן אין 1952 פאַר דעם העכסטן באַאַמטן, דעם פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, דעם ייד סעם סטוירן, פון נאָרט־דאַקאָטאַ.

צווישן אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען אין 1848 האָט זיך אויך געפונען דער יונגער אינזשעניר אַדאָלף סוטרא פון אַכען, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין גאָלד־ראַש אין קאַליפאָרניע. ער האָט אויף דעם געביט פון די גאָלד־פעלדער געמאַכט אַ רייע זייער וויכטיקע דערפינדונגען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע אין דער עקספּלואַטאַציע פון די גאָלד־מינעס. סוטרא האָט, ווי עס איז דער שטייגער, באַקומען שונאים צווישן זיינע קאָנקורענטן און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. זיינע קאָנקורענטן האָבן געוואָלט פאַרניכטן אַלע זיינע פּלענער וועגן שאַפן אַן אונ־טערערדישן טונעל אין די גאָלד־מינעס. עס איז זיי אָבער ניט געלונגען. ער איז אַרויס דער זיגער. דאָס האָט אים נאַטירלעך געמאַכט פאַר אַ פיל־פאַכיקן מיליאָנער. סוטרא האָט באַקומען פילע אויסצייכענונגען און זיין נאָמען ווערט אָפט דערמאָנט אין דער געשיכטע פון קאַליפאָרניע.

ראָבערט מאָזעס, וועלכער איז דער ניו־יאָרקער פּאַרק־קאָמישאָנער, איז אויך דער גרעסטער עקספּערט אויף אַלע געביטן בנוגע דער טעכנישער אויס־בוי פון שטעט און שאָסייען. אין אַ קאָנטעסט פון שריפטלעכע אָפּהאַנדלונגען מיט פּלענער וועגן אויסבעסערן אויטאָמאָביל־שאָסייען, וואָס איז אַ זייער ברענענדיקע פּראָבלעם אין אַמעריקע, האָט ראָבערט מאָזעס געוואונען דעם העכסטן פּרייז פון 25 טויזנט דאָלאַר. דער קאָנטעסט איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן פון „דזשענעראַל מאָטאָרס". עס האָבן זיך באַטייליקט 44 טויזנט אינזשענירן און טעכניקער פון אַלע טיילן פון לאַנד. זיי זיינען די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין בויען די „הייוועיס", וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן, אַז דער אויטאָמאָביל זאָל שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דעם אַזוי שנעלן און פענאָ־מענאַלן וואוקס פון אַמעריקע.

אין דעם אויפֿבוי פֿון וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס

די יידן אין אַמעריקע האָבן באַלד פֿון די ערשטע יאָרן אָן זייט זיי זיינען געקומען אין נייעם לאַנד, זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם גייסטיק־וויסנשאַפֿטלעכן לעבן. באַזונדערס האָבן זיי גענומען אָן אַקטיוון אָנטייל אין די לעצטע הונדערט יאָר אין פֿינאַנצירן, אויפֿבויען און אַנטוויקלען אַ גרויסע צאָל קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, אָרגאַניזירן און שטיין אין דער שפּיץ פֿון אַ רייע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, פֿירן אַ פּיאָנערישע אַרבעט און אַרויסברענגען נייע הייל־מיטלען, וועלכע זיינען אַ ברכה פֿאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט. שוין ניט ריידנדיק וועגן די הונדערטער פּראָפֿעסאָרן, וועלכע לערנען די אַמעריקאַנער שטודירנדיקע יוגנט אויף אַלע מעגלעכע געביטן פֿון דער וויסנשאַפֿט.

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז אין דער קאָלאָניאַלער צייט, האָבן יידן געגעבן געלט־אונטערשטיצונגען פֿאַר די אוניווערסיטעטן פֿון קאָלאָמביאַ אין ניו־יאָרק און ברוינס אוניווערסיטעט אין רהאוד איילאַנד. רבי גרשם מענדעס סייקשאַס איז געווען אַ טראַסטי אין קאָלאָמביאַ. אויך דער הויפּט־ריכטער קאַרדאָזאָ איז געווען אַ טראַסטי און דער אַרויסגעבער פֿון „ניו־יאָרק טאַימס”, אַרטור העיז־זולצבערגער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס טשערמאַן פֿון אַ קאָמיטעט צו פֿייערן דעם 200טן יאָר זייט „קאָלאָמביאַ” איז געגרינדעט געוואָרן. פּערסי שטראַוס (אַלס רעפּרעזענטאַנט פֿון דער פֿאַמיליע שטראַוס) איז געווען אַקטיוו אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, מאָזעס סטראָק — טשערמאַן פֿון באָארד פֿון קאָלעדזש פֿון דער שטאָט ניו־יאָרק, ריכטער דזשוליען מעק און דזשעסי שטראַוס אין האַרוואַרד. אויך אין אַ גרויסער צאָל קאָמיטעטן ביי האַרוואַרד זיינען געווען יידישע פֿאַרטרעטער. צווישן זיי: פֿעליקס וואַרבורג און די ברידער, ריכטער אוירוואַנג און קוירנעל אַרטור לעהמאַן.

לואיס האַלענדער איז אַ טראַסטי פֿון קוירנעל אוניווערסיטעט, סיימאָן פֿלעקסנער — אין דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט אין באַלטימאָר, בוירטרעם קאָהן פֿון שיקאַגאָ — אַ טראַסטי אין נאָרט־וועסטערן אוניווערסיטעט. לאָיד דינקעלשפּיל, אַ פּראָמינענטער לאָיער אין סאַן פֿראַנציסקאָ, איז געוויילט געוואָרן אַלס דער טשערמאַן פֿון באָארד אָוו דירעקטאָרס פֿון סטענפֿאָרד־אוניווערסיטעט אין קאַליפֿאָרניע און אויך פֿון דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק

און פון פאַרשיידענע פאָרשונג־צענטערן. מרס. עני מייער איז געווען פון די גרינדערס פון באַרנארד־קאַלעדזש פאַר פרויען. מרס. רוט לואיסאָן האָט געהאָלפן גרינדן דעם האנטער־קאָלעדזש פאַר פרויען. די פרויען פון דזשעי־קאָב שיף, אַלפרעד העס און אַייזיק רייס האָבן געשאַפן גרויסע פינאַנציעלע פאָנדן פאַר דיביידע ניו־יאָרקער פרויען־קאָלעדזשעס.

מרס. אַרטור העיס זולצבערגער איז געווײלט געוואָרן ווי אַן עקזעקו־טיוו־טראַסטי אין באַרנאַרד פרויען־קאָלעדזש. פּאָול קלאַפּער איז געווען פּרעזידענט פון קווינס קאָלעדזש. די „פּריינט פון באָסטאָן אוניווערסיטעט״, אַ ריין יידישע גרופּע, האָבן דורכגעפירט אַן אַקציע צו בויען מאָדערנע וויסנ־שאַפטלעכע בנינים ביי דער אוניווערסיטעט. עדווין פליישמאַנס, אין באַל־טימאָר, האָט איינגעאָרדנט אין קאָרנעל־אוניווערסיטעט אַן אָפּטיילונג צו פאָרשן די טראָפּישע קראַנקייטן פאַרן נוצן פון עפנטלעכן געזונט. אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פּראָפעסור אויפן נאָמען פון פּאָול וואַרבורג, צו לערנען עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן.

די יעיל אוניווערסיטעט ביבליאָטעק אין ניו־העיווען, האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן קאַטאַלאָג פון אַלע מאַנוסקריפּטן און ביכער, וואָס שלום אַש האָט אַוועקגעשאָנקען פאַר דער זעלביקער ביבליאָטעק. אין ניו־יאָרק אוני־ווערסיטעט ביבליאָטעק געפינט זיך די זאַמלונג פון פיר טויזנט אַנטיקן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאַנאָראַמאַ פון אַלטער ליטעראַטור״, נעמט אַרום העכער 500 יאָר און איז געשאָנקען געוואָרן צום אָנדענק פון ביבליאָגראַף מיכאל קאַפּלאַן פון נוארק.

דזשוליוס ראָזענוואַלד און אַלבערט לאַסקער האָבן געהאָלפן אויסבויען דעם שיקאַגער אוניווערסיטעט, וואו עס האָט געשיינט די גרויסע וויסנשאַפט־לעכע פּערזענלעכקייט פון אַלבערט מייקעלסאָן. יידן שטייען אויך אין דער שפּיץ פון דעם פּראָגרעסיוון קאָלעדזש אין שיקאַגאָ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רוזוועלט״. דער קאָלעדזש, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין אַפּריל, 1945, מיט אַ „פאַרמעגן״ פון טויזנט דאָלאַר, האָט אין 1953 געהאַט אַ פאַרמעגן פון צוויי מיליאָן, אַ פאַקולטעט פון אַרום 300 פּראָפעסאָרן און אינסטרוקטאָרס און 5000 סטודענטן. זייט 1945 האָבן זיך פאַרשריבן העכער 27 טויזנט סטודענטן. דער יערלעכער דעפיציט פון 150 טויזנט דאָלאַר ווערט געדעקט פון פאָלקס־דעמאָקראַטישע קרייזן. אויך די גרויסע יידישע יוניאָנס העלפן דעם קאָלעדזש, כדי ער זאָל קענען אומגעשטערט אָנגיין מיט זיין טעטיקייט, פאַרצובנרייטן די צוקונפטיקע פירער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

דזשעיקאָב שיף האָט אויסגעבויט אייניקע לערן־געביידעס אין האַרוואַרד.

אויך די פאַמיליע שטראוס האָט דאָרט געעפנט אַ שטראוס־אוידיטאָריום. לואי מייער האָט אויסגעבויט די יוריסטן־שול אין נאָרט־וועסטערן אוניווער־סיטעט. די פאַמיליעס לעהמאַן, שטראוס און זאַקס זיינען שטענדיקע אונטער־שטיצער פון ניו־יאָרק אוניווערסיטעט. פּוירסי שטראוס האָט געגעבן אויף אַ ספּעציעלן צוועק אַ מיליאָן דאָלאַר. די פאַמיליע גוגענהיים האָט געשאַפן מערערע פאָנדן פאַר פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע צוועקן, באַזונדערס אינטע־רעסירט זי זיך מיטן אויסבילדן לופט־פליער און עראָפּלאַן־בוי־אינזשעניערן. זי האָט געעפנט ספּעציעלן שולן אין די אוניווערסיטעטן פון ניו־יאָרק, קאַ־ליפאָרניע און קאָלאָראַדאָ.

דער באַנקיר דזשעיִמס ספּייער האָט אין קאָלאָמביאַ אויסגעבויט אַ שול פאַר דערציאונג און דער באַרימטער וועטעראַן פון דער אַמעריקאַנער צייטונג־וועלט, דזשאָזעף פּוליצער, האָט דאָרט געעפנט די שול פאַר זשורנאַליזם און געשאַפן אַ פאָנד אויסצוטיילן יערלעכע פּרייזן פאַר די, וועלכע צייכענען זיך אויס אויף פאַרשיידענע גייסטיקע געביטן. בערנאַרד באַרוך, וועלכער האָט שטודירט אין ניו־יאָרק סיטי־קאָלעדזש, האָט איבערגעגעבן גרעסערע סומען און די שול פאַר האַנדל אוןווירטשאַפט איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען. אַדאָלף לואיסאָן האָט אָוועקגעשאָנקען אַ גרויס פאַרמעגן אין ווערט פון מערע־רע מיליאָנען דאָלאַר, ווי אויך אַ סטעידיום פאַר עפנטלעכע סימפאָנישע קאָנ־צערטן.

דער ריעד קאָלעדזש אין אָרעגאָן האָט צו פאַרדאַנקען זיין עקזיסטענץ דער פאַמיליע פרענק, וועלכע האָט אַ נעץ פון דעפּאַרטמענט־סטאָרס. דער פילאַדעלפיער אוניווערסיטעט איז אַ סך אונטערשטיצט געוואָרן פון דעם פעלס־פאָונדעישאָן, וועלכע האָט אויך אויסגעבויט אַ פּלאַנעטאָריום. דער פּיטסבורגער אוניווערסיטעט פון פילאַנטראָפּ פאַלק, די פאַמיליע באַמבערגער־פּילד פון נוואַרק האָט אויסגעבויט דעם אינסטיטוט פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין פּרינסטאָן אוניווערסיטעט. ספּייער האָט אויך איינגעאָרדנט אַ פּראָפעסור אין בערלינער אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון טעאָדאָר רוז־וועלט, כדי מען זאָל דאָרט לערנען אַמעריקאַנער געשיכטע און ער האָט פי־נאַנצירט דאָס אויסבויען הייזער ביי די אוניווערסיטעטן פאַר אויסלענדישע סטודענטן. ער האָט באַקומען פול אויסצייכענונגען פון אַ ריי אוניווערסיטעטן פאַר זיין איבערגעבנקייט צו דער שטודירנדיקער יוגנט. פרענק אלטשול, וועלכער איז אַ דירעקטאָר אין אינסטיטוט פאַר אינטערנאַציאָנאַלער דער־ציאונג, איז אויך פּרעזידענט פון וואודראָ ווילסאָן פאָונדעישאָן פאַר אויסבע־

סערן אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפטלעכע באַציאונגען. דזשאָרדזש שפּיראָ איז אַ טראַסטי אין דעם אוניווערסיטעט פון לאָנג־איילאַנד, ניו־יאָרק.

ביז 1933, איז דער הויפּט־צענטער פון דער וועלט־וויסנשאַפט געווען אין בערלין און אין ווין. אַמעריקע איז געווען שטאַרק הינטערשטעליק, און ווען אַ היגער מעדיקער האָט זיך געוואָלט ספּעציאַליזירן אין זיין פאַך, האָט ער געוואוסט, אַז ער דאַרף פאָרן קיין בערלין אָדער ווין. דאָרט האָבן זיך געפונען גרויסע יידישע געלערטע אין אַלע וויסנשאַפטלעכע צווייגן. זייט דער היטלעריזם האָט אַרויסגעטריבן די יידישע פּראָפעסאָרן פון זייערע וויסנשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, איז אַמעריקע געוואָרן דער וועלט־צענטער פון דער וויסנשאַפט. וואוהין עס האָבן אין פאַרלויף פון די לעצטע צוואַנציק יאָר גע־שטראַמט די גרעסטע לייכטנדיקע שטערן פון דער גייסטיקער וועלט מיט אַל־בערט איינשטיין אין דער שפּיץ. עס זיינען אַהער געקומען וויסנשאַפטלעכע זשעניעס, וועלכע האָבן באַקומען נאָבל־פּרייזן, שוין ניט רעדנדיק פון הונ־דערטער געלערנטע־פליכטלינגע פון די דיקטאַטאָרישע לענדער און זיי האָבן באַקומען לערן־ און פאָרשונג־מעגלעכקייטן אין אַ גרויסער צאָל אַמעריקאַ־נער וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

ווען די פאַרטריבענע שפּאַנישע יידן האָבן זיך באַזעצט אין טערקיי, האָט דער טערקישער סולטאַן באַיאזעט געזאָגט, אַז פערדינאַנד האָט אַרויסגעטריבן די יידן, כדי זיי זאָלן קענען טערקיי גליקלעך מאַכן. אויך האָבן די נאַציס און די פאַשיסטן פאַרטריבן די יידישע געלערנטע פון זייערע לענדער, כדי ריי־כער צו מאַכן די אַמעריקאַנער וויסנשאַפט.

די נאָבל־פּרייז־טרעגער

אַזוי געפינען מיר אין אַמעריקע עלף יידן, אַמעריקאַנער געבוירענע און פליכטלינגע פון די פאַשיסטישע לענדער, וועלכע האָבן באַקומען די נאָבל־פּרייזן אויף פאָרשיידענע געביטן און אַמעריקע האָט פון זיי געהאַט אַ גאָר גרויסן נוצן. שוין אין יאָר 1907, איז אַלבערט מייקעלסאָן (1852—1931) געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער און ערשטער ייד, וואָס האָט באַקומען דעם נאָבל־פּרייז פאַר פיזיקס. אַלס קינד האָבן זיינע עלטערן אים געבראַכט פון פּויזנער געגנט אין פּוילן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין פיזיק, גע־וואָרן פּראָפעסאָר אין שיקאַגער אוניווערסיטעט און האָט פאַרשאַפט דעם אוניווערסיטעט אַ גרויס אָנזען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וויסנשאַפטלע־כער וועלט. אַ גרויסע צאָל אויסלענדישע געלערנטע זיינען דאָרט אַהין גע־קומען צו הערן מייקעלסאָנס לעקציעס. אַלבערט איינשטיין, וועלכער איז

געבוירן געוואָרן אין 1879 און געלערנט אין דייטשלאַנד, האָט אין 1921 באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז אויך פאַר פיזיקס. אין 1905, ווען איינשטיין איז אַלט געווען 26 יאָר, האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען וועגן דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. אַזוי אַז ער איז דערביי באַשעפטיקט אַרום אַ האַלבן יאָרהונדערט. אין 1953, ווען איינשטיין איז געוואָרן 74 יאָר אַלט, האָט דער ישיבה־אוניווערסיטעט באַשלאָסן, אַז די מעדיצינישע שול וואָס ווערט געבויט ביי דער ישיבה, אַלס די ערשטע יידישע מעדיצינישע שול אין אַמעריקע, זאָל טראָגן זיין נאָמען.

אין 1925 האָט דזשעימס פראַנק, אַ פליכטלינג פון דייטשלאַנד און איז איצט אַקטיוו אין דער אַמעריקאַנער פאַרשונג פון דער אַטאָם־ענערגיע, באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז, אויך אין פיזיקס. ער איז געווען דער יינגסטער געלערטער, אין עלטער פון 43 יאָר, ווען ער האָט באַקומען דעם פּרייז. צו 36 יאָר איז ער שוין געווען אַ פּראָפעסאָר אין בערלינער אוניווערסיטעט, אין דייטשלאַנד. ער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט דעם באַרימטן געלערטן גוסטאַוו הערץ, וועלכער איז באַקאַנט אין דער עלעקטרישער וויסנשאַפט מיט די „הערץ־שטראַלן".

ווען היטלער האָט אים אַרויסגעטריבן פון דייטשלאַנד, האָט דענעמאַרק געוואָלט, אַז ער זאָל דאָרט אַהין קומען, אָבער ער האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט אין באַלטימאָר, וואו ער פירט אָן מיט דעם דעפּאַרטמענט פאַר פיזישער כעמיע. גוסטאַוו הערץ געפינט זיך אויך אין אַמעריקע.

אין 1930 האָט קאַרל לאַנדשטיינער באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר מעדיצין. אויך ער איז אין דייטשלאַנד געווען איינער פון די גרעסטע פּיאָנערן אין דער פאָרשונג פון די פאַרשיידענע גרופּן פון בלוט. ער האָט אַנטדעקט פיר בלוט־גרופּן, וועלכע זיינען אומגעהויער וויכטיק ביים פעסטשטעלן די בלוט־איינגשאַפטן, ווען מען דאַרף מאַכן אַ בלוט־טראַנספוזיע. די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט האָבן אים באַשאָנקען מיט גאָלדענע מעדאַלן. ער איז געקומען קיין אַמעריקע און די ראָקפעלער פאונדעישאָן פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען האָט אים געגעבן אַלע געהעריקע מעגלעכקייטן, אַז ער זאָל וויטער קענען פאָרזעצן זיינע פאָרשונגען. ער איז אין 1948 געשטאָרבן אין עלטער פון 80 יאָר.

אין 1936, האָט אָטאָ לעווי, פון עסטרייך, באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר מעדיצין פאַר זיינע דערפינדונגען וועלכע האָבן אַ ענגן שייכות מיט דער

נערוון־סיסטעם. ער געפינט זיך איצט אין קאלעדזש פאר מעדיצין ביי דער ניו־יארק־אוניווערסיטעט און פירט ווייטער זיינע מעדיצינישע פארשונגען.

אין 1944 האבן די צוויי יידישע וויסנשאפטלער, איזידאר אייזיק ראבי און דזשאזעף ערלאנגער, באקומען די נאבל־פרייזן, — דער ערשטער פאר פיזיקס און דער צווייטער פאר מעדיצין. פראפ. ראבי האט באקומען דעם פרייז אין עלטער פון 44 יאר. ער שטייט אין דער שפיץ פון דעם דעפארטמענט פאר פיזיק אין קאלאמביא־אוניווערסיטעט און איז טשערמאן פון דעם קאונסיל פאר נאציאנאלע פארשונגען. אין זיינע סעמינארן, וואו ער לערנט וועגן מאגנעטיזם פון עלעקטריע, געפינען זיך די פעאיקסטע סטודענטן. ער איז איינער פון די גאר נאענטסטע איינשטיין־מיטארבעטער אין דער אטאם־פארשונג. דזשאזעף ערלאנגער האט געמאכט וויכטיקע פארשונגען אין היילן די נירן. ער איז אקטיוו אין דער מעדיצינישער אפטיילונג פון וואשינגטאן־אוניווערסיטעט. אין 1946, האט אטא שטערן, פון פיטסבורג, באקומען דעם נאבל־פרייז פאר פיזיקס. געבוירן אין דייטשלאנד, איז ער אין 1933 געקומען קיין אמעריקע און ער מאכט זיינע פארשונגען אין קארנעגיע־אינסטיטוט.

אין 1952, האט דעם 65־יאריקער זלמן אברהם וואקסמאן באקומען דעם פרייז פאר מעדיצין פאר זיין וואונדערלעכן היילמיטל סטעפטאמעיסין, וואס איז א רעטונג פאר די לייד נדיקע טובערקולאז־קראנקע. ד״ר וואקסמאן, וועלכער איז געבוירן געווארן אין אוקראינע, איז דער גרעסטער מיקראבאלאגיסט אין דער וועלט. ביים איבערנעמען דער פרייז אין שטאקהאלם, האט וואקסמאן דערקלערט פאר א גרויסער צאל אינטערנאציאנאלע געלערטע, אז א זיג איבער טובערקולאז, וועגן וואס מען האט ניט געקענט טראכטן אפילו מיט צען יאר צוריק, איז איצט שוין גאר נאענט פון דער פארווירקלעכונג. אין זעלבן יאר האט אויך ד״ר פעליקס בלאק, 47 יאר אלט, באקומען א נאבל־פרייז פאר פיזיקס. ד״ר בלאק איז א געבוירענער אין דער שווייץ און ער איז פראפעסאר פאר פיזיקס אין סטענפארד אוניווערסיטעט. ער טיילט דעם נאבל־פרייז מיט א צווייטן אמעריקאנער וויסנשאפטמאן, פראפעסאר עדווארד פוירסעל פון הארווארד. אין אמעריקע געפינט זיך אויך דער איטאליעניש־יידישער נאבל־פרייז־געווינער ענריקא פערמי, וועלכער איז איינשטיינס א נאענטער תלמיד און טוט פארשונג־ארבעט אין שיקאגער אוניווערסיטעט.

צווישן 26 פיזיקער, זיינען געווען 12 יידישע, וועלכע האבן געשאפן גרויסע מעגלעכקייטן אויסצונוצן די אטאם־ענערגיע פאר פרידלעכע צוועקן,

באַזונדערס פאַר דער מעדיצין. איזידאָר ראַבי איז דער טשערמאַן פון אַלגע־מיינעם וויסנשאַפטלעכן ראַט, סעמיועל גודסמיט, פון האָלאַנד, וועלכער איז אין דער מלחמה־צייט געווען דער הויפּט פון אַ געהיימער וויסנשאַפטלעכער מיסיע אין אייראָפּע און אין די לעצטע יאָרן פּראָפעסאָר אין די אוניווערסי־טעטן פון מישיגען און האַרוואַרד. דער איטאַליענישער נאָבל־פּרייז געווי־נער ענריקאָ פערמי, וועלכער איז אויך געקומען ווי אַ פּליכטלינג און טוט פאָרשונג־אַרבעט אין שיקאַגער אוניווערסיטעט. דער ייִנגסטער פון זיי אַלע איז דער אַטאָם־פאָרשער דזשוליאַן שווינגער, וועלכער איז צו 31 יאָר אַ פולער פּראָפעסאָר אין פיזיק־דעפּאַרטמענט פון האַרוואַרד. דער 35 יאָריקער לואיס סלאָטין איז דעם 30טן מאַי, 1946, געשטאָרבן מיט אַ טראַגישן מאַר־טירער־טויט אין לאָס־אַלאַמאָס ביים מאַכן אַטאָם־עקספּערימענטן. ער האָט באַמערקט, אַז עס האַלט ביי אַן אויפרייס. וועלנדיק ראַטעווען זיינע זיבן וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער פון אַ זיכערן טויט, האָט זיך אַוועקגעגעבן פאַר אַ קרבן און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם אַטאָם־אַפּאַראַט. עס איז געקומען צו אַן אויפרייס, ביי וועלכן ד״ר סלאָטין איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן. ער האָט געלעבט ניין טעג, וועלכע ער האָט אויסגענוצט צו דיקטירן אַ גע־נויען באַריכט פון זיינע פאָרשונגען.

וועגן ד״ר וואַקסמאַנס דערפינדונג פון סטרעפּטאָמעיסין איז שוין גע־שריבן געוואָרן. מיר ווילן דאָ ברענגען וועגן זיינע אַנדערע דערפינדונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין 1949 — ניאָמאַיסין און וויסקוסין, וועלכע זיינען נאָך ווירקזאַמער ווי סטרעפּטאָמייסין. איינער פון זיינע אַרויסהעלפער איז געווען ד״ר אַלבערט שאַץ, פּראָפעסאָר פון ברוקלין קאָלעדזש אין ניו־יאָרק. ער איז אנערקענט געוואָרן אַלס מיטבאַשאַפער פון די דערפינדונגען. ד״ר וואַקסמאַן איז אויך אַן אויטאָריטעט אין ביאָלאָגישע קריגס־ענינים, אַמערי־קאַנער מיליטער־פירער האָבן זיך מיט אים אָפט באַראַטן וועגן פאַרשיידענע פּראָבלעמען.

לואיס ל. שטראוס איז דער טשערמאַן פון אַ צענטער פאַר וויסנשאַפט־לעכע פאָרשונגען אין פּרינסטאָן אוניווערסיטעט, אַלס אַ מאָנומענט נאָך דעם טראַגיש־פאַרשטאָרבענעם סעקרעטערי אָוו דעפענס דזשעימס פאָרעסטאַל, וואָס וועט זיך באַשעפטיקן מיט פאָרשונגען פאַר נאַציאָנאַלער שוץ און פאַר פריד־לעכע צוועקן.

ד״ר סיימאָן קוזנעץ, פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיקס און סטאַטיסטיק אין פענסילווייניע אוניווערסיטעט, איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ גרויסן שטאַב פון עקאָנאָמיסטן פון דער וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פאַר פאָר־

שוג פון עקאָנאָמישע פּראָבלעמען — די „נעשאָנעל ביוראָ פאַר עקאָנאָמיק ריסוירטש״, און האָט אַרויסגעגעבן אין 1953 אַ בוך וועגן איצטיקן ווירט־שאַפטלעכן מצב אין לאַנד, וואָס ווערט דעבאַטירט אין אַלע פאַראַנטוואָרט־לעכע ווירטשאַפטלעכע אינסטאַנצן אין וואַשינגטאָן. דער בערלינער אַסטראָ־נאָם ריכאַרד פּראַגער, איז אויף דער איינלאַדונג פון האַרוואַרד, געוואָרן דער הויפּט פון די אַסטראָנאָמישע פאָרשונגען אין דער אָבסערוואַטאָריום פון האַרוואַרד און קעמברידזש, מעסאַטשוזעטס.

צווישן די הויפּט־פּסיכאָלאָגן געפינען זיך דזשאָזעף יאסטראָוו און באָריס סידיס; אַנטראָפּאָלאָגן — אַלעקסאַנדער גאָלדענווייזער, פראַנץ באָאז און לעאָ פראַכטענבערג; אָריענטאַליסטן — נעלסאָן גליק, מאָריס יאסטראָוו, הארצא גאָטהייל; אין דער פילאָזאָפיע — האראס מאיר קאַלען און מאָריס ר. קאהן; פּאָליטישע עקאָנאָמיע — דזשעיקאָב האָלענדער, ר. א. זעליגמאַן, ישעיה לעאָ שארפמאַן און פעליקס אדלער, דער באַגרינדער פון דער „עטי־שער קולטור״־באַוועגונג. סידני הוק איז דער דין פון דער פילאָזאָפישער אָפּטיילונג אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט.

ד״ר רפאל לעמקין, דער שאַפער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן „דזשענאָ־סאַיד פּאַקט״, אַז די פעלקער, וועלכע פּראַקטיצירן דאָס אויסהרגענען טיילן פון אַן אַנדער פאָלק, זאָלן געבראַכט ווערן פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן טריבו־נאַל, איז פריער געווען איינער פון די בעסטע יוריסטן אין פּוילן און דעלעגאַט פון דער פּוילישער רעגירונג אויף די אינטערנאַציאָנאַלע יורידישע קאָנגרעסן, אַרבעט איצט אין דער יו־ען אַלס אָנפירער פון דער וועלט־באַוועגונג קעגן פעלקער־מאָרד. 40 לענדער, וועלכע האָבן אַ באַפעלקערונג פון אַ ביליאָן מענטשן, ד. ה. אַ העלפט פון דער וועלטס באַפעלקערונג, האָבן שוין דעם יו־ען דזשענאָסאַיד פּאַקט אונטערגעשריבן און ראַטיפיצירט.

קאָלאָראַדאָ יחסנט זיך מיט אָטאָ מיערס, וועלכער איז געקומען פון אַמאָליקן רוסלאַנד, האָט אַנטוויקלט די מינעראַל־פּראָדוקציע, געמאַכט עקספּע־רימענטן אין גאָלד־מינען און אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג ביי דער באַ־פעלקערונג, וואָס איז געווען אַ מוסטער פאַר די אַנדערע שטאַטן אין אַמע־ריקע. צו זיין כבוד איז אָגערופן געוואָרן אַ „האַיוועי״, אַן אויטאָמאָביל־שאָ־סיי, וואָס שניידט דורך די גאַנצע שטאָט, אויף זיין נאָמען און זיין פּאָרטרעט געפינט זיך אין אַ גאַלעריע אין דענווער, צוזאַמען מיט די פּאָרטרעטן פון אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן פאַרדינסטן פאַר דער אויפבוי און אַנטוויקלונג פון קאָלאָראַדאָ.

קאַרל אַלסבערג איז צו 28 יאָר געווען דער הויפּט פון דעפּאַרטמענט

פון פיזיקל־כעמיע און פּראָפעסאָר פון האַרוואַרד מעדיצינישער שול. ער איז דער הויפּט רעגירונג־קאָנטראָלער פאַר שפּייז־פּראָדוקטן. אַלסבערג איז אויך באַשטימט געוואָרן פאַר דירעקטאָר פון דער כעמיע־אָפּטיילונג ביי דעם דעפּאַרטמענט פאַר אַגריקולטור אין וואַשינגטאָן און איז שפּעטער געוואָרן אויך פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פאַר ביאָלאָגישער כעמיע, פון דער וואַשינגטאָן אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפט און פון פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס.

דער כעמיקער לואיס ראַסקין אין שיקאַגאָ האָט אויסגעבויט דראָג־סטאָרס אין העכער 50 שטעט, וועלכע האָבן אַ יערלעכן אומזאַץ פון 15 מיליאָן דאָלאַר.

סאול דושמאַן, וועלכער איז אַ פיזיק־פאָרשער אין פּרינסטאָן, איז אויך געוואָרן דער הויפּט־דירעקטאָר פון די פאָרשונג־לאַבאָראַטאָריעס פון דער „דזשענעראַל עלעקטריק קאָמפּאַניע", וועלכע האָט אונטערגענומען אַ רייע פּראָיעקטן אויסצונוצן די אַטאָם־ענערגיע פאַר פּריוואַטעווירטשאַפטלעכע צוועקן. וויליאַם בלום, פון באַפאַלאָ, דער הויפּט פון דער עלעקטראָ־כעמי־שער אָפּטיילונג פון דער ביוראָ אָוו סטענדאַרד אין וואַשינגטאָן, איז באַשאָנ־קען געוואָרן מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דעם אַמעריקאַנער כעמיקער־פאַר־באַנד פאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע גוטע אַרבעטן. דזשאָזעף אַקסעלראָד, פון לאָס אַנדזשעלעס, איז אויסגעצייכנט געוואָרן פון אינערן־מיניסטעריום פאַר זיינע דערפאָלגרייכע פאָרשונגען לטובת אַמעריקע. דער אינטערנאַציאָ־נאַלער כעמיקער אַלעקסאַנדער לעווי (לואי), פון ניו־יאָרק, האָט דערפונדן אַ כעמיש מיטל ווי אַזוי צו פאַרזיכערן, אַז באַנק־אינסטיטוציעס זאָלן ניט קענען אויפגעריסן ווערן.

מאַקס ברעגמאַן, וועלכער איז געווען אין דייטשלאַנד דירעקטאָר פון קייזער ווילהעלם אינסטיטוט פאַר לעדער־פאָרשונגען און איז אין 1933 געקומען קיין אַמעריקע, איז אין דער מלחמה־צייט געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון דער רעגירונג, אויסצוגעפינען מיטלען צו פאַרגרעסערן די לעדער־פּראָדוק־ציע פאַרן פאַרברויך פון דער אַרמיי און נעיווי. ער איז אַקטיוו אין ראָק־פעלער־אינסטיטוט פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און ער איז אויך פּרע־זידענט פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון לעדער־כעמיקער. סידני נאָרד־לינגער, פאָרשונג־כעמיקער ביי דיופּאָנט, איז געווילט געוואָרן אַלס פּרעזי־דענט פון אַמעריקאַנער כעמיקער פאַרבאַנד. לאַפּעיאַט מענדעל, איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין יעיל, איז אָנערקענט אין דער גאַנצער וועלט ווי

אַן עקספּערט פון שפּיז־פּראָדוקציע און י. שטיגליץ איז געווען אין דער שפּיץ פון כעמישן דעפּאַרטמענט פון שיקאַגאָ אוניווערסיטעט.

אין ראָקעפעלער וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פירט אָן מיט וויכטיקע פאָרשונגען דער פליכטלינג פון דייטשלאַנד לעאָנאַרד מיכאַעליס, אַ תלמיד פון פּראָפעסאָר עהרליך, וועלכער האָט געהאַט אַלס זיינע סטודענטן וויכטיקע געלערטע אין פאַרשיידענע לענדער; עדווין קאהן איז דער הויפּט פון דעפּאַרטמענט פאַר פיזיקל כעמיע אין האַרוואַרד און ד״ר הענרי אָרענשטיין איז אָנערקענט ווי אַ גרויסער עקספּערט אויף די געביטן פון הייוון־ און מאַלץ־פּראָדוקציע.

יידישע מאַטעמאַטיקער

יידן זיינען אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן די בעסטע לערער אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק. אין מעסאַטשוזעטס טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט לערנט דער גאון אויפן מאַטעמאַטישן געביט פּראָפעסאָר נארבערט ווינער. ער איז דער שטאָלץ פון דעם אינסטיטוט און איז אָנערקענט פאַר איינעם פון די בעסטע מאַטעמאַטיקער אין דער וועלט. צו 12 יאָר האָט ער שוין געלערנט אין קאָלעדזש. צו 18 יאָר — האָט ער באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטול. בלויז געציילטע פּראָפעסאָרן פאַרשטייען זיינע מאַטעמאַטישע אויפטוען. אַ צווייטער מאַטעמאַטישער גאון געפינט זיך אין אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע — האַנס רייכענבערג, אַ פליכטלינג פון דייטשלאַנד, וועלכער האָט צוליב געטאָן דעם קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט און איז דאָרט אַהין געקומען פאַרצוזעצן זיינע פילאָזאָפישע פאָרשונגען אין מעאַטעמאַטיק. עס איז געווען אַ דריטער גאון — וויליאַם סיידיס. אין 6 חדשים איז ער דורכגעגאַנגען די פּאַבליק־סקול, צו 11 יאָר — איז ער אַריין אין האַרוואַרד. אין עלטער פון 14 יאָר — האָט ער שוין געגעבן לעקציעס וועגן מאַטעמאַטיק צו העכערע סטודענטן. ער איז, לײדער, יונג געשטאָרבן, צו 46 יאָר.

אין קאָרנעל לערנען די צוויי מאַטעמאַטיקער — אברהם הורוויץ און מ. קאַץ. אין קאָלאָמביא — ערנסט נאַגעל. אין דער אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע — אלפרעד טארסקי וועלכער איז געווען פּראָפעסאָר אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אין האַרוואַרד — הענרי שעפער; אין טעקסאס אוניווערסיטעט — איז דער הויפּט־לערער מאַקס אסטראכאַן. עס איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק באַגנוגען זיך ניט די אוניווערסיטעטן נאָר מיט איין יידישן פּראָפעסאָר, נאָר אַ סך פון זיי האָבן צו צוויי אָדער דריי יידישע מאַטעמאַטיקער. עס איז אַן אַלגע־

מיין אַנערקענטער פאַקט, אַז די יידן זיינען די גרעסטע מאַטעמאַטיקער אין דער וועלט.

אין 1878, איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַמעריקע דער ערשטער וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט מאַטעמאַטיק, און רעדאַגירט געוואָרן איז דער זשורנאַל פון ב. פ. פינקעל. אַלע צען מאַטעמאַטיש־וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַמעריקע, זיינען רעדאַגירט געוואָרן פון יידן. ביי דער ישיבה־אוניווערסיטעט עקזיסטירט אַ פערטליערלעכער זשורנאַל „סקריפּטא מאַטעמאַטיקא״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם גרויסן מאַטעמאַטיק־עקספּערט פּראָפעסאָר יקותיאל גינזבורג, און ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די בעסטע פאַך־זשורנאַלן אין דער וועלט. פּראָפ. גינזבורג האָט אין 1942 באַקומען אַן ערן־אויסצייכענונג פון קאָלאָמביא־אוניווערסיטעט.

מילטאָן קאַץ איז זייט מערץ, 1953, איינער פון די דריי דירעקטאָרן, וועלכע פאַרוואַלטן מיט דעם פאָרד־פאַונדעישאָן וואָס פאַרמאָגט העכער אַ האַלבן ביליאָן דאָלאַר. מילטאָן קאַץ האָט פריער פאַרנומען דעם וויכטיקן אַמט פון דעם אַמעריקאַנער ספּעציעלער פאַרטרעטער אין אייראָפּע אין דעם אַזוי גערופענעם „מאַרשאַל־פּלאַן״. ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי דער סעקרעטאָר פון ריכטער דזשוליען מעק.

מילטאָן קאַנאָוויץ, אַ זון פון הרב יוסף קאַנאָוויץ אין נוואַרק און פּראָפעסאָר פון קאָרנעל אוניווערסיטעט, האָט באַקומען אַ ספּעציעלן פּרייז פון „סיימאָן גוגענהיים מעמאָריאַל פאָנד״ פאַר דורכפירן אַ שטודיום איבער דעם ביל אָוו ראַיטס. סידני הוק, דער דיען פון פילאָזאָפישן דעפּאַרטמענט פון ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון קאָלאָמביאַ פאַר אַרויסווייזן גרויסע פעאיקייטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער דערציאונג־פילאָזאָפיע. מאַקס גראָסמאַן, דער הויפּט פון דעפּאַרטמענט פון זשורנאַליזם אין באָסטאָן אוניווערסיטעט, איז אויך געוואָרן פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פון אַלע העכערע שולן און אוניווערסיטעט־אָפּטיילונגען, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט לערנען זשורנאַליזם. בענדזשאַמין פיין, רעדאַקטאָר פאַר דערציאונג־ענינים אין „ניו־יאָרק טאַימס״, האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון פאַרבאַנד פון קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן פאַר זיינע ווערטפולע אַרבעטן לטובת דער העכערער בילדונג אין אַמעריקע.

פרענק שלעזינגער, וועלכער איז געווען דירעקטאָר פון אָבסערוואַטאָריום ביי דער יעיל־אוניווערסיטעט, איז אויך געווען פּרעזידענט פון די אַמעריקאַנער פאַרבאַנדן פון די אָבסערוואַטאָריומס און פון די אַסטראָנאָמיקער.

דער פוילישער ייד פאול עפשטיין איז דער דירעקטאָר פון דער אַסטראָנאָמי־שער אָפּטיילונג פון דעם קאַליפאָרניער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, וואָס איז פינאַנצירט געוואָרן פון ראָקפעלערס פאונדעישאָן. ער שטייט אין ענגער פאַרבינדונג מיט אַלע גרעסטע פיזיקער און אַסטראָנאָמיקער אין דער גאַנצער וועלט. ד״ר יעקב האַרטשטיין, וועלכער איז דער דירעקטאָר פון דער גראַ־דואייט־שול ביי דער ישיבה־אוניווערסיטעט, איז אויך דער דירעקטאָר פון דערציאונג־דעפּאַרטמענט אין דער לאָנג־איילענד אוניווערסיטעט.

לואיס דובלין איז שוין מיט 50 יאָר צוריק געווען אינסטרוקטאָר פון סטאַטיסטיק אין די אוניווערסיטעטן פון מישיגען און ניו־יאָרק. ער איז געווען פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער פאַרבאַנד פאַר עפנטלעכן געזונט, פון פאַרבאַנד צו פאָרשן באַפעלקערונג־סטאַטיסטיק און פון אַמעריקאַנער „מוזעאום פאַרן געזונט״. ער איז איצט דער וויס־פּרעזידענט און הויפּט־סטאַטיסטיקער פון ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטען לאַיף אינשורענס קאָמפּאַני. אין זיין בוך וועגן באַפעלקערונג־סטאַטיסטיק, ווייזט ער אָן אויף דעם וויכטיקן פאַקט, אַז יידישע פרויען ליידן ווייניקער אויף קענסער־קראַנקייטן ווי די ניט־יידישע. דזשאָרדזש זאַקס, אַ פּליכטלינג פּראָפעסאָר פון דייטשלאַנד, האָט זיך ספּע־ציאַליזירט אין דער שפּאַנישער געשיכטע. ער האָט געזאַמלט אַן אויספיר־לעכע ביבליאָגראַפיע וועגן אַלץ וואָס איז געשריבן געוואָרן פון און וועגן רמב״ם. פראַנץ באָאז איז געווען דער הויפּט פון דעם אַנטראָפּאָלאָגיע־דע־פּאַרטמענט אין קאָלאָמביא.

פרוי ליבי היימאַן איז געווען קוראַטאָר פון דעפּאַרטמענט פאַר פייגל אין אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלן מוזעאום. ה. פרידמאַן האָט אָנגעפירט מיט אַ רייע זאָאָלאָגישע עקספּעדיציעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם באַ־רימטן וויסנשאַפטלעכן „סמיטסאָניאַן״־אינסטיטוט אין וואַשינגטאָן. דעיוויד פונק איז געווען דער הויפּט־ענטאָמאָלאָגיסט (די וויסנשאַפט פון די קליינע ווערעמלעך) אין דעפּאַרטמענט פאַר אַגריקולטור. אַלפרעד קנאָף איז דער פּרעזידענט פון די אַמעריקאַנער געאָלאָגן. סעמיועל מעלצער איז געווען דער הויפּט פון פיזיאָלאָגיע אין ראָקפעלער אינסטיטוט און האָט אַרויסגעגעבן וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע ווערק. העראַלד הורוויץ איז געווען דער הויפּט פון דער פאָרשונג־אָפּטיילונג פון כעמיע און הערבערט פרידמאַן, וועלכער האָט אין עלטער פון 23 יאָר באַקומען דעם טיטול פון ד״ר פילאָזאָפיע פון קאָרנעל, איז באַלד נאָכדעם געשיקט געוואָרן אויף אַ וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע קיין מעקסיקע, אַרגענטינע און אַנדערע טיילן פון אַפריקע.

פּראָפ. יודא א. יאַפע, וועלכער האָט אין 1953 געפייערט זיין 80טן גע־

בורט־יאָר, איז איינער פון די גרינדלעכסטע און אומדערמידלעכסטע שפּראַכן־פאָרשער. צו 18 יאָר קומט ער קיין אַמעריקע. מיט צוויי יאָר שפּעטער פאַרענדיקט ער דעם קאָלעדזש ביי קאָלומביא, ווערט אַן אַקטיווער מיטאַרבע־טער אין אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע וויסנשאַפטלעכע ענציקלאָפּעדיעס און אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אין דער גרויסער באַנק פון דזש. פּ. מאָרגאַן אַן איבערזעצער פון 12 שפּראַכן. אין דער פראַנצויזי־שער אוניווערסיטעט אין ניו־יאָרק איז ער געווען פּראָפעסאָר פון דער יידי־שער שפּראַך און ליטעראַטור.

ד"ר יעקב גרינבערג, וועלכער איז שוין העכער פערציק יאָר פאַרבונדן מיט די ניו־יאָרקער שולן און דערציאונג, האָט אין יולי 1953, איבערגענומען דעם אַמט פון פאַרטרעטער פון הויפּט־פאַרוואַלטער איבער דעם ניו־יאָרקער שול־וועזן, וועלכע נעמט אַרום 700 שולן מיט פערציק טויזנט לערערס און אַ מיליאָן קינדער. אונדזער גייסטיק־קולטורעלער העלד, יעקב גרינבערג, איז אַ קלאַסישער באַווייז, וואָס איז דאָס אַזוינס אַמעריקע און די אַקטיוויטעטן פון אַמעריקאַנער יידנטום.

אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט פון רוסלאַנד, האָט ער אַ גוטן קאָפּ, וויל לערנען, אָבער ער האָט דערצו קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן ניט. האָט ער זיך, מיט פופציק יאָר צוריק, געווענדט צו דעם יידישן פילאַנטראָפּ פעליקס וואַרבורג, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אויסבאָרגן וויפל געלט עס וועט נויטיק זיין, כדי יעקב גרינבערג „זאָל ווערן אָלרייט". עס איז טאַקע אַזוי געווען. גרינבערג האָט געענדיקט די ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, אַוועק קיין פּאַריז, שטודירט אין דער באַרימטער סאָרבאָן־אוניווערסיטעט, באַקומען די גרעסטע אויסצייכענונגען פאַר גע־שיכטע, לאַטיין, פילאָסאָפיע, פילאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע, געגעבן לעקציעס אין קאָלעדזשעס און מיליטערישע שולן, געווען אָפיציעלער עצה־געבער פון די רעגירונגען אין פראַנקרייך, איטאַליע און ישראל וועגן דערציאונג־ענינים, מיטגליד אין פראַנצויזישן ערן־לעגיאָן און וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס אין פראַנקרייך, דענעמאַרק, עסטרייך און שטייט אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט די דערציאונג־אָפּטיילונגען אין דער יו־ען־קאָמיסיע פאַר אַטאָמישער ענער־גיע און פון אַ ריי אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס, וועלכע הערן זיך גוט צו צו זיינע עצות.

יוסף ראָזין, פון ניו־דזשוירזי, אַ כעמיקער, האָט באַקומען פון אַמע־ריקאַנער פאַרמאַציסטן פאַרבאַנד דעם העכסטן מעדאַל, וואָס דער פאַרבאַנד קען שענקען; הערי וועקסלער, פון באָסטאָן, דער הויפּט פון דער ספּעציעלער

וויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג ביי דער וועטער־ביוראָ, איז באַשאַנקען געוואָרן פון אינסטיטוט פאַר לופט־וויסנשאַפט פאַר זיין אויסגעצייכנטן ביישטראָג צו דער וועטער־פאָרשונג און דערמיט פיל געהאָלפן דעם לופט־פאַרקער. ערנסט בוירל, פּראָפעסאָר פון כעמיע אין פּיטסבורג, האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַנטוויקלען אַ דערפינדונג פון ציען גאַזאָלין פון אָפּפאַל פון פאַרם־פּראָדוקטן. ער איז געקומען פון ווין און ביז 1946 געווען פאָרשונג־פּראָפעסאָר אין קאַר־נעגיע־אינסטיטוט. דער טויט האָט איבערגעריסן זיינע פאָרשונגען ווי אַ כעמיקער אין דער פּאַפּיר־פּראָדוקציע.

פיאָנערן און גרינדער פון מעדיצינישע אַנשטאַלטן

יידישע דאָקטוירים האָבן כמעט אין די גאַנצע דריי הונדערט יאָר זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע קאָלאָסאַלע בייטראָגן, אויפגעטאָן וואונדער אין דער אַנטוויקלונג אויף אַלע מעגלעכע געביטן פון פאָלקס־געזונט. העכער 500 יידישע פּראָפעסאָרן זיינען געווען און זיינען אויך איצט איבערגעגעבן צו אַלע צווייגן פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, — סיי צו די טעאָרעטישע פאָרשונגען און סיי צו פּראַקטישע פּיאָנערן־אַרבעט, וואָס מער אויסצוגעפינען היילמיטלען וואָס זיינען נויטיק אויף פאַרהיטן און באַקעמפן די שוין אַנט־שטאַנענע קראַנקייטן און זיינען, אויך אין אַ גרויסער צאָל, גרינדער, פּרעזי־דענטן און אָנפירער פון מעדיצינישע לערן־ און הייל־אינסטיטוציעס אין אַלע טיילן פון אַמעריקע. זיי האָבן שטאַרק באַאיינפלוסט דאָס מעדיצינישע וויסנ־שאַפטלעכע לעבן, פאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דער געשיכטע פון עפנט־לעכן געזונט אין אַמעריקע. זיי האָבן געמאַכט, אַז אַמעריקע זאָל בכלל ווערן אַ געזונט לאַנד און אַ וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער צענטער פון דער גאַנצער וועלט.

מאָזעס שעפּטעל איז, אין 1804, געווען איינער פון די גרינדער פון דעם דאָקטוירים־פאַרבאַנד אין דזשאָרדזשיא. ד"ר יואל הארט האָט, אין 1806, געגרינדעט דעם ניו־יאָרקער דאָקטוירים־פאַרבאַנד און אין 1807 — דעם ניו־יאָרקער מעדיצינישן קאָלעדזש. דניאל פּיישאטא האָט, אין 1826, גע־וואונען אַ פּרייז פון ניו־יאָרקער דאָקטורים־פאַרבאַנד. ער איז אויך געווען דער ערשטער פּראָפעסאָר פון מעדיצין. אייזיק העיז האָט, אין 1846, גע־גרינדעט דעם ערשטן פאַרבאַנד פון די דאָקטורים אין אַמעריקע. צו 24 יאָר האָט ער באַקומען זיין דיפּלאָם אין פּענסילווייניאַ אוניווערסיטעט. ער איז געווען איינער פון די גאָר ערשטע אויגן־דאָקטוירים, וואָס האָט זיך באַשעפ־טיקט מיט קאָליר־בלינדקייט. ער איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון די אויגן־ספּעציאַליסטן אין אַמעריקע, האָט צונויפגעשטעלט דעם ערשטן קאָוד פאַרן עטישן לעבן פון די אַמעריקאַנער דאָקטוירים און רעדאַקטירט דעם העיז־זשורנאַל, וואָס איז געווען דער בעסטער מעדיצין־וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל אין דער וועלט.

סיימאָן גרעץ־מאָזעס איז געווען פּראָפעסאָר אין מיזורי מעדיקל קאָלעדזש און פּרעזידענט פון סט. לואיס דאָקטוירים פאַרבאַנד. מאַריאַנא על־באַן איז געווען די ערשטע יידישע פרוי, וואָס האָט גראַדואירט פון פּענסיל־וויניא פרויען קאָלעדזש אין 1858 און זי האָט דערנאָך געלערנט אין אוני־ווערסיטעט פון אינדיאַנא. סיימאָן פּאָלאָק האָט געגרינדעט דעם ערשטן קליניק פאַר אויגן־ און אויער־קראַנקייטן, וועסט פון דער מיסיסיפּי.

אייברעהעם יאַקובי (1830—1919) איז געווען דער ערשטער ייד און אימיגראַנט, וואָס איז געווילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון דעם אַמעריקאַנער דאָקטוירים־פאַרבאַנד. ער איז געווען דער ערשטער קינדער־דאָקטאָר אין אַמעריקע און איינער פון די בעסטע אין דער וועלט. אַרום 1848 איז ער אַהער געקומען פון דייטשלאַנד, מיט אַ גרויסן וויסנשאַפטלעכן באַגאַזש. די אַמעריקאַנער מעדיצינישע פּראָפעסיע האָט באַלד דערקענט ד״ר יאַקוביס פאַר־דינסטן אויפן געביט פון היילן קינדער־קראַנקייטן. אין 1865 איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט. 37 יאָר איז ער געווען דער הויפּט־ספּעציאַליסט אין זיין פאַך און טויזנטער יונגע דאָקטוירים האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ זכיה, אַז זיי זאָלן האָבן געהערט יאַקוביס לעקציעס. אין 1912 איז ער געווילט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די אַמעריקאַנער דאָקטוירים. ער איז אויך געווען פּרעזידענט פון אַמערי־קאַנער פאַרבאַנד פון קינדער־דאָקטוירים און פון דער ניו־יאָרק אַקאַדעמיע פאַר מעדיצין. ד״ר יאַקובי האָט מיט זיך פאַרקערפּערט די געשיכטע פון דער מאָדערנער מעדיצין און די בריק צווישן די בעסערע וויסנשאַפטלעכע צענטערן אין אייראָפּע מיט אַמעריקע. ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 89 יאָר.

אַ צווייטע פּראָמינענטע פיגור אין דער אַמעריקאַנער מעדיצין איז געווען ד״ר סיימאָן באַרוך (1840—1921). ער איז געקומען פון פּויזנער געגענט, וועלכע האָט פריער געהערט צום אַלטן פּוילן און איז געווען דער פאָטער פון דעם באַרימטן בערנאַרד באַרוך און פון נאָך דריי זין: האַרטוויג, הערמאַן בענ־דזשאַמין און סעלינג, וועלכע זיינען געווען אָנגעזעענע קינסטלער און דיפּ־לאָמאַטן. סיימאָן באַרוך האָט זיך צוערשט באַזעצט אין דער סאַוט, באַטייליקט זיך אין בירגער־קריג קעגן לינקאָלן, געווען פירנדיקער מיליטער־כירורג אין דער קאָנפעדעראַטיווער אַרמיי און דערנאָך איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק.

אין 1888 האָט ד״ר באַרוך אויסגעשניטן דעם ערשטן „אַפּענדיקס״. די דערפאָלגרייכע אָפּעראַציע האָט אים געמאַכט וועלט־באַרימט, ווייל ביז דע־מאָלט האָבן דאָקטוירים געהיילט אַפּענדיקס־קראַנקייטן נאָר מיט מעדיצינען.

ער איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער מעדיצין ווי אַ פּיאָנער, וואָס האָט מיט זיין וויסן געראַטעוועט מיליאָנען מענטשן. ער איז געווען אַ פּיאָנער פון שאַפן פרייע בעדער פאַר אומבאַמיטלטע מענטשן. ווי אַ רעזול־טאַט פון זיין פּראָפּאַגאַנדע האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג געעפנט, אין 1901, די ערשטע פרייע באָד און דערנאָך זייַנען הונדערטער בעדער געעפנט געוואָרן אין פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד. צום אָנדענק פון זייער גרויסן פאָטער האָבן די זין געגרינדעט אַ „סיימאָן באַרוך פאַונדעישאָן", וואָס פינאַנצירט מע־דיצינישע פאָרשונגען אין אַ רייע אוניווערסיטעטן, און די שטאָט ניו־יאָרק האָט אויסגעבויט אַ גרופּע געביידעס אויף זיין נאָמען.

אויך סאַראַטאָגאַ ספּרינגס האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען ד"ר סיימאָן באַרוך, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף די גרויסע היילב־דיקע וואַסערן, וואָס געפינען זיך אין סאַראַטאָגאַ. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אַז די שטאָט זאָל אָפּקויפן די קוואַלן פון פּריוואַטע אייגנטימער און זיי פאַרוואַנדלען פאַר אַן אייגנטום פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געפירט דערצו, אַז די שטאָט האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע אַגענטור, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט די היילנדיקע וואַסער־קוואַלן.

מילטאָן ראָזענאו (1869—1948), פון באָסטאָן, איז געווען אַ פּיאָנער אויפן געביט פון עפנטלעכער היגיענע. זיינע ביכער וועגן עפנטלעכער פאָלקס־געזונטהייט און ריינקייט ווערן אָנגערופן די מעדיצינישע ביבל און זיינען אי־בערזעצט געוואָרן אין אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן. ער האָט זיך אויך באַ־טייליקט אין אָרגאַניזירן די „פּאָבליק העלט סוירוויס" און אויסער פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד, האָט ער אויך אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן פאַרשיידענע עפּי־דעמישע קראַנקייטן.

זיגיזמונד גאָלדוואָטער (1873—1942) איז געווען אַן אָנערקענטער אויי־טאָריטעט ביים אויסבויען שפּיטאָלן און אַנדערע אינסטיטוציעס פאַרן עפנט־לעכן פאָלקס־געזונט. ער האָט אָרגאַניזירט שולן אויסצובילדן באַאַמטע פאַרן פאָלקס־געזונט. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אָרגאַניזירט דעם מעדיצינישן דעפּאַרטמענט ביי דער אַרמיי. פאַר זיינע פאַרדינסטן איז ער גע־ווען דער טשערמאַן פון דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג ביים הויפּט־ראָט פאַר נאַ־ציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. ער האָט אויך אויסגעבויט אַ רייע שפּיטאָלן אין פאַרשיידענע מיליטערישע קעמפּס. אַדאָלפוס סאָלאָמאָן (1826—1910) האָט געגרינדעט דעם „רויטן קרייץ" אין אַמעריקע, געווען אַ שטענדיקער אַמע־ריקאַנער דעלעגאַט אויף אינטערנאַציאָנאַלע רעטונג־קאָנגרעסן און ער האָט

אויך געעפנט די ערשטע שול אויף אויסצובילדן נוירסעס פאַרן „רויטן קרייץ" און פאַר די פאַרשיידענע שפּיטאָלן.

בעלא שיק איז באַרימט געוואָרן פון זיין אַנטדעקונג צו באַקעמפן די קינדער־דיפטעריא, וואָס ווערט גענוצט אַלס דער „שיק־טעסט" אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. קאַרל קאָלער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט קאָקאַין אַלס איינשלעפערונג־מיטל ביים דורכפירן אויגן־אָפּעראַציעס. סיימאָן פלעקסנער האָט אַנטדעקט דעם דעזינטעריע־באַציל און אויך דעם באַציל פון אינפאַנטעיל פּאַראַלייזיס און זיינע הייל־מעטאָדן האָבן שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל טויט־פאַלן ביי קינדער. ד. לוריע פון פילאַדעלפיע האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע פאָרשונגען וועגן באַקעמפן דעם טובערקולאָז. העגרי קאָפּליק פון ניו־יאָרק איז געווען אַ פּיאָנער אויפן געביט פון פעסטשטעלן די דיאַגנאָסטיק פון מאָזלען ביי קינדער און ער האָט אָרגאַניזירט אַ באַוועגונג וועגן פּאַסטערעזירן מילך. האַוואַרד לילענטאַל האָט געמאַכט אַ פונדאַמענטאַלן ביישטייער צו דער מעדיצין דערמיט, וואָס ער האָט אויסגענוצט די „עקס־ריי" איידער מען וויל דורכפירן אַן אָפּעראַציע. ער האָט געשאַפן אַ הויכן סטאַנדאַרד ווי אַ הויפּט־כירורג פון די שווערסטע אָפּעראַציעס אין מאַונט־סיני שפּיטאָל אין ניו־יאָרק.

אַלפרעד העס איז באַקאַנט מיט זיינע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון דערנערונג. הערי גאָלדבלאַט, פון קליוולאַנד, האָט געמאַכט וויכטיקע פאָר־שונגען וועגן הויכן בלוט־דרוק. אהרן פרידענוואַלד, פון באַלטימאָר, איז געווען דער וויכטיקסטער אויגן־ספּעציאַליסט אין דזשאָן האָפּקינס אוניווער־סיטעט. אברהם בריל איז געווען דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון זיגמונט פרוידס טעאָריעס און ער איז יאָרנלאַנג געווען פאַרבונדן מיט דעם פּסיכאָלאָגישן דע־פּאַרטמענט פון קאָלאָמביאַ. מאַקס איינהאָרן איז געווען איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים אין לאַנד אויפן געביט פון באַהאַנדלען מאָגן־ און געדערים־קראַנ־קייטן. ער האָט צו דעם צוועק דערפונדן ספּעציעלע אינסטרומענטן.

דזשאָזעף גאָלדבערגער (1874—1929), אַ קינד פון אָרעמע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען פון אונגאַרן, האָט געווידמעט זיין גאַנץ לעבן, ריזיקן טאַלאַנט און אומדערשעפּלעכע ענערגיע צום קאַמף קעגן געלן פיבער, דיפ־טעריע און פּעלאַגראַ. ער האָט אויסגעפונען די סיבות פון די עפּידעמיעס און אויך די מיטלען ווי אַזוי זיי צו באַקעמפן, אָבער ער האָט דערביי באַצאָלט מיט דעם העכסטן, וואָס ער האָט געהאַט — ער האָט זיין לעבן פאַרלוירן. צו 23 יאָר האָט ער באַקומען זיין דיפּלאָם פון מעדיצינישן קאָלעדזש, האָט אָב־געהויבן זיין פּראַקטיק צווישן די קוילן־גרעבער אין פּענסילוויניע, געטאָן

פאָרשונג־אַרבעט אויף די געביטן פון אינדוסטריעלע קראַנקייטן און געפירט אַ קאַמף קעגן די כראָנישע אַלקאָהאָליקער.

אין 1901—1903, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דרום־אַמעריקע דער געלער פיבער, האָט דער לייטער פון פּאַבליק העלטה, דער שוין דערמאָנטער מילטאָן ראָזענאו, אים איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו העלפן אויסראָטן די שרעקלעכע עפּידעמיע. ער איז געווען אין אַלע געפערלעכסטע ערטער און איבעראַל האָט ער געטאָן וויכטיקע אַרבעט. אין 1906 האָט ד״ר גאָלדבערגער געהאָלפן אָפּשטעלן די טאַיפאָרד־פיבער אין וואַשינגטאָן. אין 1907, האָט ער באַקעמפט אַ טראָפּישע היץ־קראַנקייט אין טעקסאַס. ער אַליין איז אויך קראַנק געוואָרן און דערנאָך האָט ער אָנגע־שריבן אַ בוך וועגן דער קראַנקייט. אין 1911 האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט באַקעמפן די מאָזלען־קראַנקייט, 1913 — וועגן דיפטעריע. פאַר אַלע זיינע דערגרייכונגען האָט ער באַקומען אויסצייכענונגען פון אַלע גרעסערע מעדי־צינישע קערפּערשאַפטן אין לאַנד, אָבער אין 1929 האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט אַ בלוט־קראַנקייט און איז געשטאָרבן אין עלטער פון 55 יאָר.

קאַפּיטאַן ראָבערט פּ. פּערסאָן, הויפּט־מעדיקער פון אַמעריקאַנער פלאָט, וועלכער האָט מיטגעאַרבעט אַ געוויסע צייט מיט ד״ר גאָלדבערגער ביים באַקעמפן עפּידעמיעס, האָט וועגן אים אָנגעשריבן אַ בוך „טרעיל טו לאיט״ (דער וועג צו ליכט) וועגן זיין רייכן ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון פאָלקס־געזונט פון אַמעריקע און בכלל פון דער מענטשהייט.

אברהם מייערסאָן, געבוירן אין רוסלאַנד, איז געוואָרן אַ פּיאָנער אויפן געביט פון גייסטיקע קראַנקייטן. ער איז געווען אַ לאַנג־יאָריקער פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד און עצה־געבער אין פּאַבליק העלטה סורווויס אין וואַשינג־טאָן. ער האָט דורכגעפירט וויכטיקע פאָרשונגען אין די אינטערעסן פון אַמע־ריקאַנער פאָלק. ער איז אויך געווען פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פון די פּסי־כיאַטאָרן און נערוון־ספּעציאַליסטן אין מעסאַטשוזעטס.

ד״ר אנאָס באַראַק, באַרימטער יידישער ראַדיום־עקספּערט, פון ווין, וועמען די נאַציס האָבן געהאַלטן אַ לענגערע צייט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע. ער איז באַפרייט געוואָרן מיט דער הילף פון אַ גאָר היכן נאַצי, וועמענס ווייב ער האָט געראַטעוועט פון טויט דורך אויסהיילן זי פון אַ קענסער אין האַלדז. ער איז אַקטיוו אין דורכפירן ראַדיאָלאָגישע פאָרשונגען אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט.

אַלבערט בוירג איז אָנערקענט געוואָרן ווי דער מייסטער אין דער טעכניק פון דורכפירן מאָגן־אָפּעראַציעס. ער איז אַ פּיאָנער אויף דעם געביט

און האָט באַקומען אַ גרויסע צאָל אויסצייכענונגען און ערן־טיטולן פון אַ רייע אוניווערסיטעטן. ער האָט אויך געהאָלפן גרינדן פאָרשונג־אינסטיטוטן ביים מאונט סיני שפּיטאָל און אין דער אוניווערסיטעט פון ניו־יאָרק און אָוועקגע־שאָנקען העכער פופציק טויזנט ביכער און מאַנוסקריפּטן צו דער ניו־יאָרק פּאָבליק־לייברערי. אין 1877 האָט בערנאַרד זאַקס אַנטדעקט די קינדער־קראַנקייט, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „טאַי־זאַקס" קראַנקייט. ער האָט באַקומען אַן אַנערקענונג אין דער גאַנצער וועלט. אַלבערט פרייבערג האָט אַ סך געשאַפן אויפן געביט פון דער אָרטאָפּעדישער כירורגיע. דזשעי־קאָב דע סילוואַ סאָליס קאָהען, פון פילאַדעלפיע, איז געווען דער ערשטער מע־דיקער אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַקעמפן האַלדז־קראַנקייטן. ער האָט אין פילאַדעלפיע געגרינדעט דעם קאַלעדזש פאַר גראַדואירטע מעדיקער כדי זיי זאָלן האָבן אַ ווייטערע פּראַקטישע אויס־בילדונג און באַרייכערן זייער מעדיצינישן וויסן. בוירטרעם בערנהיים איז געווען דער פּיאָנער אין בלוט־טראַנספוזיעס. ער האָט געגרינדעט דעם אַמע־ריקאַנער קאַלעדזש פאַר כירורגיע און איז אויך געווען אַ פירנדיקער פּראָ־פעסאָר אין דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט אין באַלטימאָר.

ד"ר דניאל עליס, פון דעם מעסאַטשוזעטס דזשענעראַל שפּיטאָל, אַ ספּע־ציאַליסט אין לעבער־קראַנקייטן, האָט אויסגעפונען אַ נייע הייל־מעטאָדע, וואָס וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַ רעוואָלוציע אין דעם אופן פון קורירן לע־בער־קראַנקייטן. ביז איצט איז געווען שווער פעסטצושטעלן די דיאַגנאָס־טיק פון די לעבער־קראַנקייטן בעת מען דאַרף דורכפירן אַן אָפּעראַציע. ד"ר עליס האָט אין 1952 דערפונדן אַ נאָדל, וואָס ווערט אָנגערופן „נידל ליווער בייאָפּסי", וואָס ווערט אַריינגעשטאָכן ווערן אין דעם קערפּער ביז דער לעבער און די נאָדל וועט אַרויסציען אַ קליין שטיקעלע פון דער קראַנקער לעבער. פון אָט דעם פּיצעלע לעבער וועט מען קענען מאַכן די ריכטיקע אַנאַליזע און קענען געפינען דאָס נויטיקע הייל־מיטל.

אבנר וואָלף, פּראָפעסאָר פאַר נערוון־קראַנקייטן אין קאָלאָמביע, האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג פון וויסנשאַפטלעכן פאַרבאַנד, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט באַקעמפן מאַרך־פּאַראַליטש, ווי אַן אַנערקענונג פאַר זיינע דערפאָלגרייכע פאָרשונגען אויפן געביט פון דער זעלבער מאַרך־קראַנקייט. מאַקס טעלעמי איז געוואָרן וועלט־באַרימט אויפן געביט פון אַראָפּנעמען די הייטלען פון אויג (קאַטאַראַקט — בעלמעס). ער האָט אַ סך געשריבן וועגן מעדיצינישע פּראָבלעמען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער עס־פּעראַנטאָ־שפּראַך. מרס. האַנאַ מייער־סטאָון איז געווען דירעקטאָר פון

מאַרגאַרעט זענגער פאָרשונג־אינסטיטוט. זי איז געווען אַ פּיאָנער פון דער באַוועגונג פאַר אַ געזעצלעך־אנערקענטער געבורט־קאָנטראָל. מאַקס אַראָן גאָלדשטיין, פּראָפעסאָר פון מעדיצינישער שול ביי סט. לואיס אוניווערסיטעט, איז אויך געווען דער גרינדער און דירעקטאָר פון צענטראַלן אינסטיטוט פאַר טויב־שטומע. ער האָט באַקומען אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפטלעכע אויסצייכע־נונגען.

אברהם גרינפעלד, פּראָפעסאָר פון דענטיסטיק, איז געווען דער הויפּט פון דעפּאַרטמענט פאַר ראַדיאָלאָגיע אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט. ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער אויטאָריטעט אין דער דענטאַל עקס־ריי. עמנואל מיכאעליס, אַ פּליכטלינג פון דייטשלאַנד, איז געווען פּרעזידענט פון אינטער־נאַציאָנאַלן דענטיסטן־פאַרבאַנד און אויך פון פאַרבאַנד פון די אייראָפּעאישע דענטיסטן אין אַמעריקע.

יידישע שפּיטעלער און סאַנאַטאָריומס

מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, ווען דאָס געזונטהייט־וועזן איז בכלל געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה און אין ניו־יאָרק האָבן געהערשט גרוי־סע עפּידעמיעס, איז ביי אַ גרופּע יידישע בירגער, מיט דעם באַרימטן געלערנטן, זשורנאַליסט און דיפּלאָמאַט מרדכי עמנואל נח אין דער שפּיץ, אַנטשטאַנען אַ פּלאַן צו עפענען אַ מאָדערן שפּיטאָל, וואו דער יידישער קראַנקער און אָרע־מע קראַנקע בכלל זאָלן באַקומען אַ געהעריקע מעדיצינישע באַהאַנדלונג. אין 1852 איז דאָס שפּיטאָל געעפנט געוואָרן פאַר קראַנקע אָן אונטערשייד פון רעליגיע. ד״ר אייבערהעם יאַקובי איז געווען איינער פון די הויפּט־דאָק־טוירים און אין 1866 האָט מען דאָס שפּיטאָל אַ נאָמען געגעבן מאַונט סיני שפּיטאָל. אַ גרויסע צאָל דאָקטוירים האָבן דאָרט באַקומען אַ געהעריקע פּאַכמענישע אויסבילדונג, גרויסע דערפאַרונג, געשריבן מעדיצינישע ביכער און זיינען געוואָרן פּראָפעסאָרן אין פאַרשיידענע קאָלעדזשעס און אין אוני־ווערסיטעטן. דאָס שפּיטאָל וואָס האָט אַ סטעף פון העכער 1400 פאַכלייט אויף אַלע מעגלעכע געביטן, איז גלייכצייטיק אַן ערשט־קלאַסיקע מעדיציניש־וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע. אין די פאַכמענישע קאָנפערענצן באַטייליקן זיך אויך הונדערטער ניט־יידישע דאָקטוירים פון מעדיצינישע שולן און פון אַלגעמיינע שפּיטאָלן. דער זשורנאַל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון שפּיטאָל, ווערט פאַרשפּרייט אין אַלע אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן און אין דער צי־וויליזירטער וועלט בכלל.

אין 1866 איז געעפנט געוואָרן דאָס יידישע שפּיטאָל אין פילאַדעלפיע,

אין 1868 — דאָס מייקעל ריז שפּיטאָל אין שיקאַגאָ, אין 1875 — איז געגרינדעט געוואָרן אין סינסינעטי דאָס ערשטע קינדער־שפּיטאָל. אין 1884 — איז געגרינדעט געוואָרן דאָס מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל פאַר כראָנישע קראַנקע אין ניו־יאָרק, אין 1896 האָט לידיאַ ראַבינאָוויטש קעמפּנער געגרינדעט דעם אינסטיטוט פאַר באַקטעריאָלאָגיע ביי דער פענסילווייניע אוניווערסיטעט. אין 1900 האָט ד״ר טעאָדאָר זאַקס געגרינדעט דאָס ערשטע טובערקולאָז־קליניק אין שיקאַגאָ און ער האָט אונטערגענומען אַן אַקציע, אַז אַלע וואָס זיינען באַשעפטיקט אין אונטערנעמונגען וואָס האָבן צו טאָן מיט לעבנסמיטל־פּראָדוקטן, זאָלן פריער עקזאַמינירט ווערן צי זיי זיינען ניט אָנגעשטעקט מיט טובערקולאָז און אין 1902 איז געגרינדעט געוואָרן דאָס בית־ישראל־שפּיטאָל אין נוּאַרק.

אין 1904 האָט ד״ר טשאַרלס ספּיוואַק געגרינדעט אין קאָלאָראַדאָ די יידישע סאַנאַטאָריום פאַר טובערקולאָז און דאָס שטעטל ביי דענווער, וואָס די סאַניטאָריע געפינט זיך, ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען — ספּיוואַק. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז אין לאָס־אַנדזשעלעס געגרינדעט געוואָרן אַ סאַנאַטאָריום, וואָס האָט דעם נאָמען „שטאָט פון האָפענונג״ (סיטי אָוו האָופּ) און איז איינע פון די מאָדערנסטע סאַנאַטאָריעס אין אַמעריקע. אַלץ וואָס די וויסנשאַפט און די מאָדערנע מעדיצין קען טאָן פאַר קראַנקע מענטשן וואָס ליידן פון טובערקולאָז, ברוסט־קראַנקע און קענסער, ווערט דאָרט געטאָן פאַר אָרעמע מענטשן ווי זיי וואָלטן געווען מיליאָנערן. די מאָדערנסטע מאַשינען פאַר דער היילונג פון שרעקלעכע קראַנקייטן ווערן דאָרט באַנוצט פאַר אַזעלכע קראַנקע וואָס זיינען ניט אימשטאַנד צו באַצאָלן פאַר אַזאַ באַהאַנדלונג און זיי וואָלטן אומגעקומען פאַר דער צייט. די סאַנאַטאָריום איז ענג פאַרבונדן מיט דער קענסער־אָפּטיילונג פון קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט און גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז מ׳שיקט אַהין פּאַציענטן פון רייכע סאַנאַטאָריומס, וועלכע האָבן ניט די העכסטע מאָדערנע מעדיצין־וויסנשאַפטלעכע אַפּאַראַטן. אַלע שפּיטאָלן זיינען נאָן־סעקטעריען, ד. ה. ניט־יידן ווערן אַזוי גוט געהיילט ווי יידישע קראַנקע. עס ווערט ניט געמאַכט קיין שום אונטערשייד.

צו דער פערציק יאָריקער יובליי־קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יולי, 1953, האָט פּרעזידענט אייזנהאַוער צוגעשיקט אַ באַגריסונג אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז „דער ביישטייער פון סאַנאַטאָריום צו דער אַלגעמיינער מעדיצינישער פאָרשונג, פאַרדינט די דאַנקבאַרקייט פון גאַנץ אַמעריקע״. דער סאַנאַטאָריום, וואָס איז מיט פערציק יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אין זאַמ־

דיקן מדבר אויפגעשטעלט צוויי טענטס צו ראַטעווען מענטשן פון שווינדזוכט, איז אויסגעוואַקסן צו אַ ריזיקן שטח פון 75 אַקער לאַנד מיט 40 געביידעס, וואו וויכטיקע פאָרשונגען ווערן געמאַכט צו היילן פון קענסער, לוקעמיע און האַרץ־קראַנקייטן. עס געפינט זיך אויך דאָרט אַ קליניק פאַר קענסער־פאָרשונג, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם גענעראַל־סעק־רעטאַר פון „אַרבעטער־רינג", יוסף באַסקין.

וויליאַם דאַמעסעק (דמשק) אין באָסטאָן האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע בלוט־פאָרשונגען. ער איז אויך דער רעדאַקטאָר פון וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל וועגן בלוט־ענינים. א. פלעקסנער און מ. פישביין האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר אַוועקשטעלן די מעדיצינישע פּראַפּעסיע אין אַמעריקע אויף אַ הויכער מדרגה. פישביין האָט פאַרעפנטלעכט צוואַנציק ביכער וועגן מעדי־צינישע פּראָבלעמען. אויסער דעם איז ער געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון מעדיצינישן זשורנאַל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון אַמעריקאַנער דאָק־טוירים־פאַרבאַנד.

עדווין קאהן, פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד, האָט געשאַפן אַ פּראָטעאין־פאַונדעישאָן, וועלכע זאָל דורכפירן אין לעבן זיינע דערפינדונגען וועגן קאָנ־סערווירן בלוט־פּלאַזמאַ. סאַלאָמאָן וויינטרויב און דזשאָן פרידמאַן פון ניו־יאָרקער האַרלעם־שפּיטאָל האָבן אויסגעפּרואווט אויף פיר הונדערט פּאַציענטן אַ נייעם ציטרין־געמיש, וואָס ווערט געמאַכט פון ציטרין־שאָלעכץ און איזווירקזאַם ביי קענסער־קראַנקע. אויף דעם זעלבן געביט איז אויך אַקטיוו באַריס סאָקאָלאָוו, פון פלארידא סאַדערן־קאָלעדזש.

דזשאָזעף דיימאָנט, וועלכער איז געווען דירעקטאָר אין בית־ישראל־שפּיטאָל אין ניו־יאָרק, האָט געמאַכט עקספּערימענטן וועגן לעבער־קראַנ־קייטן. ער איז פּרעזידענט פון דאָקטוירים־פאַרבאַנד אין האַרלעם ניו־יאָרק, און פּראָפעסאָר פון פאַרמאַציע אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט. הענרי סלאָ־ווייטער, פּראָפעסאָר פון דער פּענסילווייניאַ אוניווערסיטעט, האָט צוויי יאָר דורכגעפירט פאָרשונגען אין לאָנדאָן וועגן איינפרירן בלוט אויף אַ יאָר צייט און דערביי זאָלן די בלוט־צעלן ניט פאַרניכטעט ווערן. עס זיינען שוין אונ־טערגענומען געוואָרן שריט די פּלענער צו פאַרווירקלעכן. י. דזשאָנאַס סאַלק, פון פּיטסבורג אוניווערסיטעט, האָט דערפונדן אַ וואַקסין וואָס זאָל איינגע־שפּריצט ווערן קעגן פּאָליאָ־קראַנקייט און מען זאָל קענען פאַרזיכערן דאָס לעבן פון די 46 מיליאָן קינדער און אונטערוואַקסנדיקע ביז 19 יאָר, וועלכע געפינען זיך אין אַ געפאַר קראַנק צו ווערן. עס ווערן געמאַכט די נויטיקע פאָרשונגען, אַז מען זאָל דאָס מיטל קענען פאַרווירקלעכן אין לעבן. ערנסט

זאַקס איז געווען דער ערשטער מעדיקער, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט קאָפּ־קראַנקייטן. אין 1919 איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר אין וואַשינגטאָן־אוניווערסיטעט.

ד״ר עדוואַרד קרעמעניץ, פּראָפ׳ פון דער אַלעין־אוניווערסיטעט, אין ניו־אָרליענס, האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט, אין אַפּריל 1953, אַז ער האָט איבערגעפלאַנצט דריזן פון אַן עמבריאָ פון אַ חיה אין קערפּער פון אַ פרוי. עקספּערטן האַלטן, אַז אַזאַ אָפּעראַציע האָט אין זיך גרויסע מעגלעכקייטן און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער כירורג וועט דערגרייכן אַ פולשטענדיקן דערפאָלג.

ד״ר ב. נ. לאָעב האָט אַנטוויקלט אַ גרויסע פּראַקטיק ביים אויסבויען שפּיטאָלן, רעדאַגירט אַן אויסגעצייכנטן מעדיצינישן זשורנאַל און פאַרוואַלטעט מיט פאַרשיידענע מעדיצינישע אַנשטאַלטן. ער איז געווען דער דין פון סט. לואיס מעדיצינישער שול. ווען ער איז קראַנק געוואָרן, האָבן די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע קירכן איינגעאָרדנט תפילות און די נוירסעס האָבן געבעטן, אַז ער זאָל געזונט ווערן. ווען ער איז געשטאָרבן אין 1927, איז ער אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם טיפּ פון ריכטיקן אַמעריקאַנער, וואָס האָט ניט געוואוסט צו מאַכן קיין שום אונטערשייד פון רעליגיע אָדער ראַסע און אַז ער האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער מעדיצין איבעראַל, וואו מען האָט אים גערופן. אַן אַנדער ייד, מאָריס דזשאָזעף אַש, האָט באַקעמפט די כאָלערע אין ניו־אָרלעאַנס און דעם געלן פיבער אין סט. לואיס. ד״ר אַל־בערט פרייבערג איז געווען אַ פּיאָנער אין אָרטאָפּעדיע־כירורגיע.

נאָך דעם פאַשיסטישן חורבן אין איטאַליע זיינען אַהערגעקומען אַ גרופּע זייער וויכטיקע יידישע מעדיקער, וועלכע זיינען געווען דער שטאָלץ פון די איטאַליענישע אוניווערסיטעטן, אָבער מוסאָליני האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט דעם איטאַליענישן פאָלקס־געזונט. אַזוי זיינען געקומען קיין אַמעריקע דזשעמאַ ברזילי. די איינציקע פרוי אין איטאַליע; לואידזשי לוצאַ־טאָ, אַן אייניקל פון דעם באַרימטן גרויסן יידישן געלערטן און איטאַ־ליענישן פּאָליטיקער, וואַלטערראָ און קאַלאַברעזע — די דריי גרעסטע כירורגן אין איטאַליע; פּראָפעסאָר פון דער מעדיצין־געשיכטע אַרטורא קאַסטיליאַני (פון דער באַרימטער איטאַליעניש־רבנישער פאַמיליע), וואַלטערא אַרטאַס, דער אַקושער אין קעניגלעכן הויז; עמיאַל פּאַרטי, דער הויז־דאָק־טאָר פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, וועלכער האָט אויך געמאַכט זייער וויכטיקע דערפינדונגען אויפן געביט פון קינדער־קראַנקייטן און דער ספּע־

ציאַליסט אין אַנאַטאָמיע טשעזאַר טאַדעסקי. מען האָט איבערגעגעבן אַז די קעניגלעכע פאַמיליע האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זייערע דאָקטוירים.

די באַרימטע ראָקפעלער פאונדעישאָן פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען, וועמענס פרעזידענט עס איז דער ליבעראַלער דעיוויד ראָקפעלער, איז אַנ־פאַרטרויט געוואָרן צו דריי יידישע וויסנשאַפטסלייט — ד"ר סיימאָן פלעקס־נער האָט אָרגאַניזירט די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. ער האָט אויך אין נאָמען פון דער פאונדעישאָן באַזוכט אַרום דריי הונדערט וויכטיקע מעדיצי־נישע קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן איבערן לאַנד, זיך באַקענט מיט זייערע לערן־מעטאָדן און ער האָט, אין 1931, פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. דער נאָבעל־פּרייז־געווינער קאַרל לאַנדשטיינער און דזשעק לאָעב האָבן איבערגענומען די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. אונטער זייער אָנפירונג אַרבעטן אַ שטאָב פון הונדערטער געלערנטע וועלכע טוען וויכטיקע פאָרשונגען אויף אַלע געביטן פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. דזשעק לאָעב איז געשטאָרבן אין בער־מודא אין מיטן פון זיינע פאָרשונגען.

ד"ר בערנאַרד וויינשטיין, אַ גינעקאָלאָג פון ניו־אָרלינס, וועלכער איז דער פרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט וועגן פרוכטבאַרקייט, איז אויך געוועזן דער פרעזידענט פון ערשטן וועלט־קאָנגרעס איבער פרוכטבאַר־קייט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין מאַי 1953, מיט דער באַטייליקונג פון 1800 דאָקטוירים פון 52 לענדער.

דער כירורג סעמיועל פאָגעלסאָן פון וועסלי מעמאָריעל שפּיטאָל אין שיקאַגאָ, האָט אין יוני, 1952, דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע איבער אַ זעכציק יאָריקן מאַן, אַן אָפּעראַציע וואָס מיליאָנען מענטשן האָבן צוגעזען אין דער טעלעוויזשאָן. די אָפּעראַציע האָט געדויערט דריי און אַ האַלבע שעה, ווען מען האָט אויסגעשניטן אַ האַלבן מאָגן ביי דעם פּאַציענט. אין דער טעלע־וויזשאָן האָט מען בלויז געוויזן אַכט מינוט, אָבער זיי זיינען געווען די וויכ־טיקסטע מאָמענטן. ד"ר פאָגעלסאָן, וועלכער איז אויך פּראָפעסאָר פון כי־רורגיע אין דער מעדיצינישער שול ביי דער נאָרט־וועסטערן אוניווערסיטעט, האָט די גאַנצע צייט דערקלערט וואָס ער טוט. ביי איין פונקט האָט ער גע־זאָגט צו זיינע געהילפן: „דרייט ניט מיט די אינסטרומענטן, באָיס, האַלט זיי פעסט!" באַלד נאָך דעם האָט ער געלויבט איינעם פון זיינע אַסיסטענטן מיט די ווערטער: „מיט צוויי חדשים צוריק איז ער געווען בלויז אַ מעדי־צינישער סטודענט, — איצט איז ער איינער פון מיינע בעסטע געהילפן".

ד"ר יוסף ביונים איז אין יולי, 1952, איינגעלאַדן געוואָרן פון נאַציאָ־

נאַלן אינסטיטוט פון עפנטלעכן געזונט אין וואַשינגטאָן אָנצופירן מיט אַ רייע פאָרשונגען וועגן אַטרייטיס. עס ווערט געשאַצט, אַז אין אַמעריקע זיינען אַרום זיבן מיליאָן מענטשן קראַנק אויף דער זעלביקער קראַנקייט, וואָס פאַר־קריפּלט די מענטשן און דער יערלעכער פאַרלוסט פאַר די ליידנדיקע, וועלכע קענען ניט זיין באַשעפטיקט אין זייערע אַרבעט־אונטערנעמונגען, ווערט גע־שאַצט אויף אַן ערך פון 700 מיליאָן דאָלאַר.

ד"ר ביונים איז געבוירן געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק אין דעם באַרימטן ישיבה־שטעטל וואָלאָזשין. ער איז געווען פּראָפעסאָר פון אטראַיטיס אין ניו־יאָרק־אוניווערסיטעט. נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ געזעץ, אַז דער פּאָבליק העלטה זאָל פאָרשן די אַטרייטיס־קראַנקייט, האָט די רעגירונג געזוכט וועגן אַ פּאַסנדיקן וויסנשאַפטסמאַן, וואָס זאָל איבערנע־מען די אָנפירונג פון פּאָבליק־העלטה־סוירוויס. אַזוי איז ער אויסגעקליבן געוואָרן, ווי דער גרעסטער אויטאָריטעט אין באַקעמפן די געפערלעכע קראַנ־קייט אין אַמעריקע, אין וואָס עס זיינען פאַראינטערעסירט דרייסיק מיליאָן מענטשן. דערביי איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז ד"ר ביונים איז אַ רע־ליגיעזער ייד און ער האָט געלערנט אין איינע פון די שטרענג־פרומע ישיבות אין ניו־יאָרק.

אין סידארס און לבנון שפּיטאָל אין לאָס־אַנדזשעלעס איז אויסגעבויט געוואָרן אַן אַטאָמיק מעדיצין־יוניט. עס ווערט דורכגעפירט אַן אינטענסיווע פאָרשונג וועגן נוצן ראַדיום־אַקטיווע אייזאָדין, פאָספערוס און אנדערע מאַ־טעריאַלן. די מעדיקער פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער קומען אין שפּיטאָל וועגן אַ באַזונדערער אויסבילדונג. זיי באַקומען אינסטרוקציעס אין דער מעדיצינישער טעכניק פון דיאַגנאָז און באַהאַנדלונג מיט אַטאָמישער מעדיצין. די דאָקטוירים, וועלכע ספּעציאַליזירן זיך ביי דער נייער הייל־מיטל, ווערן שטאַרק געוואָרנט וועגן די געפאַרן פון די מאַטעריאַלן אין אַ מעגלעכע אַטאָמישע קאַטאַסטראָפע און ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן. עס האָט זיך שוין געטראָפן אפילו, אַז פיר וויסנשאַפטסלייט זיינען אָפּגעבריט געוואָרן פון אַטאָמישע שטראַלן און מען האָט זיי געדאַרפט נעמען אין שפּיטאָל. ד"ר העגרי דזשאפּי, דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטמענט פאַר ראַדיעישאָן טעראַ־פּיע פון זעלביקן שפּיטאָל, שטייט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער מעדיצי־נישער אָפּטיילונג פון דער אַטאָמיק ענערדזשי קאָמישאָן.

העגרי פרידמאַן איז געווען העכער 45 יאָר דער הויפּט, וואָס האָט געהאַט דעם מעדיצינישן קאָנטראָל איבער די אימיגראַנטן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין ניו־יאָרקער פּאָרט, פאַרוואַלטעט מיט דעם קאַראַנטין פאַר

פאַרדעכטיקטע אין אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן און ער איז געווען פאַראַנט וואָרטלעך, אַז אויסלענדישע מאַטראָסן אָדער רייזנדע זאָלן ניט אַריינברענגען קיין קראַנקייטן אין אַמעריקע. אין יוני, 1953, האָט ער באַקומען פון מרס. אוועטא האבי, מיניסטאָרשע פאַר געזונטהייט און וואוילשטאַנד אין וואַשינג־טאָן, די העכסטע אויסצייכענונג, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג קען געבן אויפן געזונטהייט־געביט. אין דער סייטעשאַן איז געזאָגט געוואָרן, אַז „עס וועט ניט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז אונדזער לאַנד איז זיכערער אויפן געזונטהייט־געביט, ווייל מיר האָבן אַזעלכע איבערגעגעבענע און קוואַליפי־צירטע מעדיצינישע באַאַמטע, ווי עס איז ד״ר פרידמאַן״.

אברהם מ. ליליענפעלד, פּראָפעסאָר פון דזשאָן האפקינס אוניווערסיטעט, איז געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון אַ ברייט פאַרצווייגטער פאָרשונגס־אַקציע, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן פון דער פּובליק העלט סערוויס, וועגן פעסטשטעלן די ווירקונג פון דעם פאַרהיטונגס מיטל גאַמאַ־גלאָבולין, אין קאַמף קעגן די פּאָליאָ־קראַנקייט פון יאָר 1953.

אין דער פאָרשונגס אַקציע זיינען אויך באַטייליגט די מעדיצינישע קער־פערשאַפטן אין אַלע 48 סטעיטס און אין די אַמעריקאַנער טעריטאָריעס. און די ספּעציעלע מעדיצינישע פאַרבאַנדן, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיטן באַ־קעמפן עפּידעמישע קראַנקייטן.

יידישע יוניאָנס ווי אַ מוסטער פאַר דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט

יידישע אַרבעטער זיינען שוין אַרום הונדערט יאָר אַקטיוו אין דער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע. ווען זיי זיינען אין דער העלפט פון דעם נייצנטן יאָרהונדערט געקומען אַהער פון דייטשלאַנד, עסטרייך, פּוילן און פון די רוסישע גובערניעס, וואָס ליגן אַרום די דייטש־עסטרייכישע גרענעצן האָבן זיי שוין דאָ געטראָפן אַן אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג. די לייכטסטע אַרבעט, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן אין יענע יאָרן זיך געקענט אויס־לערנען, איז געווען ציגאַרן־מאַכן. נאָך פיר וואָכן האָט מען שוין געקענט „מאַכן אַ דאָלאַר", ווען מען האָט זיך איינגעאַרבעט, האָט מען פאַרדינט אַ 7־8 דאָלאַר וואָך, וואָס דאָס האָט פאַר אַן אימיגראַנט געהייסן אַ סך.

אין יאָר 1864 האָט זיך געגרינדעט די „אינטערנעשאַנעל סיגאַר מעי־קערס יוניאָן" וועלכע האָט געהאַט אַ רייע אָפּטיילונגען אין אַלע גרעסערע שטעט איבערן לאַנד. דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן איז געווען אַ האָלענ־דישער ייד אַדאָלף שטראַסער, און סעמיועל גאָמפּערס איז געווען דער וויס־פּרעזידענט (ער איז געווען שפּעטער דער באַרימטער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר). אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן, ווען ביסמאַרק האָט אין דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן די אַנטי־סאָציאַליסטן־געזעצן און עס האָט זיך דאָ באַוויזן אַ שטראָם פון די דייטשע סאָציאַליסטן, צווישן זיי אויך אַ גרויסע צאָל יידן — איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן, און איינער פון די גרינדערס איז געווען דער פּויזנער ייד לודוויק יאַבלאָנאָוו־סקי, וועלכער איז אויך געווען דער דעלעגאַט צו דער צענטראַלער לעיבאָר־יוניאָן אין ניו־יאָרק.

דעם ערשטן מערץ 1881, איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט אויף דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וועלכער איז צעריסן געוואָרן פון אַ באָמבע. אויפן טראָן איז אַרויף אַלעקסאַנדער דער דריטער מיט אַ פּאָליטיק צו דער־טרינקען די רוסישע רעוואָלוציע אין טייכן פון יידיש בלוט. פּסח, דעם 21טן אַפּריל 1881, איז פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו אַ מבול פון פּאָגראָמען אין אַ גרויסער צאָל

שטעט און שטעטלעך, וואו עס האָבן זיך געפונען קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן. עס איז אַנטשטאַנען די „עם־עולם"־באַוועגונג, וועלכע האָט געלענקט די אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, וואו די צוקונפט זאָל געבויט ווערן אויף די יסודות פון סאָציאַלן יושר. די ערשטע גרופּע איז אַהער געקומען דעם 30טן מאַי, 1882, און דערנאָך זיינען געקומען וייטערע גרופּן. אויסער אין שוין־דערמאָנטן ציגאַרן־פאַך זיינען יידישע אַרבעטער אַריין אין נאָדל־פאַך. אין 1884 האָט זיך אין ניו־יאָרק געגרינדעט דער רוסישער אַרבעטער־פאַראיין, וואָס דערנאָך איז דער נאָמען געענדערט געוואָרן אויף „רוסיש־יידישער אַר־בעטער־פאַראיין", וואו עס האָבן זיך אַנגעשלאָסן אַ סך פון דער ייִדיש־רוסי־שער אינטעליגענץ. זיי האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט די דייטשע סאָציאַליס־טישע גרופּן און זיי האָבן אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גרינדונג פון די ערשטע יידישע יוניאָנס אין אַמעריקע.

אין יאָר 1886 איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע כאָריסטן־יוניאָן. אין 1888 — די אַקטיאָרן־יוניאָן און אויך די יידישע שריפטזעצער־יוניאָן, וועל־כע האָט אין 1894 באַקומען אַ טשאַרטער פון דער זעצער־אינטערנעשאַנאַל אַלס לאָקאַל 83. נאָכדעם ווי די אַרויסגעבער פון די יידישע צייטונגען האָבן אַריינגעשטעלט זאַץ־מאַשינען, וועלכע טוען די אַרבעט פון די האַנט־זעצער פיל מאָל אַזוי שנעל און גוט, האָט די יוניאָן אונטערגענומען אַ רייע אַקציעס צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון די מיטגלידער און די אַרבעט־צייט איז אין 1907 באַשטימט געוואָרן אויף זעקס שעה אין טאָג, ד. ה. 36 שעה אַ וואָך. זי איז געוועזן אויף דעם געביט אַ פּיאָנער. די גאַנצע אַמעריקאַנער אַרבעטער־שאַפט האָט דעמאָלט געאַרבעט מינימום 50 שעה אַ וואָך. די יידישע זעצער האָבן באַוויזן, אַז מען קען פאַרקירצן די אַרבעט־צייט. ערשט שפּעטער האָט אָנגעהויבן די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג צו פאָדערן אַ גאַראַנטירטן 8־שעהדיקן אַרבעט־טאָג. ביים היינטיקן טאָג איז זי איינע פון די שטאַרקסטע אַרבעטער־יוניאָנס אין אַמעריקע. עס זיינען דעמאָלט אַנטשטאַנען אַ רייע יוניאָנס פון נאָדל־פאַך. אַזוי איז אין 1888 שוין געווען אַ נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ צענטראַלע אינסטאַנץ און עס איז געגרינדעט געוואָרן די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. מיט צוויי יאָר שפּעטער זיינען שוין געווען 32 יוניאָנס און אין 1953 — אַרום 85 יוניאָנס, וואָס האָט אַן ערך פון אַ האַלבן מיליאָן אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער.

עס איז קלאָר, אַז אויך אין די אַלגעמיינע יוניאָנס זיינען פאַראַן אַ גאָר גרויסע צאָל יידישע מיטגלידער, ווי למשל, אין דער צייטונג־פּראָפעסיע, טעאַטער, פילם, ראַדיאָ און טעלעוויזשאָן, מוזיקער, עלעקטריקער און אין אַ

רייע פון בוי־פּאַכן. טעכניקער ביי אויטאָמאָבילן און עראָפּלאַנען, שוין ניט ריידנדיק אין די יוניאָנס פון אָפיס־אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, די דע־פּאַרטמענט־סטאָרס. לערערס אין די פּאַבליק־ און היי־סקולס, פּאָליסלייט, פייער־ און פּאָסט־באַאַמטע, וואו יידן זיינען גוט פאַרטראָטן און אין פילע יוניאָנס פאַרנעמען יידן די אַנפירנדיקע אַמטן. די יידישע אַרבעטערשאַפט איז אַן ענגער רינג אין דער גרויסער קייט פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזיר־טער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. סיי אין דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לעיבאָר און סיי אין דער סי־אי־אָ געפינען זיך די פירער פון די יידישע יוניאָנס אויף די העכסטע אַמטן, אַזוי אַז די יידישע אַרבעטער־פירער מיט זייער ענערגיע און דערפאַרונג, העלפן זיי גלייכצייטיק אויך די גרויסע אַמע־ריקאַנער יוניאָנס אין זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן.

אָט למשל, די ריטאַירמענט־פּלענער — די פּענסיעס פאַר אַלטע אַר־בעטער, יוניאָן־מיטגלידער — זיינען איינע פון די וויכטיקסטע געווינסן, וואָס די יוניאָנס האָבן אויסגעקעמפט פאַר די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די אינ־טערנעשאָנעל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, די אַמאַלגאַמייטעד, די קעפּ און מילינערי יוניאָן און אַנדערע, זיינען געווען פּיאָנערן אויף די געביטן פון די פּענסיעס און וועלפער־בענעפיטן. אין אַנדערע צווייגן, ווי אויסצור־בילדן די אַרבעטער און שאַפן געזונטהייט־וואַקאַציע־צענטערן, הייזער־בוי און דאָס גלייכן האָבן די יידן אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר די פיל גרעסערע און מעכטיקערע יוניאָנס אין אַמעריקע. די פיר גרויסע יוניאָנס — די קוילן־מאַינערס, די שטאָל־אַרבעטער, אויטאָמאָביל־אַרבעטער און די עלעקטריקל־וואָירקערס — האָבן אויסגעקעמפט זייערע פּענסיעס און וועלפער־פאָנדן עטלעכע יאָר שפּעטער, ווי די יידישע יוניאָנס האָבן עס איינגעפירט.

אויף נאָך אַ וויכטיקן ענין איז ווערט זיך אָפּצושטעלן. ביים היינטיקן טאָג איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז ווען עס קומט צו אַ סכסוך צווישן אַ יוניאָן מיט אַרבעטס־געבער, ווענדט מען זיך וועגן אַן אַרביטרעי־שאָן, וועגן אַ פרייוויליקן אויסגלייך. די אַרביטרעישאָנס זיינען איצט אַ וויכטיקער פונדאַמענט פון די מאָדערנע אַרבעט־געזעצן. די יידישע יוניאָנס זיינען אויך אויף דעם געביט געווען די פּיאָנערן, וועלכע האָבן אייגעפירט די סיסטעם פון ווענדן זיך צו אַ דריטן, אומפּאַרטייאישן צד, כדי זיך אויס־צוגלייכן. ביי דעם גרויסן סטרייק, אין 1910, פון די קלאָוק־ און סקוירט־מאַכער האָט מאיר לאָנדאָן, דער יוניאָן־לאָיער און שפּעטערער אַרבעטער־פאַרטרעטער אין קאָנגרעס, אינטערוועניִרט ביי לואיס בראַנדעיס, דעם שפּע־טערדיקן ריכטער פון סופרים־קאָורט, אַז ער זאָל זיין דער טשערמאַן צווישן

די ביידע צדדים און ברענגען צו אַן אויסגלייך. לואיס בראַנדעיס און דער־נאָך לואיס מאַרשאַל האָבן געהאַט שווערע אַרבעט מיט ביידע צדדים און עס איז געקומען צו אַ גינסטיקן רעזולטאַט. אויך פּראָפעסאָר זעליגמאַן, פון וויס־קאָנסין־אוניווערסיטעט, האָט אָנערקענט, אַז די יידישע יוניאָנס האָבן אויסגע־טראָטן אַ וועג פאַר דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט.

פּאַרדינסטפולע אַרבעטער־פירער

סעמיועל גאָמפּערס (1850—1924) איז געווען דער גרינדער און איבער 40 יאָר פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן ביי יידיש־אונגאַרישע עלטערן און איז געווען אַ ציגאַרן־מאַכער. אין 1886 האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך איניקע אַרבעטער־פירער, געגרינדעט די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס ציילט אַן ערך צען מיליאָן אַרבעטער פון די פאַרשיידנסטע פאַכן איבערן גאַנצן לאַנד. אין 1908 איז גאָמפּערס פאַראורטיילט געוואָרן אויף אַ יאָר געפענקע־ניש אויף אַ קלאַגע וועגן "קאָנטעמפט אָוו קאורט". דער אורטייל איז צוריק־געצויגן געוואָרן, אָבער פון דעם איז אַרויסגעקומען אַ טובה פאַר דער טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע, ווייל מען האָט אָנערקענט, אַז די יוניאָנס זיינען ניט אונטערגעוואָרפן דעם אַנטי־טראַסט שוירמען־עקט.

אין 1950, אין הונדערטסטן יאָר זייט גאָמפּערס איז געבוירן געוואָרן, האָט די א. פ. אָוו ל. געמאַכט אַ פייערלעכן דינער אין וואַשינגטאָן, אויף וועלכן פּרעזידענט טרומאַן האָט געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז צופרידן, וואָס ער האָט די מעגלעכקייט צו רעדן וועגן גאָמפּערס, וועל־כער איז געוואָרן פון אַן אָרעם אַרבעטער־ייִנגל אַ שטאַטסמאַן פון דער אַר־בעטערשאַפט. ווען עס זיינען געווען די פּרעזידענטן־וואַלן אין 1912, האָט גאָמפּערס דעצידירט אין קאַליפאָרניע און ער האָט מיטגעהאָלפן, אַז ווילסאָן זאָל געווילט ווערן. צו זיין הונדערטסטן געבורט־טאָג האָט דער הויפּט פּאָסט־אָפיס אַרויסגעגעבן אַ סטעמפּ מיט גאָמפּערס בילד און איבערן לאַנד זיינען געשאַפן געוואָרן אַ ריי אַרבעטער־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן פאַר־אייביקט גאָמפּערס נאָמען.

דעיווידד דובינסקי, וועלכער איז אין 1911 געקומען אַהער פון לאָדז, אין עלטער פון 19 יאָר, איז זייט 1930 דער פּרעזידענט און פּאָליטישער פירער פון דער אינטערנעשאָנעל, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַרום 440,000 אַרבע־טער און אַרבעטערינס פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן איבער גאַנץ אַמעריקע און קאַנאַדע. ער נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָנפירונג פון דער

פעדערעישאַן אַוו לעיבאָר און טרעט זייער ענערגיש אַרויס קעגן די אַלע רעאַקציאָנערן און שונאים פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. אין 1951 איז דעיוויד דובינסקי באַלוינט געוואָרן מיט דעם ערן־דאָקטאָר טיטול פון דער קאָלומביא־אוניווערסיטעט, צוזאַמען מיט אַ רייע פּראָגרעסיווע סענאַטאָרן און אינטעלעקטואַלע פּערזענלעכקייטן פון לאַנד.

אין דער „סאיטיישאַן", וואָס באָרד קאַלעדזש ביי דער קאָלאַמביא־אוני־ווערסיטעט האָט איבערגעגעבן דעיוויד דובינסקין, ווען ער האָט באַקומען דעם ערן־טיטול דאָקטאָר אָוו לאָא, ווערט געזאָגט, — „דעיוויד דובינסקי, דו האָסט געבראַכט אינם לאַנד פון דיין יוגנטלעכער אַדאָפּטירונג אַ פּערזענ־לעכע קענטשאַפט און אַ שווידער פאַר די אַלטע און כסדרדיקע אומרעכטן. דו האָסט געקעמפט געשיקט און אָן אָפּשטעל קעגן עקספּלואַטאַציע אין יעדער פאָרם. פונקט ווי דאָס לאַנד האָט אַמאָל געעפנט אַ טיר פאַר דיר, אַזוי האָסטו געעפנט פאַר אַנדערע די טירן פון גלייכגעבערעכטיקייט... פאַר אַרבעט און בילדונג. דיין פירערשאַפט פון דער אַרבעט האָט געהאָלפן מיליאָנען צו אַ מער יושרדיקן חלק אין דער שפע פון אָט דעם פרוכטבאַרן לאַנד. עס האָט פאַרגרעסערט דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן איינפלוס, עס האָט געהאָלפן באַשאַפן אַ נייעם באַגריף פון עקאָנאָמישער מאָראַלישקייט און אָנשטענדיקייט אין מענטשלעכע באַציאונגען. דיינע לייסטונגען פאַר די אַרבעטער איז געווען אַ מתנה פאַר דעם געזונט און שטאַרקייט פון אונזער פאָלק און אַ בייטראַג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. מיט שטאָלץ באַשענקען מיר דיך מיט דעם ערן־טיטול דאָקטאָר אָוו לאָא".

די אינטערנעשאָנעל האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע 40 יאָר געהאַט דעם רעספּעקט ניט נאָר פון די אַרבעטער, נאָר אויך פון די וויכטיקסטע מענטשן אין לאַנד. לואיס בראַנדעיס, לואיס מאַרשאַל, סעמיועל אונטערמייער און פּראָפעסאָר פעליקס פראַנקפורטער האָבן זייער צייט און פעאיקייטן אַוועקגעגעבן זי צו העלפן. אויך אַזעלכע צייטונגען ווי די „ניו־יאָרק טאַימס", „וואָרלד טע־לעגראַם", „טריביון" האָבן שטענדיק אָפּן געהאַלטן זייערע עדיטאָריעל־אָפּ־טיילונגען פאַר די פּראָבלעמען פון דער אינטערנעשאָנעל. אָפיציעלע פּער־זענלעכקייטן, ווי גאַווערנאָרס, סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, וועלכע האָבן געוואָלט וויזן דעם פּראָגרעס פון די אַרבעטער אימיגראַנטן, האָבן גענומען פאַר אַ ביישפּיל די קלאָוקמאַכער יוניאָן. באַזונדערס איז געשטיגן דאָס גרויסע אָנזען פון דער אינטערנעשאָנעל אין מאַי, 1953, ווען דעיוויד דובינסקי האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון דעם מיליאָנען־פאַרמעגן, וואָס ווערט פאַרוואַל־טעט פון דער אינטערנעשאָנעל.

אויך אין פּרעזידענט אייזענהאוערס באַגריסונג בעת דער אינטערנעשאָ־נעל־קאָנווענשאָן אין מאַי, 1953, ווערט צווישן אַנדערע געזאָגט, „אַז אייער יוניאָן איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַלע מאָל אָפּגעשפּיגלט דעם פּיאָנערן־גייסט און איניציאַטיוו, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן אַמעריקאַנער פֿאָלק. אייערע דערגרייכונגען אין משך פֿון יאָרן אויפֿן געביט פֿון געזונטע און סטאַבילע אַרבעטער—בעלי־בתים־באַציאונגען, פֿון אמתע קאָלעקטיווע פֿאַרהאַנדלונגען האָבן באַוויזן, אַז אַרבעטער אין אונדזער לאַנד קענען געווינען סאָציאַלן יושר און זיך ניט באַנוצן מיט ברוטאַלע קאַמף־מעטאָדן אָדער מיט מלוכה־צוואַנג. איך שאַץ אויך אָפּ אייער גרויסן און אַקטיוון אינטערעס ביי שטיצן הומאַניטאַרע באַוועגונגען. איר האָט, אָן אונטערשייד פֿון גלויבן אָדער הויט־קאָליר, ממשותדיק געהאָלפֿן לינדערן נויטן ניט נאָר אין די רייען פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער קאָמיוניטי".

אויך די אַמאַלגאַמעיטעד קלאָודינג וואָירקערס יוניאָן איז געווען אַ פּיאָנער און וועג־ווייזער אויף די געביטן פֿון סאָציאַלן פּראָגרעס אין טרעיד־יוניאָניזם. זי איז געווען פֿון די סאַמע ערשטע צו בויען קאָאָפּעראַטיווע הייזער, צו גרינדן אייגענע בענק, וואו די אַרבעטער פֿילן זיך היימיש און חבריש. זי האָט אויך איינגעפֿירט אַ גרויסע צאָל פֿאַרזיכערונגען פֿאַר יעדן פֿון די הע־כער 400,000 מיטגלידער.

די גאַנצע מענער־קליידער־אינדוסטריע איז יוניאָניזירט געוואָרן אויף הונדערט פּראָצענט. ווען אין 1948 איז פֿאָרגעקומען אַ הירינג אין אַ קאָנ־גרעס־קאָמיטע, איז אָפֿיציעל דערקלערט געוואָרן, אַז דער מאַנופֿעקטשורער־פֿאַרבאַנד, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן אַן אָפּמאַך אין 1937 מיט דער אַמאַלגאַמעי־טעד, האָט ניט געהאַט קיין שום סכסוכים. די קלאָודינג־אַרבעטער זיינען צווישן די גוט באַצאָלטע אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע.

סידני הילמאַן (1887—1946) איז געווען פּרעזידענט פֿון דער אַמאַלגאַ־מעיטעד אין פֿאַרלויף פֿון 32 יאָר ביז ער איז געשטאָרבן אין 1946. ער האָט געהאָלפֿן אָרגאַניזירן דעם קאָנגרעס פֿון די אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס (סי.־אַי.־אָ.). בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט פּרעזידענט רוזוועלט אים געשטעלט אויף אַ רייע גאָר פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן ביים אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אין לאַנד לטובת דער פֿאַרטיידיקונג. ער האָט דערפֿאַר באַ־קומען פֿון די פּרעזידענטן רוזוועלט און טרומאַן אַ רייע אויסצייכענונגען. נאָך זיין טויט האָט די אַמאַלגאַמייטעד געשאַפֿן אַ הילמאַן־פֿאַונדעישאַן צו געבן אויסצייכענונגען פֿאַר פֿאַרדינסטן אין עפֿנטלעכן לעבן, וואָס זיינען לטובת

דער אַרבעטערשאַפט. דזשעיקאָב פּאָטאָפּסקי איז זיין נאָכפאָלגער אַלס פּרעזידענט פון אַמאַלגאַמייטעד.

עס איז אַ פאַקט, אַז דער יידישער אַרבעטער־אימיגראַנט האָט שטאַרקער פון אַנדערע אימיגראַנטן־גרופּן אַרויסגעוויזן דעם ווילן און דעם כוח צוצופּאַסן זיך צו די נייע אַמעריקאַנער לעבנס־באַדינגונגען, ווייל די אַנדערע אַרבעטער־אימיגראַנטן זיינען אַהער געקומען צו אַרבעטן אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן אָנקלייבן גענוג געלט אויף צו קענען צוריקפאָרן אין זייער היימלאַנד און זיך באַזעצן אויף אַן אייגן פאַרם, — זיי זיינען דעריבער געווען פאַראינטערעסירט אין דעם העכערן אַמעריקאַנער לוין־סטאַנדאַרד, ווי אין דעם אַמעריקאַנער לעבנס־סטאַנדאַרד. וואָס מער זיי האָבן פאַרדינט, אַלץ ווייניקער האָבן זיי פאַרברויכט, אַלץ מער האָבן זיי געשפּאָרט צו קענען קומען צו זייער ציל. ביי די יידישע אַרבעטער איז שוין גאָר אַן אַנדער ענין. זיי זיינען אַהער געטריבן געוואָרן ניט נאָר צוליב דער עקאָנאָמישער נויט, נאָר אויך פון היימלאָזיקייט, פון רעליגיעזע און פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען. קומענדיק אַהער, אין דעם איינוואַנדערונגס־לאַנד, האָבן זיי צעבראָכן אַלע בריקן הינטער זיך. זיי טרוימען ניט פון צוריקפאָרן, ווייל זיי האָבן ניט וואוהין צו פאָרן.

שוין באַלד ביים פאַרלאָזן די שיף האָבן זיי פאַרבונדן זייער גורל מיטן גורל פון אַמעריקע און האָבן זי באַטראַכט ווי זייער נייע היים, וואו זיי וועלן פאַרבלייבן און אויפבויען זייער צוקונפטיקע עקזיסטענץ. זייער שטרעבן איז באַלד פון אָנהויב געווען ניט בלויז בעסער צו פאַרדינען, נאָר אויך בעסער צו לעבן. דאָס דערקלערט זיך אויך, פאַרוואָס יידן האָבן אין אַלע יאָרן פון זייער מאַסן־איינוואַנדערונג געגעבן די קלענסטע צאָל צוריקוואַנדערער. ווען הענרי פאָרד האָט אין 1913 איבערראַשט אַמעריקע מיט זיין איינפירן אַ 5־דאָלאַרדיקן טאָג־לוין אין זיינע אויטאָמאָביל־פאַבריקן, האָבן די יידישע שניידער און פון אַנדערע פאַכן שוין פאַרדינט צו זעקס, זיבן און אַכט דאָלאַר אַ טאָג. ווען אין די אַמאָליקע יאָרן זיינען די אַמעריקאַנער אַרבעטער געווען צווישן די הויפּט־באַקעמפער פון אַ פרייער אימיגראַציע און זייער טענה איז געווען, אַז די נייע אימיגראַנטן דריקן אַרונטער דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און זיי האָבן ביטער באַקעמפט יעדן פאַרזוך צו ליבעראַליזירן די אימיגראַציע־געזעצן און אַריינלאָזן מער אימיגראַנטן — האָט זיך די לאַגע אין די לעצטע יאָרן אינגאַנצן געענדערט. די א. פ. אָוו ל. און די סי.־אַי.־אָ. ווייסן שוין זייער גוט פון אייגענער דערפאַרונג, אַז די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן ניט וואוהין צוריקצופאָרן, זיינען פאַראינטע־

רעסירט, אַזוי ווי דער אַמעריקאַנער אַרבעטער, צו הויבן דעם לעבנס־סטאַנ־דאַרד און אַז דאָס אַריינלאָזן נייע אימיגראַנטן איז גאָר אין די בעסטע אינטע־רעסן פון אַמעריקאַנער פאָלק. אַזוי אַז עס איז ניטאָ קיין מורא, אַז אַמעריקאַ־נער אַרבעטער זאָלן דורך דעם פאַרלירן זייערע אַרבעט־מעגלעכקייטן.

עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, אַז די יידישע יוניאָן־פירער זיינען אויך אַקטיוו אין די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דעיוויד דו־בינסקי איז אַ וויס־פּרעזידענט אין דער א. פ. אָוו ל. און לואיס האָלענדער — דער וויס־פּרעזידעט פון דער אַמאַלגאַמייטעד, איז אויך דער פּרעזידענט פון אַ גוט־אויפגעבויטער אָרגאַניזאַציע פון דער סי.־אַי.־אָ. אין ניו־יאָרק סטעיט, וועלכע ציילט איבער אַ מיליאָן מיטגלידער און די יידישע אַרבעטער־פירער, וועלכע געהערן צוביידע גרויסע אָרגאַניזאַציעס, זיינען אַקטיוו ביי די פאַרשיידענע פאַרהאַנדלונגען, אַז די ביידע גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין גרויסער און שטאַרקער אַרבעטער־באַווע־גונג, וואָס וועט צוזאַמען האָבן אַרום 17 מיליאָן מיטגלידער און זי וועט קענען אויפטרעטן ווי די פאַרטרעטערשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט.

אב. קאַהאַן (1860—1951) איז אָן שום צוויפל געווען די נשמה, דער גייסטיקער פירער, לערער און דערציער פון די יידישע אַרבעטער־יוניאָנס. ער איז געווען אַקטיוו אין אַמעריקאַנער אַרבעטער־לעבן. שוין אין 1891, ווען ער איז געווען אַ דעלעגאַט פון די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בעלגיע, האָט ער דערציילט די קאָנגרעס־דעלעגאַטן און דורך זיי צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־שאַפט, וועגן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, זייערע יוניאָנס און זייערע סטרייקן. די קאָנגרעס־דעלעגירטע האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט קאַהאַנס באַריכט, ווייל ביי אַ סך איז געווען אַ באַגריף, אַז די יידן זיינען אָדער פּעדלערס אָדער באַנקירן. קאַהאַן האָט באַלד ביים אָנקומען קיין אַמעריקע זיך געשטעלט מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. ער האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער און דורך זיי די גאַנצע אמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן־באַווע־גונג. אין דעם זין האָט ער אויך אויסגעבויט און אַנטוויקלט דעם „פאָר־ווערטס”, וואָס ווערט אין די פאַראַנטוואָרטלעכסטע קרייזן אין וואַשינגטאָן גע־רעכנט אַלס איינע פון די פירנדיקע אָרגאַנען, וואָס שטייט אין דינסט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. דאָס איז אויך פון די פּרעזידענטן רוזוועלט און טרומאַן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן עפנטלעך באַשטעטיקט געוואָרן.

מאיר לאָנדאָן (1871—1926) איז אין 1888 געקומען פון פּאָלטאַווע, אוק־ראַינע. אין 1898 איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער־לאָיער און אַקטיוו אין דער יידישער טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג. אין 1914 איז ער צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן פאַר דעם ערשטן יידיש־סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן און איז געווען אין וואַשינגטאָן ביז 1918. אין קאָנגרעס האָט ער געשטימט קעגן דעם אַריינטרעטן פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און ער האָט פאַרגעשלאָגן אַ ריי אַרבעטער־געזעצן. מאיר לאָנדאָן האָט גערעדט אויף זעקס שפּראַכן און ער איז געווען די נשמה פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דעם 6טן יוני, 1926, איז געשען אַן אומגליק: אַן אויטאָמאָביל איז אים איבערגעפאָרן. ביי זיין לויה האָט מען געשאַצט אַן עולם פון אַ האַלבן מיליאָן.

מאיר לאָנדאָן איז שטענדיק געווען דער ערשטער צו געבן און דער לעצטער צו נעמען. אין אַ שמועס מיט וולאַדעקן האָט ער זיך געקלאָגט אויף זיין פינאַנציעלער לאַגע. די יאָרן וואָס ער איז געווען אין קאָנגרעס, האָבן אים פינאַנציעל רואינירט. ער האָט אָבער באַטראַכט זיין אַרבעט אין וואַשינגטאָן ווי אַ הייליקע שליחות. עס איז געווען אַ באַנקעט, וואו מען האָט געמאַכט אַן אַפּיל, האָט ער געגעבן הונדערט דאָלאַר און ער איז בוכשטעבלעך געבליבן אַן אַ סענט אין טאַש. לאָנדאָן האָט זיך אַליין „געקיבעצט", וואָס בין איך פאַר אַ לאָיער? קיין קייסעס קעגן אַרבעטער נעם איך ניט, קעגן אָרעמע לייט — נעם איך ניט. גיי זוך אַ קייס, וואָס איז גערעכט און וואָס איז ניט קעגן אָרעמעלייט . . .

ווען מיר געפינען זיך אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, דאַרפן מיר דערמאָנען ברוך טשאַרני־וולאַדעק, וועלכער איז אין 1908 געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון 22 יאָר. דער פריערדיקער וולאַדעק און דער „יונגער לאַסאַל" פאַרנעמט אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין דער יידישער עפנט־לעכקייט און ווערט אויך באַליבט אין די אַלגעמיין־בירגערלעכע קרייזן. ער ווערט אויך געשעצט, ווי אַ יידישער אַרבעטער־פאַרטרעטער, אין די שטאָטי־שע קערפּערשאַפטן, וואו ער האָט געוואונען גרויס צוטרוי און אויטאָריטעט. וולאַדעק איז געווען אַן און פאַר זיך אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע און עס איז דעריבער ניט בלויז קיין צופאַל, וואָס אין דער גאַס פון דער יידישער און אַלגעמיינער נויט, אויף דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק, איז צום אָנדענק פון וולאַדעק אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט, וואָס סימבאָליזירט די סאָ־ציאַלע גערעכטיקייט. מיר מיינען די וולאַדעק־הייזער, וואָס די שטאָט־פאַר־

וואַלטונג און די פעדעראַלע רעגירונג האָבן אויפגעשטעלט צו זיין אָנדענק. ער האָט עס זיכער ערלעך און כשר פאַרדינט.

דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וועמענס פּרעזידענט וולאַדעק איז פריער געווען און איצט איז אַדאָלף העלד, פירט אָן אינטענסיווע אַרבעט אויפן געביט פון באַקעמפן די פאַרשיידענע ראַסן־דיסקרימינאַציעס און ער איז פאַר זיינע אַקציעס שטאַרק געליבט געוואָרן פון אָפיציעלע רעגירונג־אינסטאַנצן. ער שטעלט אויך איין אַ גאַר ענגע פאַרבינדונג מיט די אַלע אַמעריקאַנער אַרבעטער־יוניאַנס, וועלכע ציילן אַרום 17 מיליאָן אַרבעטער.

פרענק ז. אַטראַן האָט אין 1905 געקעמפט אין די רעוואָלוציאָנערע רייען אין דער יידישער אַרבעטער־שטאָט לאָדז (פּוילן), דורכמאַכנדיק אַ רייע שווערע יאָרן אַלס אַ פּאָליטיש־פאַרפאָלגטער און דערנאָך אַלס אַ פליכטלינג, קומט ער קיין אַמעריקע, ווערט אַקטיוו איןווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און האָט אָנגעזאַמלט אַ גרויס פאַרמעגן. ער האָט באַשטימט אַ פאָונדעישאָן, וואָס האָט שוין אָוועקגעגעבן אַ גרויסן טייל פון זיין רייכטום. אַ מיליאָן דאָלאַר האָט ער געגעבן צום מאונט סיני שפּיטאָל פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען, אַ גרעסערע סומע צו דער קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטעט, וועלכע האָט געעפנט אַ קאַטעדרע פאַר דער יידישער שפּראַך און עס איז אויך געקויפט געוואָרן אַ פיינער בנין, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היים פאַר יידישע אַרבעטער־און קולטור־אינסטיטוציעס.

אין זיין רעפעראַט אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אין מאי 1953, האָט הלל ראָגאָף, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", צווישן אַנדערן אויך געזאָגט, אַז „די יידישע יוניאָן־באַוועגונג האָט ניט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, קאַמפן און קרבנות, דורכגעבראָכן דעם וועג און גרויסע, מעכטיקע און פיל־פאַרצווייגטע יוניאָנס זיינען גע־שאַפן געוואָרן. דאָס איז צו פאַרדאַנקען דעם אידעאַליזם, מיט וועלכן די יידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן זיינען געקומען פון יענער זייט ים, אַן אידעאַליזם וואָס האָט באַהערשט די יידישע אימיגראַציע. מיטן כוח פון אָט דעם אידעאַליזם האָבן זיי מעגלעך געמאַכט, אַז די אָרעמע, דערשלאָגענע אי־מיגראַנטן זאָלן קענען אַרויסווייזן אַזאַ גוואַלטיקן כוח אין קאַמף קעגן אַלע מעכטיקע און פיינטלעכע גרופּן אין דער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפט.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויך שטאַרק באַווירקט מיט איר אידעאַליזם די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג. איר ביישטייער צו דער א. פ. אָוו ל. און סי.־אַי.־אָ., און בכלל צום אַמעריקאַנער לעבן, איז געווען זייער גרויס. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אויך געווען די איינציקע, וואָס

האָט אויפגעבויט אַן אייגענע פּרעסע — דעם „פאָרווערטס", אַ צייטונג וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סיי פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע אימיגראַנטן און סיי פאַר זייער גייסטיקער דערהויבונג. גראָד די אַנדערש־קייט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און די אידעאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אין אַ געוויסן זין אויך באַאיינפלוסט די מאָס־געבנדיקע פאַקטאָרן אין דעם ניו־דיל, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין די צייטן פון רוזוועלט און פילע נייע איינריכטונגען זיינען אויך איבערגענומען געוואָרן פון טרומאַנען".

די ברייט־פאַרצווייגטע אַנטוויקלונג פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און אוני־ווערסיטעטן זאָל מען זיך ערנסט באַציען צו דעם אַרבעט־פּראָבלעם און עס אויסקשטעלן אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות. אַזוי זיינען אין אַלע וויכטיקע הויכע לערן־אַנשטאַלטן אַנטשטאַנען אָפּטיילונגען פאַר באַציאונגען צווישן אינדוסטריע און אַרבעט און יידישע געלערטע, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועלכע קומען אַרויס פון דעם אַרבעט־שאָפּ, פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָזיציעס. אַזוי דאַרפן דערמאָנט ווערן פּראָפ. טעראַזא וואָלפזאָן — עקאָנאָמיסט פון ברוקלין־קאָלעדזש אין ניו־יאָרק, זעליג פּערלמאַן — פּראָפעסאָר פון עקאָ־נאָמיע אין אוניווערסיטעט פון וויסקאָנסין, וויליאַם האבער — פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיע אין מישיגען אוניווערסיטעט, איזידאָר לאָעב — געווען דיען פון די עקאָנאָמישע אָפּטיילונגען אין מיזורי און וואַשינגטאָנער אוניווערסי־טעטן, ראַלי עפּשטיין — אין באָפאַלאָ, הערבערט פּייס — סינסינעטי, פרענק טאוסיג — עקאָנאָמיסט אין האַרוואַרד, מלכיאל קאָגאָוויץ — אין קאָרנעל, עמנואל שטיין — ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, פיליפּ טעפט — אין בוירנס קאָ־לעדזש, נתן רייך (פאָרזיצער פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָלעגיע פון ייוואָ) — אין האַנטער קאָלעדזש פאַר מיידלעך, און מאָריס יושעוויץ (פון ניוס־פּעיפּער־גילד) — גאַסט־פּראָפעסאָר אין קאָרנעל.

מאַרק סטאַר, דער עדיוקעישאָנעל דירעקטאָר פון אינטערנעשאָנעל, האָט געהאַלטן דעם הויפּט־רעפעראַט, יוני 1953, ביי אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון אַרבעטער, אַרבעט־געבער, דערציער און גייסטלעכע און אויך פאַרטרעטער פון דער רעגירונג וועגן באַקעמפן דיסקרימינאַציע פון אַרבעטער אין גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דער רעפערענט האָט אָנ־געוויזן, אַז זיין יוניאָן איז אַ טשעמפּיאָן אויף דעם געביט, וואָס איז דער פונדאַמענט פון דער דעמאָקראַטיע, ווייל די גרינדער און די באַאַמטע פון דער אינטערנעשאָנעל האָבן אין זייערע אַלטע היימלענדער אַליין געליטן פון

ראַסן־האַס, דעריבער זיינען זיי פון די ערשטע צו באַקעמפן ראַסן־דיסקרי־מינאַציע. אין זעלביקן זין האָט גערעדט דער יידישער אַרבעטער־פאַרטרע־טער פון פּענסילווייניע, סעמיועל דאראף, וועלכער איז אויך דער טשערמאַן פון דער רעגירונג־קאָמיסיע פאַר ראַסן־גלייכקייט אין די פּענסילווייניע־אינדוסטריעס. ער האָט אָנגעוויזן, אַז אין פּענסילווייניע מוז נאָך געפירט ווערן אַ שטאַרקער קאַמף לטובת דער ראַסן־גלייכקייט.

פאַרטרעטער פון די גייסטלעכע און פון דער רעגירונג האָבן דערקלערט, אַז די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט מוז ווייטער געפירט ווערן פון ברייטערע קרייזן דורך אַ געהעריקער אויפקלערונג און עס איז דערביי שטאַרק געלויבט געוואָרן די יידישע אַרבעטער־פאַרטרעטער, וועלכע זיינען אויך אויף דעם גע־ביט פּיאָנערן — אין קאַמף קעגן ראַסן־אומגלייכקייט אין דער פּראָדוקציע.

אויך פּראָפעסאָר זעליג פּערלמאַן, וועלכער איז אַן עקספּערט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אין איינע פון זיינע גרעסערע פאַר־שונגען אָנגעוויזן אויף דער ראָל פון די יידישע יוניאָנס אויפן געביט פון קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע. אין קיין איין יוניאָן פילט זיך ניט אַ נעגער (און לעצטנס אויך אַ פּאָרטאָ־ריקאַנער) אַזוי אין דער היים, ווי אין די יוניאָנס פאַר דער באַקליידונג־אינדוסטריע.

בעת פריער האָט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער געקוקט אויף דעם יידישן פון אויבן אַראָפּ, האָט זיך לעצטנס דער צושטאַנד אינגאַנצן געענדערט. די יוניאָנס זיינען אויך פאַראינטערעסירט אין דעם גורל פון דער אינדוס־טריע און דאָס זעלביקע אויך פאַרקערט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פילן ווי קעגנזייטיקע שותפים אין דער פּראָדוקציע און עס זיינען אפילו געווען פאַלן, ווען די יוניאָנס האָבן אין צייטן פון קריזיס אַלץ געטאָן, כדי אַרויסצוהעלפן די אינדוסטריעלער. די יידישע יוניאָנס האָבן אַריינגעבראַכט אין דער אַלגעמיי־נער אַרבעטער־באַוועגונג מער אינטערעס פאַר אַלגעמיינע סאָציאַלע פּראָבלע־מען. ווען אין 1919 איז געווען דער גרויסער שטאָל־סטרייק, האָט די אַמאָל־גאַמייטעד איבערגעגעבן אַ טשעק פון הונדערט טויזנט דאָלאַר אויף צו העלפן די סטרייקנדיקע שטאָל־אַרבעטער. די יידישע יוניאָנס האָבן ביי פאַרשיידע־נע געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן זייער סאָלידאַריטעט מיט די אַמעריקאַנער אַרבעטער און געהאָלפן אין אַ צייט פון נויט. עס קען זיין, אַז דאָ ווירקן די טראַדיציע פון סאָציאַלער חברישקייט, וואָס די יידישע אימיגראַנטן האָבן מיטגעבראַכט פון אייראָפּע.

אין דער „ליג פאַר אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע” איז נאַטאַניעל מינ־

אָף, פון אינטערנעשאָנעל דזשאָינט באָארד, — דער פּרעזידענט און פּראָ־
פעסאָר קילפּאַטריק, פון קאָלאָמביאַ, — וויִס־פּרעזידענט. אין דער ליג
נעמען אויך אַן אַקטיוון אָנטייל דעריציערס, גייסטלעכע און פון
דער ליבעראַלער אינטעליגענץ, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אַריינ־
צוברענגען אַ דעמאָקראַטישן גייסט אין דער אינדוסטריע. מרס. עלינאָר
רוזוועלט האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער ליג פאַר אירע ווערטפולע
באַמיאונגען לטובת דער אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע.

פיליפּ קייזער, וועלכער איז אין 1949 באַשטימט געוואָרן פאַר געהילף
פון אַרבעט־מיניסטער טאָביק, האָט אויך דעם זעלביקן אַמט אין דער אייזענ־
האוער אַדמיניסטראַציע. ער איז אַן עקספּערט אין אינטערנאַציאָנאַלע אַרבע־
בעט־פּראָבלעמען. זיין אויפגאַבע אין אַרבעט־מיניסטעריום איז אויסצו־
אַרבעטן די אַמעריקאַנער שטעלונג צו פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנלע אַרבעט־
ענינים און צו זיין אַמעריקעס פאָרטרעטער ביי די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעט־
קאָנגרעסן. ער איז אין יוני, 1953, געווען אַמעריקאַנער דעלעגאַט אויף דעם
38טן קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פאַר אַרבעט־אָנ־
געלעגנהייטן (אינטערנעשאָנעל לייבאָר אָרגאַניזעישאָן), וואָס איז אָפּגעהאַלטן
געוואָרן אין דער שווייץ און אין וועלכן עס זיינען פאָרטראָטן 62 לענדער,
צווישן זיי אויך מדינת ישראל. דעיוויד מאָרס, וועלכער איז אויך געווען
אַן אָנפירנדיקער באַאַמטער אין אַרבעט־מיניסטעריום, איז איצט דער דירעק־
טאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעט־אָרגאַניזאַציע אין דער שווייץ.

דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל פון די העט, קעפּ און מילינערי יוניאָן איז
אָנערקענט געוואָרן פאַר דעם בעסטן יוניאָן־זשורנאַל אין דער גאַנצער אַר־
בעטער־פּרעסע און דער רעדאַקטאָר דזשעק ריטש איז מערערע מאָל באַלוינט
געוואָרן פון דער א. פ. אָוו ל. פאַר רעדאַגירן די בעסטע אַרבעטער־צייטשריפט
אין אַמעריקע.

דער פילם „מיט אַט די הענט״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון דער אינ־
טערנעשאָנעל, איז שוין געזען געוואָרן פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן אין
אַ גרויסער צאָל לענדער און פאַרשיידענע טיילן אין דער וועלט און האָט די
איבערשריפטן אין ניין שפּראַכן. אויך אין וואַשינגטאָן האָבן דעם פילם געזען
אַ גרויסע צאָל סענאַטאָרן, קאָנגרעסלייט, העכערע רעגירונג־באַאַמטע און
אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. זיי האָבן געזען, אַז יידישע און אויך אַרבעטער־
אימיגראַנטן פון אַנדערע לענדער זיינען אַהערגעקומען מאַכן אַ לעבן פון
אַרבעט. זיי זיינען לאָיאַל צו דעם אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער און זיינען
שטענדיק גרייט צו באַשיצן זייער לאַנד פון אלע מעגלעכע שונאים.

אין דער קונסט־וועלט

מאָלעריי און סקולפּטור

אין דעם עסטעטישן פאַרמעגן פון אַ ציוויליזירט פאָלק פאַרנעמט די בילדער־קונסט, ווי מאָלעריי, סקולפּטור און דאָס גלייכן אַ גאַר אָנגעזעענעם אָרט. אויך יידן אין אַמעריקע האָבן באַלד מיט דער אַמעריקאַנער זעלבסט־שטענדיקייט, אויך זיך גענומען אינטערעסירן מיט דער שאַפונג פון דער קונסט. עס האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע יידישע קינסטלער און זיי זיינען אַלץ מער און מער אַריין אין דער אַמעריקאַנער קונסט־וועלט.

מאָזעס איזיקיעל, וועלכער האָט באַקומען אַדל־טיטולן פון די רעגי־רונגען אין איטאַליע און דייטשלאַנד, טעאָדאָר סידני מאיז, סאָלאָמאָן נאַנעס, דזשעיקאָב לאַזאַרוס, קעטרין קאהאַן, דזשאָרדזש פיישאטא א. א. זיינען געווען צווישן די אָנגעזעענסטע מאָלער און סקולפּטאָרס, וועלכע האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען די קונסט אין ערשטן העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. די באַרימטע פאַמיליע גראַץ אין פילאַדעלפיע האָט, אין 1805, געגרינדעט די פענסילווייניער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכע איז געווען די ערשטע העכערע קונסט־אינסטיטוציע אין לאַנד.

נאָכן בירגער־קריג האָט זיך אַלץ מער פאַרגרעסערט די צאָל פון די יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן פאָרטראַטן אַלע פאַרמען פון דער אַמערי־קאַנער קונסט. די קינסטלער, וועלכע זיינען פריער געווען אָנגעוויזן אויף די פאַרלאַנגען פון דער אַזוי גערופענער אַריסטאָקראַטיע, האָבן געפונען זייערע קאָנסומענטן אין די ברייטע באַפעלקערונג־שיכטן. די אינדוסטריאַ־ליזאַציע און דעמאָקראַטיזאַציע פון לאַנד האָבן געליפערט נייע טעמעס, אַזוי אַז די קינסטלער האָבן ערשט ניט געדאַרפט פאָרן קיין אויסלאַנד, ווי איטאַ־ליע און דייטשלאַנד, וועלכע זיינען געווען די צענטערן פון דער אייראָפּעאי־שער קונסט. אַזוי זיינען באַקאַנט: דער פאָטער מיטן זון מאַקס און אַלבערט ראָזנטאַל, לואי לאָעב, וועלכער האָט געמאָלן דאָס בעסטע בילד פון ישראל זאַנגוויל; דער סקולפּטאָר איזידאָר קאָנטי, ערנסט פיישאטא, וועלכער איז געווען דער אָפיציעלער קינסטלער ביי דער אַמעריקאַנער אַרמיי; הערי

ריטענבערג האָט געמאָלן פּאָרטרעטן פון די אַמעריקאַנער פּרעזידענטן: העיז, דזשעימס גארפילד און הערבערט הואווער.

יהודא ביטענסקי האָט אין 1910 געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג מיט זיין סקולפּטאָר שאַפונג „דער אייביגער פרידן", וואָס פאַרנעמט אַ בכבודן פּלאַץ אין מעטראָפּאָליטן מוזעאום. די סטאַטוע שטעלט מיט זיך פאָר, ווי ישעיה הנביא צעברעכט אַ בינטל שווערדן און ביי זיינע פיס ליגט אַ לייב, האַלט אַרומגענומען אַ קליין שעפעלע, צערטעלט עס, ווי אַ מוטער איר זויג קינד.

מיטן אָנקומען פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן יידישע קינסטלער שוין פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין אַלע פאָרמען פון דער אַמעריקאַנער קונסט. די גרויסע אויסשטעלונג, אין 1913 — די „אַרמאָרי שאָו" איז געווען אַ גוואַלדיקער סופּריז וועגן דער גרויסער צאָל פון יידישע טאַלענטירטע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט. אין יאָר 1930, איז פאָרגעקומען אַ צווייטע גרעסערע אויסשטעלונג פון 33 פּראָמינענטע קינסטלער. עלף יידן האָבן באַקומען די גרעסטע אויסצייכענונגען. זיי זיינען געווען: אַרנאָלד פרידמאַן, בוירנער גוסאָוו, סעמיועל האַלפּערט, סטיפן הוירש, מאָריס קאַנטאָר, בערנאַרד קאַרפּיאל, לואיס לאָזאָוויק, בען שאַהן, אברהם וואָלקאָוויץ, מאַקס וועבער און וויליאַם זאָראַך. די יידישע קינסטלער זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער ווירטשאַפטלעכער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון לאַנד און עס האָט געהערשט די פרייד פון שאַפן.

דזשאָ דאַווידסאָן איז וועלט־באַרימט מיט זיינע סקולפּטור־שאַפונגען. לעאָ מעלצינער האָט געמאָלן פּאָרטרעטן פון די פּרעזידענטן טעאָדאָר רוזוועלט און וואודראָ ווילסאָן. הענרי מאַסלאָוו איז געווען דער ערשטער אַמעריקאַנער מאָלער, וואָס זיינס אַ בילד איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. דער שוין דערמאָנטער וויליאַם זאָראַך געהערט צו די פּראָמינענטסטע קינסטלער. זיין סטאַטוע „בויער פון דער צוקונפט" האָט פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג אויף דעם וואָירלדס פעיר, אין 1939 און זי איז געוואָרן וועלט־באַרימט.

די קונסט־שול ביי דער עדיוקעשאָנעל עלאַיענס אין ניו־יאָרק האָט יערלעכע אויסשטעלונגען פון די סטודענטן, וועלכע האָבן שוין געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַראינטערעסירטע קרייזן און די סטודענטן ווערן באַלוינט מיט פּרייזן אין סקאָלערשיפּס. די קונסט־שול איז געגרינדעט געוואָרן אין 1914 פון דעם קינסטלער אבא אָסטראָווסקי, וועלכער איז שוין 40 יאָר דער שול־דירעקטאָר. אַ גאָר גרויסע צאָל קינסטלער, פון וועלכע אַ סך זיינען געוואָרן וועלט־באַרימט, האָבן באַקומען זייער אויסבילדונג אין דער

עלאַיענס־קונסט־שול אויף דער ניו־יאָרקער איסט סאַיד, וואָס ווערט באַ־טראַכט פאַר איינע פון די בעסטע קונסט־אינסטיטוציעס אין לאַנד. צווישן די לערער געפינט מען אַזעלכע באַרימטע קינסטלער, ווי דער סקולפּטאָר חיים גראָס, דער מאָלער וויליאַם אויערבאַך־ליוויי, אבא און עלא אָסטראָווסקי און אַנדערע. טאַלענטירטע קינדער פון אומבאַמיטלטע עלטערן, וועלכע האָבן ניט געקאָנט צאָלן אין אַנדערע קונסט־שולן, זיינען אַריינגענומען גע־וואָרן אין דער עלאַיענס־שול און זיי האָבן דאָרט באַקומען די געלעגנהייט צו לערנען און זיך צו אַנטוויקלען.

הענעך גליצענשטיינס מייסטער־ווערק זיינען צעשפּרייט איבער אַ גרוי־סער צאָל מוזעאומס אין לאַנד. זיין סקולפּטור „משה" איז באַרימט אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. ער האָט געמאַכט ביוסטן פון אַלע גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין אייראָפּע, פון פּויפּסט און אויך פון פּרעזידענט פרענקלין רוזוועלט. אין 1936, איז ער געוואָרן אַן אַמעריקאַנער בירגער, געגאָסן פיל אַכטונג אין דער קונסט־וועלט און אין 1944 איז ער, אין עלטער פון 74 יאָר, געשטאָרבן פון אַ טרעפיק־עקסידענט. אין צפת איז געעפנט געוואָרן אַ קונסט־מוזעאום אויף הענאך גליצענשטיינס נאָמען.

אין 1911, האָט שאול ראַסקין פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף אין „דאָס נייע לאַנד" (פון 17 נאָוועמבער 1911) וועגן „מאַכן אַן אויסשטעלונג פון יידיש־אַמעריקאַנער קינסטלער. זיי זיינען פאַראַן נאָר אין אַ היפּשע צאָל אין גאַנץ טיכטיקע קרעפטן. סיי מאָלער און סיי סקולפּטאָרס זיינען אָפּגעריסן פון דער עפנטלעכקייט, קעמפן זיי פאַר אַ עקזיסטענץ".

אין דעם אויפרוף ווערט צוו. אַנד. אויך געזאָגט: פאַרוואָס זאָל מען ניט צוזאַמענברייינגען דעם קינסטלער מיט דעם ברייטן עולם ? לאָזן זיי זיך אָנקוקן. די גוטע פאָלגן פון אַזאַ באַגעגעניש איז גאָר ניט אָפּצושעצן. די יידישע קינסט־לער וועלן ענדלעך דערזען פאַר זיך זייער פאָלק, ווערן באַקאַנט. קריגן באַ־שטעלונגען און האָבן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן און דער ברייטער עולם, וועט זען בילדער און סטאַטועס וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון יידישע קינסטלער און זיי וועלן האָבן דעם גענוס פון קונסט, וואָס פאַרפיינערט און פאַראיידעלט . . .

דאָס אַלטע ישראל, דאָס ביבלישע לאַנד, איז אויך געוואָרן אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און באַגייסטערונג פאַר פילע אַמעריקאַנער יידישע מאָלער, וועלכע שעפּן פון דאָרט זייערע טעמעס. שאול ראַסקין, וועמענס 75־יאָריקער יובילייַ איז געפייערט געוואָרן אין 1953, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין ביבלישע בילדער און ישראל־לאַנדשאַפטן, וועלכע ער האָט געמאָלן, בעת ער איז אייניקע מאָל געווען אין ישראל. שאול ראבינא, וועלכער האָט זיין

היים אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָט באַזוכט ישראל און דאָרט געשאַפן אַ רייע גאָר וויכטיקע קונסט־ווערק, ווי „אַ בליק אויף צפת", „דער מאה־שערים־קוואַרטאַל אין אַלט־ירושלים" און אַנדערע. עלייעס ניומאַן האָט אויך זיך פאַראינטערעסירט מיט מאָלערייען פון ישראל.

עלייעס מ. גראָסמאַן (אַ געבוירענער אין קאָברין, נעבן ביאַליסטאָק) איז באַלוינט געוואָרן פון וואַשינגטאָן „מוזעאום אָוו אַרט" פאַר זיין צייכנונג די „כותל המערבי". ער איז געווען אַ סטודענט פון דער עלאַיענס שול, האָט באַקומען אַ שטעלע אין דער „ניו־יאָרק וואָרלד טעלעגראַם" אין דעם קונסט און בילדער דעפּאַרטמענט. דאָס האָט אים געגעבן די מעגליכקייט צו מאַכן אַ רייזע קיין איירראָפּע, וואו ער האָט געלערנט אין די באַרימטע קונסט שולן פון פראַנקרייך און איטאַליע. אַ גרויסע צאָל אַלגעמיינע און יידישע פּערזענליכקייטן האָבן פאַר אים פּאָזירט.

נטע קאָזלאָווסקי האָט געמאָלן אַ סימבאָליש בילד — דער „מאָנומענט" אין אָנדענק פון אונדזערע קדושים און עס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אויף דער אויסשטעלונג אין ריווערסאַיד־מוזעאום. און סידני קאָבלענץ האָט אויך געהאַט אַ סימבאָליש בילד „די וואַנט", וואָס איז געוויזן געוואָרן אויף אַן אויסשטעלונג פון געקליבענע מאָלערייען אין ניו־יאָרק. אין 1953 געפינען זיך שוין הונדערטער יידישע קינסטלער, וועלכע זיינען אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער אַמעריקאַנער קונסט.

די יידישע קינסטלער זיינען ניט נאָר זייער צאָלרייך רעפּרעזענטירט אין דער אַנטוויקלונג פון דער קונסט, נאָר זיי געפינען זיך אויך אין די פירנדיקע קרייזן, וואו זיי פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. מאַקס וועבער, אברהם וואָלקאָוויטש און בערנאַרד קאַרפיאָל זיינען באַקאַנט, ווי די דינס פון דער מאָדערנער קונסט אין אַמעריקע. אפרים קייזער און דזשאָ דאַווידזאָן זיינען געווען די אָפּיציעלע מאָלער פון באַרימטע מלוכה־לייט און העכערע מיליטער־אָנפירער אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פּיטער בלום און מאָריס שטערן זיינען געווען צווישן די אומאָפּהענגיקע קינסטלער.

אויך האָבן מיר גאָר וויכטיקע קונסט־עקספּערטן, מעצענאַטן, לייטערס פון קונסט־מוזעאומס און היסטאָריקער פון קונסט. פילע פון די יידישע קינסטלער אין דייטשלאַנד געפינען זיך איצט אין אַמעריקע. דזשאָרדזש סוואַרצענסקי, פון פראַנקפורט, איז זייט 1936 דער אָנפירער פון באָסטאָן־מוזעאום; האַנס טיעץ, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר אין די גרעסטע ווינער קונסט־מוזעאומס, איז דער ביבליאָטעקאָר פון דער קונסט־ביבליאָטעק אין דעם ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטען־מוזעאום אָוו אַרט. עדווין פּאַנאָפסקין,

פון האַמבורג, איז דירעקטאָר פון מוזעאום ביי דער פּרינסטאָן־אוניווערסיטעט; פראַנץ לאַנדסבערגער איז קונסט־פּראָפעסאָר אין סינסינעטי; דער האַרוואַרד־פּראָפעסאָר דזשעיקאָב ראָזענבערג איז אויך דער דירעקטאָר פון גראַפישער קונסט אין באָסטאָן־מוזעאום. מייקעל דזשעיקאָבס איז אַן אָנערקענטער עקספּערט אין אַרויסגעבן טעקסט־ביכער פאַר די קונסט־שולן און אויך דירעקטאָר פון אַמעריקען סקול אָוו אַרט. דזשאָנאַס ליעס בילדער געפינען זיך אין דער קונסט־אָפּטיילונג פון וועסט־פּאָינט מיליטער־אַקאַדעמיע.

יידישע קונסט־מעצענאַטן האָבן אַוועקגעגעבן צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרס פאַר וויכטיקע ווערק און זיי אַוועקגעשאָנקען צו די עפנטלעכע מוזעאומס. עס זיינען שוין ביי אַנדערע געלעגנהייטן דערמאָנט געוואָרן בענדזשאַמין אַלטמאַן, דזשולעס בעיטש, דזשאָרדזש בלומענטאַל, וועלכער איז אויך געווען פּרעזידענט פון ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטען־מוזעאום אָוו אַרט; מייקל פרידזאַם, דזשאָזעף פּוליצער, דזשוליוס ראָזענוואַלד, דזשעיקאָב און מאָרטימער שיף, אַדאָלף לואיסאָן, די פאַמיליעס וואַרבורג, זעליגמאַן, שטראַוס און, באַזונדערס, די פאַמיליע גוגענהיים, וועלכע האָט דורך איר „דניאל גוגענהיים פאַונדעישאָן", געשפּענדט צענדליקער מיליאָנען פאַר דער אַמעריקאַנער קונסט. אויך די פאַמיליע עפּשטיין האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר די קונסט־מוזעאומס אין באַלטימאָר און שיקאַגאָ.

אין אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלן מוזעאום אין וואַשינגטאָן געפינט זיך אַ סעריע פון 26 טייערע מאָלערייען, וואָס זיינען אַוועקגעשאָנקען געוואָרן פון דעם ניו־יאָרקער באַנקיר און מעצענאַט מאָריס וואָרטהיים. אין מעטראָפּאָליטען מוזעאום אין ניו־יאָרק האָט בענדזשאַמין אַלטמאַן צווישן אַנדערע אויך 13 רעמבראַנדט־מאָלערייען. אין סאַן־פראַנציסקאָ מוזעאום געפינען זיך 200 בילדער, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון אַלבערט בינדער.

לעאָן קראָל און אייברעהעם פּילטש האָבן אָנגעפירט מיט דעם פאַרבאַנד פון אַמעריקאַנער מאָלער, סקולפּטאָרן און גראַווירער. ל. סימאָנסאָן — פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער פאַרבאַנד פון דעקאָראַטיווע קינסטלער; דזשוליאַן ליאָן און ערנסט קעין זיינען געווען אין פּרעזידיום פון אַרכיטעקטאָרן־ליגע אין ניו־יאָרק. עדוואַרד בלום — פּרעזידענט פון ברוקלין מוזעאום פון קונסט און וויסן; פּאָול זאַקס, פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט, איז אויך געווען פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פון די מוזעאומס אין אַמעריקע. דזשאָנאַס ליע — פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער קונסט־אַקאַדעמיע; איילאי קאהן און לעאָן סאימאָן — אין פּרעזידיום פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון די סקולפּטאָרס. די פרויען לי אָפּענהיים און פ. ליוואי פירן אָן מיט דער ליגע פון די קונסט־

שולן אין ניו־יאָרק, סעמיועל לואיסאָן איז דער סעקרעטאַר פון מוזעאום פון מאָדערנער קונסט אין ניו־יאָרק. וואָלטער אייזיקס — דירעקטאָר פון די קונסט־גאַלעריעס אין וואַשינגטאָן אוניווערסיטעט און דעיווּיד לין איז שוין דרייסיק יאָר דער אַרכיטעקט פון די רעגירונג־געביידעס אין וואַשינגטאָן.

דזשוליוס וואַגענהיים — פּרעזידענט פון פאַרבאַנד פאַר פיינער קונסט אין סאַן־דיעגאָ, קאַליפאָרניע; הערבערט פלישהאַקער — פּרעזידענט פון מוזעאום אין סאַן־פראַנציסקאָ; דזשוליוס מאַסטבוים האָט געגרינדעט דעם ראָדין מוזעאום אין פילאַדעלפיע; טערעזאַ בערנשטיין — פּרעזידענטין פון דערפּאַרטמענט פאַר סקולפּטור אין שיקאַגער קונסט־אַקאַדעמיע — און מאָרטאָן גאָטשאַלק איז פּראָפעסאָר פאַר קונסט־געשיכטע אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש.

טעאַטער און פילם

אין קיין צווייג פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור פאַרנעמען יידן ניט אַזאַ אָנגעזעענעם אָרט ווי אין דער דראַמע און אַ גרעסערע צאָל פון די אַמע־ריקאַניסטישע פּיעסן זיינען געשריבן געוואָרן פון יידן. זיי זיינען ניט ווייניקער פּראָדוקטיוו און דערפאָלגרייך ווי זייערע ניט־יידישע קאָלעגן.

אייזיק הוירבי (1788—1822) איז געווען דער ערשטער באַקאַנטער יידי־שער דראַמאַטורג אין אַמעריקע. מרדכי עמנואל נח (1785—1851), וועלכער איז געווען, אויסער דראַמאַטורג, אויך זשורנאַליסט, דיפּלאָמאַט און איז באַרימט מיט זיין פּראָיעקט וועגן אויסבויען אַ יידישן שטאַט אין אַמעריקע מיטן נאָמען „אררט". סעמיועל יודאה, פון דער באַקאַנטער פאַמיליע יודאה, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָלאָניאַלער צייט און דזשאנס פּיליפּס.

סוף ניינצענטן יאָרהונדערט זיינען געווען די יידישע דראַמאַטורגן דעי־וויד בעלאסקא, טשאַרלס קליין, ליליען העלמאַן, מאָריס ווערטהיים און די וויכטיקסטע פון אַלע זיינען אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט געווען אַזעלכע ווי ס. נ. בעהרמאַן, עלמער ראַיס, דזשאָרדזש קאופ־מאַן און קליפאָרד אָדעטס און זייער אַנזען אַלס די באַדייטנדיקסטע אַמערי־קאַנער דראַמאַטורגן קען פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט ווערן. דזשאָרדזש קאופמאַן איז דער דערפאָלגרייכסטער פּיעסן־שרייבער אין אַמעריקע. ער איז אַן ערשט־קלאַסיקער טעאַטער־פאַכמאַן און וועגן זיין מייסטערשאַפט איז אויך ניטאָ קיין צוויי מיינונגען. ער האָט דעם טאַלאַנט אויפצובויען אַ טעאַטער־שטיק, אַזוי אַז עס זאָל גוט זיין גאַנצע הונדערט פּראָצענט: אינהאַלטרייך,

שאַרפזין, סאַטירע און עס לאָזט איבער אַן אַנגענעמען איינדרוק. ער איז אַלט 65 יאָר. צו 23 יאָר איז ער געוואָרן אַ צייטונגמאַן און ער האָט גע־אַרבעט אין דער טעאַטער־אָפּטיילונג פון דער „ניו־יאָרקער טאַימז".

אַ צווייטער דראַמאַטורג, וואָס האָט אויך אָנגעהויבן מיט צייטונג־אַרבעט, איז ס. נ. בעהרמאַן. געבוירן אין 1893 אין וואוסטער, מעסאַטשוזעטס, גע־לערנט אין דער האַרטיקער קלאַרק־אוניווערסיטעט און פאַרענדיקט אין דער קאָלאָמביאַ, האָט ער געפּלאַנט צו זיין אַ קאָלעדזש־פּראָפעסאָר אַזוי ווי זיין פאָטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דערציאונג, אָבער ער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע דראַמאַטורגן אין אַמעריקע. אין 1927, ווען עס איז אויפגעפירט געוואָרן זיינס אַ פּיעסע „דהי סעקאָנד מען", האָט די קריטיק באַלד אָנערקענט, אַז מען האָט פאַר זיך אַן אמתן דראַמאַטורג און די שפּראַך פון די העלדן איז געווען קלוג, שיין, געשליפן און מיט גרויס שאַרפזין. אין דער זעלביקער ריכטונג האָט ער זיך אויך ווייטער אַנטוויקלט. זיינע קאָ־מעדיעס זיינען אין דער פיינסטער און אויסדרוקפולסטער שפּראַך. זיינע פּיעסן זיינען מייסטנס אַזוי דערפאָלגרייך, אַז ער האָט ניט קיין גלייכן צו זיך צווישן די אַמעריקאַנער פּיעסן־שרייבער. ער איז אָנערקענט געוואָרן פאַר איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע און גייסטרייכסטע פּערזענלעכקייטן אַרום דער אַמעריקאַנער בינע.

עלמאַר ראַיס, וועלכער איז אַ געענדיקטער לאַיער, האָט אין 1914, ווען ער איז אַלט געווען 21 יאָר, אָנגעשריבן זיין ערשטע פּיעסע „אָן טראַיעל". וואו ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַדייטנדיקן דראַמאַטורגישן טאַלאַנט. ער האָט אויפגעגעבן זיין יוריסטישע טעטיקייט און אינגאַנצן זיך געווידמעט דעם טעאַטער. ער האָט גענומען שרייבן פּיעסן און זיינע „עדינג מאַשין" און „סטריט סצין" זיינען געווען די דערפאָלגרייכסטע אויף דער אַמעריקאַ־נער בינע. אין 1929, האָט ער באַקומען דעם „פּוליצער פּרייז". אין 1931 — האָט ער צוזאַמען מיט פּאָול מוני, אויפגעפירט „קאָונסעלאָר עט לאָאָ", וואָס האָט אויך געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

קליפאָרד אָדעטס האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין 1935 ביי אַ קאָנ־קורס פון איין־אַקטערס. מען האָט געזען, אַז מען האָט אַ נייעם יונגן דראַ־מאַטורג, וואָס מאַכט פון זיינע העלדן — לעבעדיקע מענטשן און די טעאַטער־קריטיק אין אַלע ניו־יאָרקער צייטונגען זיינען אַרויס מיט לויב־געזאַנגען. קליפאָרד אָדעטס, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין פילאַדעלפיע, אין 1908, האָט גענומען זיינע פּיעסן פון אימיגראַנטן־לעבן. זיי זיינען געשריבן רעאַ־ליסטיש, אויפריכטיק און מיט אמתן טאַלאַנט. די דערפאָלגרייכע פּיעסן פון

די 4 יידישע דראַמאַטורגן זיינען אַ באַדייטנדיקער ביישטייער צו דער אַנט־וויקלונג פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער בינע.

די פילם־אינדוסטריע, וואָס יידן האָבן הויפּטזעכלעך אויפגעבויט, האָט אַן אינוועסטירט קאַפּיטאַל פון אַרום דריי ביליאָן דאָלאַר, באַשעפטיקט רעגל־מעסיק העכער צוויי הונדערט טויזנט מענטשן, צאָלט אויס יערלעך פינף הונדערט מיליאָן דאָלאַר אין שכירות, אַרום צוואַנציק טויזנט טעאַטערס מיט צוועלף און אַ האַלבן מיליאָן „סיטס" און עס קומט אַריין העכער צוויי ביליאָן דאָלאַר יערלעך.

אין דער שפּיץ פון דער פילם־אינדוסטריע שטייט דער יידישער אימי־גראַנט אַדאָלף זוקאָר, וועלכער איז אין יאַנואַר, 1953, געוואָרן אַכציק יאָר און פופציק יאָר איז ער פאַרבונדן מיט האָליוואוד. ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע קאַמפן קעגן די גרויסע לייבן פון דער פילם־אינדוסטריע אין אַמעריקע און איז געבליבן דער „עלדער סטעיטמאַן" פון דער פילם־אינדוס־טריע. ער איז דער פּרעזידענט פון „פּאַראַמאַונט פּיקטשורס קאָרפּאָריישאָן". דער גרייז־גרויער זוקאָר פירט אויך ווייטער זיין „אימפּעריע" און ער איז שטאָלץ מיט אַמעריקע, וואָס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו בויען, אַנט־וויקלען זיינע פעאיקייטן און צו ווערן דאָס וואָס ער איז געוואָרן.

נאָך אַנדערע יידישע פּיאָנערן האָבן געהאָלפן בויען און אַנטוויקלען די פילם־אינדוסטריע: מאַרקוס לאָו, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1927 אין עלטער פון 52 יאָר; דזשעסי לאַסקי, לואיס סעלזניק, לואיס ב. מעיער, קאַרל לעמלע, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דער „יוניווערסל מואווי קאָמ־פּאַני"; וויליאַם פאָקס, גוסטאַוו און סאול ראַדזשערס — אין ניו־יאָרק; מיטשעל מאַרק — אין באַפאַלאָ; זיגמונד לובין — אין פילאַדעלפיע; הערי קאהן — אין פּיטסבורג; דעיוויד קראומאַן — אין לאָס־אַנדזשעלעס, און די פיר ברידער וואַרנער — אין ניו־קעסל, פּענסילווייניא — הערי, אַלבערט, סעם און דזשעק. אָט די לעצטע, די ברידער ווערנער, האָבן איינע פון די גרעסטע פילם־אונטערנעמונגען. שוין אין 1930 זיינען זיי „ווערט געווען" 230 מיליאָן דאָלאַר. זיי זיינען באַזונדערס פּיאָנערן אויפן געביט פון מאַכן פילמען פאַר דערציאונג, סאָציאַלע און פאַרטיידיקונג־צוועקן.

סעמועל גאָלדפיש איז אַריין אין דער פילם־אינדוסטריע אין יאָר 1913. ער איז געווען אַ פּיאָנער אויפן געביט פון פאַרוואַנדלען ווערק פון באַרימטע שרייבער אין פילמען. אין 1916 האָט ער געמאַכט שותפות מיט די ברידער סעלווין און זיי האָבן געגרינדעט די גאָלדווין פּיקטשור קאָרפּאָרעישאָן, וואָס איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון צוויי נעמען: גאָלד — פון גאָלדפיש און ווין

— פון סעלווין. זייער פילם סטאַנדאַרד איז די העכסטע אין דער וועלט. לואיס מייער, וועלכער איז געווען דער באַזיצער פון אַ גרויסער צאָל פילם־טעאַטערס אין די ניו־ענגלאַנד־סטעיטס, איז אין 1918 געקומען קיין האָליוואוד און פּראָדוצירט אייגענע פילמס. ער פאַראייניקט זיך דערנאָך מיט דער גאָלדווין־קאָמפּאַניע און עס איז אַנטשטאַנען אַ נייע קאָרפּאָרעישאָן אונטער דעם נאָמען פון מעטראָ־גאָלדווין־מייער, וואָס איז די גרעסטע פילם־אָרגאַ־זאַציע אין דער וועלט. אין 1929 האָט פּרעזידענט הוּאווער געוואָלט שיקן סעמיועל גאָלדווין פאַר אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי, אָבער גאָלדווין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד. אין אָנהויב 1953 איז ער געווען צוגאַסט ביי פּרעזידענט אייזענהאַוער אין ווייסן הויז, וואו ער האָט געגעסן דינער מיטן פּרעזידענט. דאָס איז אַמעריקע! פון אַן אָרעם אימיגראַנטן־ייִנגל, וואָס איז געווען אַ הענטשקעמאַכער אין זיין געבורט־שטאָט וואַרשע, אין פּוילן, — איז ער איינער פון די פּיאָנערן און בויער פון דער אַמעריקאַנער פילם־אינדוס־טריע. די ראַדיאָ־סטאַציע „עם דזשי עם" געהערט אויך צו דער זעלביקער קאָרפּאָריישאָן.

מען דאַרף אויך דערמאָנען די פּיאָנערן פאַמיליע סעלזניק, וועלכע איז געווען אין דער פילם־פּראָדוקציע. אין יאָר 1939 איז פּראָדוצירט געוואָרן „גאָן וויט דהי ווינד", וואָס האָט אָפּגעקאָסט פיר מיט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר און עס האָט אַריינגעבראַכט אַ הכנסה פון 32 מיליאָן דאָלאַר!

דזשאָרדזש דזשעסעל איז אַ מענטש מיט אַ פאַרבנרייכער קאַריערע. מען רופט אים „קעניג דזשאָרדזש פון דער טעאַטער־וועלט" און „גענעראַל טאוסטמייסטער פון אַמעריקע". ער איז דערפאָלגרייך ווי אַ שוישפּילער, רעזשיסאָר, קאָמיקער, שרייבער, פּראָדיוסער, רעדנער און טאוסטמייסטער. דערצו האָט ער נאָך צייט צו פאָרן איבערן לאַנד, געווען אין ישראל, פירן אַ טעטיקייט פאַר הומאַניטאַרע צוועקן. דזשעסעל האָט באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיין אַרבעט לטובת דער מענטשהייט. אַזעלכע גאָל־דענע מעדאַלן האָבן באַקומען מרס. עלינאָר רוזוועלט און אַל־בערט איינשטיין. דזשעסעלס נאָענטע קאָלעגן זיינען אַזעלכע קאָמיקער ווי הערי הוירשפילד, סעם לעווינסאָן און גוירטרוד בוירג, די שאַפערין פון דער באַרימטער פאַמיליע גאָלדבערג, וועלכע האָבן באַדייטנדיק אַנטוויקלט דעם געשמאַק פון די צוהערער צו בעסערע און קולטורעלערע פּראָגראַמען. אויף דער ראַדיאָ און טעלעוויזשאָן.

לעאָנאַרד גאָלדענסאָן, פּרעזידענט פון יונאַיטעד פאַראַמאַונט טעאַטערס האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פאַר זיינע באַזונדערע פאַרדינסטן, וואָס ער

האָט אין זײַנע טעאַטערס דורכגעפירט אַפּטע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט וועגן דער טעטיקייט צו ראַטעווען פיזיש היטערשטעליקע מענטשן.

גאָלדענסאָן איז געווען אַ לאָיער אין פּענסילווייניע. אין 1933, ווען די פּאַראַמאָונט פּיקטשור קאָמפּאַני איז צוזאַמענגעבראָכן, האָט דער רעסיווער אים איבערגעגעבן, אַז ער זאָל אויפסניי רעאָרגאַניזירן די פּאַראַמאָונט־טעאַטערס און ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפּאָלג. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אַלץ העכער און העכער, ביז ער איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון די „יונאַיטעד פּאַראַמאָנט טעאַטערס", וואָס האָט 651 טעאַטערס און קאָנטראָלירט אויך די „אַמעריקען בראָדקעסטינג פּאַראַמאָנט טעאַטערס", וועלכע האָט די אויפגאַבע צו פּאַרבינדן די טעלעוויזשאָן מיטן פילם. מיט דריי יאָר צוריק האָט גאָלדענ־סאָן געגרינדעט אַן אינסטיטוציע צו העלפן די קרבנות פון דער שרעקלעכער פּאַרקריפּלונג־קראַנקייט, די סעריברעל פּאַלזי. פאַר דעם צוועק האָט ער שוין געזאַמלט פיר מיליאָן דאָלאַר.

די ייִדיש־אַמעריקאַנער פילם־אַקטריסע דאָראָטי סאַרנאָף איז די פרוי פון ד"ר שעפּאַרד אַראָנסאָן און די טאָכטער פון ד"ר דזשעיקאָב סאַרנאָף. אויך איר ברודער, שוועסטער און שוואָגער זײַנען מעדיקער און זי אַליין האָט אויך אוניווערסיטעט־בילדונג. זי האָט שטודירט אין קאָרנעל די דראַמאַ־טישע קונסט. ד"ר דזשעראָם גראָס, אַ מעדיקער און פידלשפּילער, שטייט אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט „פרייַנט פון מוזיק" אין קליוולאַנד, וועלכע גיט ערנסטע סימפאָנישע קאָנצערטן און אַרבעט צוזאַמען מיט דער וועסטערן־אוניווערסיטעט אין קליוולאַנד.

די פילם־קאָלאָניע אין האַליוואוד האָט זיך אויך געשטעלט אין דינסט פון דער מלחמה קעגן קענסער. אַ פילם איז געמאַכט געוואָרן, וואָס ווייזט דעם פּיינט, זײַן טויטלעכע ווירקונג און די מיטלען וואָס מוזן אָנגענומען ווערן, כדי אָט דעם מלאך־המות צו באַקעמפן. אין דער ספּעציעלן פילם ווערט אויך אונטערגעשטראָכן דער פאַקט, אַז אַמעריקע האָט פאַרלוירן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה און אין קאָרעאַ 316 טויזנט לעבנס, אין דער זעלביקער צייט האָט דער קענסער צוגענומען אַ מיליאָן מיט 227 טויזנט לעבנס. קענסער איז אַ קראַנקייט, וואָס וואַרט ניט, אַז מען זאָל קומען אויף אַ שלאַכט־פעלד — ער קומט אַהיים, גנבעט זיך שטיל אַרײַן אין קערפּער און טוט זײַן טויטלעכע אַרבעט גאַנץ אומגעשטערט.

מוזיק, ראַדיאָ און טעלעוויזשאָן

עס איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז אויפן געביט פון מוזיק אין אַמעריקע פאַרנעמען יידן דעם ערשטן פּלאַץ. אַזעלכע מוזיקאַלישע זשעניעס ווי לעאָפּאָלד אוער, מישאַ עלמאַן, יאַשע חפץ, פריץ קרייזלער, יהודי מנוחין, אפרים צימבאַליסט און פילע אַנדערע זיינען וויכטיקע שטערנס אין דער מוזיקאַלישער וועלט. אויך אין דעם טעמפּל פון קונסט, די מעטראָפּאָליטען אָפּערע הויז און אין די אַנדערע אָפּערעס האָבן יידן גרויסע פאַרדינסטן, סיי אין דער אָנפירונג און סיי אין די אָפּטיילונגען פון דיריגענץ, מוזיק און געזאַנג.

יהודי מנוחין, איז איינער פון די גרעסטע וויאָלין ווירטואָזן פון דער איצטיקער צייט. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1916. צו 7 יאָר איז שוין אויפגעטרעטן אַלס אַ סאָליסט אין פילהאַרמאָנישע קאָנצערטן. צו 10 יאָר האָט ער געשפּילט בעטהאָווענס קאָמפּאָזיציעס, אַלס סאָליסט אינעם ניו־יאָרקער סימפאָנישן אָרקעסטער און אין עלטער פון 19 יאָר, האָט ער דורכגעפירט אַ וועלט־טורנע און איבעראַל האָבן זיינע קאָנצערטן געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלק.

אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דער גלענצנדער פידל־שפּילער געגעבן איבער 500 קאָנצערטן אין אַ גרויסע צאָל מיליטערישע קעמפּס און פאַר פאַרוואונדעטע וועטעראַנען אין מיליטער־שפּיטאָלן. די העכערע מיליטערמאַכט האָט אים אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר זיין מיטהעלפן צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער מאָראַל אויף און אַרום די פראָנטן.

יידן זיינען אויך געווען פּיאָנערן אין ברענגען די אָפּערע קיין אַמעריקע און זי דאָ פלעגן און אַנטוויקלען. שוין אין 1825 האָט דער איטאַליענישער ייד לאָרענצע דע פּאָנטע צום ערשטן מאָל אויפגעפירט מאָצאַרטס דאָן דזשיאָוואני און אין 1833 האָט ער שוין אויפגעפירט אַ רייע איטאַליענישע אָפּערעס. די יידן מאַקס סטראַקאָש און מאַקס מערעטשיק זיינען געווען די אונטערנעמער פון ניו־יאָרקער „אַסטאָר פּלעיס אָפּערע" און פון ברוקלינער „מוזיק אַקאַדעמיע". מאָריס גרוי און לעאָפּאָלד קאָנפריד זיינען געווען די ערשטע, וועלכע האָבן פאַרוואַלטעט מיט דער מעטראָפּאָליטען אָפּערע.

צווישן די, וועלכע האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די פינאַנציעלע סובסידיעס פאַר דער מאַטראָפּאָליטען, האָבן זיך געפונען אָטאָ קאַהן, פעליקס און מאַקס וואָרבורג, מרס. בעלמאָנט און דער געוועזענער גאָווערנאָר הערבערט לעהמאַן. צווישן די דיריגענטן — דער פאָטער לעאָפּאָלד דאמראַש מיט זיינע צוויי זין פראַנק און וואָלטער, גוסטאַוו מאהלער, פרידריך יאַקאָבי,

קורט שינדלער, אַרטור באַדאַנסקי, אַלבערט וואולף, סעלמאַר מייראָוויטש, אלפרעד הערץ, נייהאַן פראנקאָ, לואיס האסעלמאַן, פאול איזלער, ברונאָ וואַלטער און פריץ ריינער.

אין דעם וועלט־קונסט־טעמפּל האָבן צווישן אַנדערע געזונגען: סאָפיע ברעסלער, אלמא גליק, מאַריא ראפעלד, ראָוז פּאָלי, ראָוז ראיסאי, רעגינא רעזניק, טעלמאַ אַלטמאַן, פאולא לענטשנער און ראָבערטא פּיטערס. אויך פאול קאַליש, הערמאַן יאדלאָווקער, מאָריס רענאוד, עמנואל ליסט, פרידריך שאָר, אַלעקסאַנדער קיפּניס, מאַקס אַלטגלאַס, אַרנאָלד קאהן, סידאָר בעלאַר־סקי, זשאַן פּיערס, ריטשאַרד טאַקער, לאָרענס דעיווידסאָן, לעאָנאַרד וואַרען, ראָבערט מעריל, דזשאָרדזש לאָנדאָן און אַנדערע.

וואַלטער דאַמראָש איז אין 1871 געקומען פון דייטשלאַנד און ער האָט געגרינדעט די דייטשע אָפּערע־קאָמפּאַניע. ער האָט אויך דיריגירט די מאַנהעטען אָפּערע, וואָס איז אַנגעפירט געוואָרן פון אָסקאַר האַמערשטיין. די סענטשורי אָפּערע איז דיריגירט געוואָרן פון דזשאָזעף פּאַסטערנאַק. די שיקאַגאָ־אָפּערע — מאַקס סטראַקאָטש און אַלעקסאַנדער סמאַלענס; באָס־טאָנער אָפּערע — הענרי רוסעל. פּעני בלומפעלד האָט געגרינדעט דעם מוזיק־רעליף־פאָנד צו העלפן עלטערע מוזיקער. אַראָן קאָפּלאַנד האָט געהאָלפן גרינדן דעם פאַרבאַנד פון אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָרן. יאַשאַ חפץ האָט געגרינדעט די גילד פון מוזיקאַלישע קינסטלער.

ערנסט בלאָך האָט באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פאַר קונסט פאַר זיין סימפאָניע „אַמעריקאַ״. ער איז דער ערשטער קאָמפּאָזיטאָר, גראָד אַ יידישער אימיגראַנט, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו שאַפן אַ קאָמפּאָזיציע, וואו עס ווערט וואונדערלעך אויסגעדריקט די אַמעריקאַנער פרייהייט. די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע ווערט געשפּילט פון אַלע סימפאָניע־אָרקעסטערס איבערן גאַנצן לאַנד. אירווינג בירלין האָט באַקומען אַ מעדאַל פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון די אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָרס און דיריגענטן פאַר זיינע אויסגעצייכנטע שאַפונגען אין דער פאָלקס־מוזיק. אויך פּרעזידענט טרומאַן האָט אים געגעבן אַ מעדאַל פאַר זיין ליד „דהיס איז דהי אַרמי״. ער האָט אויך באַקומען דעם רוזוועלט־מעדאַל פאַר שאַפן אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די פעלקער. דער האָנאָראַר פון זיין באַרימט ליד „גאָד בלעס אַמע־ריקאַ״ האָט ער אָװעקגעשאָנקען פאַר די מיידלעך־סקאַוטס. דער ראַדיאָ־קאָמיקער רעד באַטאָן האָט באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער אַקאַדעמיע פאַר קונסט און וויסן פאַר זיינע פאַרדינסטן אויף די געביטן פון ראַדיאָ און טעלעוויזשאַן. ער האָט אַ פאַרבינדונג מיט 95 סטודיאָס.

צווישן די פּראָמינענטע קאָמפּאָזיטאָרן געפינט זיך דער פּיאַניסט לעאָ־נאַרד בערנשטיין, וועלכער איז אויך אַ דיריגענט און מוזיק־פּראָפעסאָר אין בראַנדעיס־אוניווערסיטעט. ער האָט אויך אָוועקגעשאָנקען אַ גרויסע צאָל מוזיקאַלישע ווערק צו דער מוזיק־אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון סערגעי קוסע־וויצקי אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים. אירווינג בוירלין, דזשאָרדזש גוירשווין מיט זייערע לייכטע מוזיק, זיגמונט ראמבערג און אַנדערע, וועלכע פאַרטרעטן אַלע פאַרשיידענע ריכטונגען אין דער אַמע־ריקאַנער מוזיק. לואי קראַסנער איז פּראָפעסאָר פאַר קוואַרטעט און קאַמער־מוזיק אין סיראַקיוז־אוניווערסיטעט. ער איז אַ וויאָלין־סאָליסט און קאָנצערט־מייסטער אין די גרעסטע פילהאַרמאָניע־אָרקעסטערס. עדואַרד באַכמאַן, אַ זון פון בודאַפּעסטער חזן באַכמאַן, שפּילט ערשטע פידל אין דער וויאָלין־אָפּטיילונג אין טאָסקאַניניס אָרקעסטער.

דזשאָרדזש גוירשווין, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1936 אין עלטער פון 33 יאָר, האָט איבערגעלאָזט אַ רייע באַרימטע מוזיקאַלישע ווערק, קאָמפּאָ־זיציעס און לידער. נאָך זיין טויט איז גוירשווין געוואָרן אַ לעגענדע, וואָס וואַקסט מיט יעדן טאָג, זיינע צוויי פּאָפּולערסטע קאָמפּאָזיציעס — „דהי ראַפּ־סאָדי אין בליו" און „קאָנטשערטאָ אין עף" און די פילע אַנדערע פון זיינע קאָמפּאָזיציעס, זיינען שוין אַריין אין נאַציאָנאַלן אוצר פון אַמעריקאַנער פאָלקס־מוזיק, אַ קאָנצערט פון גוירשווינס מייסטערווערק, ווערט ביי דער מוזיק־קריטיק אָנערקענט, האָט פאַר ניו־יאָרק אַזאַ באַדייטונג ווי אַ קאָנצערט פון מאָצאַרטס אָדער שובערטס מוזיק פאַר ווין.

מאַקס לעווין איז דער טשערמאַן פון באָארד פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון קאָנצערט־קינסטלער אין אַמעריקע. דזשאָזעף ראָזענשטאָק, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין מוזיקאַלישע קאַריערע אין ווין און אין 1936 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, איז פאַרבונדן מיט דער ניו־יאָרקער סיטי־אָפּערע קאָמפּאַני, פריער אַלס דיריגענט און דערנאָך אויך איבערגענומען די הויפּט־לייטונג. עדווין פראַנקאָ גאָלדמאַן פירט אָן זינט 37 יאָר די גאָלדמאַן־קאָנ־צערטן אין ניו־יאָרקער סענטראַל פּאַרק. די „האָליוואוד באָל", דער שטאָלץ פון האָליוואוד, פירט שוין אָן 32 יאָר זומער־קאָנצערטן אונטער דעם פּרייעם הימל, וועלכע זיינען דיריגירט געוואָרן פון אַלפרעד הערץ, אַרטור באדאנסקי און ברונא וואַלטער.

צווישן די פּיאַניסטן פאַרנעמט דעם אויבן־אָן וולאַדימיר האָראָוויץ, וועל־כער איז דער גרעסטער פּיאַנאָ־קינסטלער אין אַמעריקע. ער האָט אין 1953 געפייערט דעם 25־יאָריקן יובילײ זינט זיין ערשטן אויפטריט אין אַמעריקע

און דער קאַרנעגי־האָל איז געווען איבערגעפּאַקט מיט אַ יום־טובדיקן עולם, וועלכער איז געקומען אָפּגעבן כבוד דעם גרעסטן און באַליבטסטן פּיאַנאָ־ווירטואָז אין אַמעריקע. מוזיק־קריטיקער גיבן צו, אַז אויפן געביט פון פּיאַנאָ־טעכניק איז האָראָוויץ פּונקט אַזאַ גאון, ווי עס זיינען געווען פראַנץ ליסט און אַנטאָן רובינשטיין.

וולאַדימיר האָראָוויץ איז אין 1904 געבוירן געוואָרן אין קיעוו. די מוטער זיינע איז געווען אַ פיינע פּיאַניסטין און פון איר האָט ער געירשנט זיין מוזיקאַלישן טאַלאַנט. אין 1921, ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט ער געענדיקט די קיעווער קאָנסערוואַטאָריע מיט די העכסטע אויסצייכענונגען. אין 1932 האָט האָראָוויץ געשפּילט אַ רייע בעטהאָווען־קאָנצערטן, אונטער דער פירערשאַפט פון אַרטוראָ טאָסקאַניני, מיט וועמען ער האָט זיך נאָענט באַפריינט און איז געוואָרן זיין איידעם.

אָסיפּ גאַברילאָוויטש איז דער דיריגענט פון סימפאָני־אָרקעסטער אין דעטראָיט. אַלעקסאַנדער סמאַלענס איז דער מוזיקאַלישער דירעקטאָר פון דער סיוויק־אָפּעראַ אין פילאַדעלפיאַ. ניקאָלאַי סאָקאָלאָף איז דער גרינדער פון סימפאָניע־אָרקעסטער אין קליוולאַנד, רובין גאָלדמאַן — דער דירעקטאָר פון דער זשאַליאַרד מוזיק פאַונדעישאָן. זיינע קאָמפּאָזיציעס ווערן געשפּילט פון די סימפאָני־אָרקעסטערס אין ניו־יאָרק, באָסטאָן און פילאַדעלפיע.

ראַדיאָ און טעלעוויזשאָן

צווי פון די מיינסטנס וויכטיקע ראַדיאָ־קאָנצערנס געפינען זיך אין יידישע הענט און יידישע ענערגיע באַמיט זיך אַלץ מער און מער צו אַנטוויקלען די ראַדיאָ־וויסנשאַפט און טעכניק. עס איז ביי אַנדערע געלעגנהייטן אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דעיוויד סאַרנאָף האָט אין 1906 געאַרבעט ווי אַ „מעסענדזשער־באָי" ביי דער מאַרקאָני־קאָרפּאָרעישאָן. אין 1930 איז ער געווען דער פּרעזידענט פון מאַרקאָני און דערנאָך האָט ער אַלץ מער זיך באַשעפטיקט מיט דער אויסבוי און אַנטוויקלונג פון דער ראַדיאָ אין אַמעריקע. ער איז דער טשערמאַן פון „באָארד אָוו דירעקטאָרס" פון דעם גרעסטן ראַדיאָ־קאָנצערן, וואָס נעמט אַריין די ראַדיאָ־קאָרפּאָרעישאָן פון אַמעריקע, נאַציאָנאַלע בראָדקעסטינג קאָמפּאַני און די בלוי־נעטוואָרק. צוזאַמען 95 טעלעוויזשאָן און 362 ראַדיאָ־סטאַציעס.

סאַרנאָף האָט באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען פון אַ גרויסער צאָל אוניווערסיטעטן פאַר זיין דערמוטיקן, אַז די וויסנשאַפטלייט זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט פאָרשן און אויסצוגעפינען נייע מיטלען אויף צו

באַרייכערן די ראַדיאָ און טעלעווזשאָן. ביי אַלע געלעגנהייטן האָט ער באַטאָנט, אַז עס איז ניטאָ קיין אוממעגלעכקייט, ווען מען וויל אַדורכפירן אַ זאַך, — מעג עס זיין ווי שווער — קען מען עס דורכפירן. הונדערטער מיליאָנען ווערן יערלעך אויסגעגעבן פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. אין וואַשינגטאָן פאַרשטייט מען עס ווי געהעריק אָפּצושאַצן. דעיוויד סאַרנאָף, דאָס אימיגראַנטן־ייִנגל פון דער איסט־סאַיד, וועלכער האָט פאַרקויפט יידישע צייטונגען, איז איינער פון די געציילטע נאַציאָנאַלע פיגורן אין דער אַמעריקאַנער רעפּובליק. אויך דאָ האָבן זיך צונויפגעטראָפן יידישע גאונות און ענערגיע מיט די פרייע מעגלעכקייטן, וואָס אַמעריקע גיט צו אירע בירגער.

וויליאַם פּאַלעי איז דער פּרעזידענט פון קאָלומביאַ בראָדקעסטינג סיסטעם. אין 1928 איז פּאַלעי געוואָרן פאַראינטערעסירט אין דער קאָלאָמביאַ, וואו זיין פאָטער האָט געמאַכט רעקלאַמע דער פּראָדוקציע פון זיין ציגאַרן־פאַבריק אין פילאַדעלפיע. ער האָט די דעמאָלט קליינע סטאַציע אָפּגעקויפט און אַנטוויקלט אין אַ גרויסער צענטראַלער ראַדיאָ־סטאַציע. די קאָלומביאַ איז אַ פּיאָנער פון בראָדקעסטן וועגן ענינים פון רעליגיע און דערציאונג. פּאַלעי האָט געבראַכט צו דער ראַדיאָ די פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער און געמאַכט אַ רייע גאָר וויכטיקע אויסבעסערונגען. אַזוי אַז די ראַדיאָ איז געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער קולטורעלער פאַקטאָר ביים אַמעריקאַנער פאָלק. ער האָט באַקומען מערערע אויסצייכענונגען פאַר שאַפן בעסערע באַציאונגען צווישן פעלקער.

וויליאַם פּאַלעי האָט די אַמביציע אויסצובויען זיין ראַדיאָ־קאָנצערן צו אַ וויכטיקן צענטער פון מוזיק, בילדונג, דערציאונג און קונסט. אַזוי ווי סאַרנאָף, זוכט ער אַלץ מער אויסצובעסערן און דורכפירן נייע אידעען אין לעבן. מיס פרידא הענאַק, אַ טיכטיקע יוריסטין, איז אין 1948 באַשטימט געוואָרן פון פּרעזידענט טרומאַן פאַר אַ מיטגליד פון דער פעדעראַלער קאָמוניקאַציע־קאָמיסיע, וואָס האָט די קאָנטראָל איבער ראַדיאָ און טעלעוויזשאָן. מיס הענאַק איז פאַראינטערעסירט אין אויסנוצן דעם טעלעוויזשאָן לטובת דער גייסטיק־קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער פאָלק. איר מיינונג איז, אַז ווען דאָס וועט דערגרייכט ווערן, וועט טעלעוויזשאָן ווי אַ דערפינדונג האָבן אַ גרעסערע באַדייטונג פאַרן מענטשלעכן לעבן, ווי די דערפינדונג פון דער דרוק־מאַשין. נ. קאַרווין, אַ שרייבער פאַר דער ראַדיאָ, האָט באַקומען דעם ערשטן ווענדל ווילקי מעדאַל פון „פרידאָם־האַוז", פאַר אָנפירן אַ ראַדיאָ־קאַמפּיין פאַר די אידעאַלן פון „איין וועלט".

דזשעק איזידאָר שטראוס איז דער פּרעזידענט פון דער ראַדיאָ־סטאַציע

דאַבליו. אַ. אַר.; הענרי גרינפילד איז דער דירעקטאָר פון דער ראַדיאָ־סטאַציע דאַבליו אי. ווי. די. (יודזשין וויקטאָר דעבס), וועלכע פירט אויך אָן אַן אויפ־קלערונג־ און בילדונג־טעטיקייט צווישן די אַרבעטער און דער דעמאָקראַ־טישער אינטעליגענץ, און נעיטאָן שטראוס דזשוניאָר איז פּרעזידענט פון דער ראַדיאָ־סטאַציע סי. בי. עס. עס.

אין דער וועלט פון אונטערהאַלטונג פאַרנעמען יידן אַן אָנגעזעענעם אָרט, מען געפינט צווישן זיי גוטע זינגער, רעזשיסאָרן, שרייבער פון קאָמעדיע און מער פון אַלץ גוטע קאָמיקער. פון פריערדיקן דור זיינען לאַנגע יאָרן געווען באַליבט אַל דזשאָלסאָן, עדווין און ווילי האוארד. אין דעם היינטיקן דור פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אַזעלכע ווי עדי קענטאָר, דזשעק בעני, דזשאָרדזש דזשעסעל און צענדליקער, אויב ניט הונדערטער, אַנדערע, וועלכע פאַרשאַפן פרייד פאַר צענדליקער מיליאָנען מענטשן.

דער עלטסטער און דערפאָלגרייכסטער פון אַלע היינטיקע קאָמיקער איז, פאַרשטייט זיך, דער באַליבטער עדי קענטאָר. עס איז שטענדיק אינטערעסאַנט צו געדענקען, אַז פון אַן אָרעם ייִנגל, אַ יתום, וואָס איז דערצויגן געוואָרן ביי אַ באָבען, אין אָרעמקייט און נויט — איז אַרויסגעקומען אַ ליכטיקער שטערן אין דער טעאַטער־וועלט. עדי קענטאָר האָט דאָס שטענדיק אין זכרון. ער באַטאָנט עס ביי אַלע מעגלעכע געלעגנהייטן, אַז אַמעריקע איז געווען גוט צו אים און דעריבער וויל ער אויך זיין גוט צו אַנדערע. ער אונטערהאַלט דעם אַמעריקאַנער עולם שוין באַלד 45 יאָר מיט געזאַנג און הומאָר און ער שטודירט שטענדיק דעם געשמאַק פון די צוהערער. דער טעמפּל־אוניווער־סיטעט אין פילאַדעלפיע האָט באַשאָנקען דעם איין און איינציקן עדי קענטאָר מיטן אַן ערן־דאָקטאָר טיטול.

ווי שוין באַמערקט, איז עדי קענטאָר, מיט זיין גרויס וואָרעם האַרץ און מיט זיינע שוואַרצע אויגן, געבוירן געוואָרן אויף דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק. איידער ער איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר זיינען זיינע עלטערן אים אָפּגעשטאָרבן. ער האָט פון זיין קינדהייט אָן געהאַט אַ פריילעכע נאַטור, שטענדיק אַמוזירט די מיטמענטשן. איינמאָל איז געווען אַ טעאַטער־אָוונט פאַר אַמאַטאָרן, עדי זינגט און טאַנצט. ער באַקומט אַ פּרייז פון 5 דאָלאַר. דאָס האָט פאַרחתמעט זיין קאַריערע.

עדי קענטאָר ווערט באַטראַכט פאַר דעם מענטשן, וואָס האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין ראַדיאָ־אונטערהאַלטונג. ער האָט דעם גרעסטן דערפאָלג אויף זיינע טעלעוויזשאָן־פּראָגראַמען. פיל פון זיין צייט און געזונט גיט ער אַוועק פאַר צדקה־אונטערנעמונגען. פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט

פּלעגט זאָגן, אַז עדי קענטאָר איז דער מאַן, וואָס האַלט אויף דעם „מאַרטש אָוו דאימס״, וואָס איז דער פינאַנץ־קוואַל צו ראַטעווען די פּאָליאָ־קרבנות.

סיד סיזאַר ווערט אָנגערופן דער „קאָמיקער אָן וויצן״. ער שפּילט אָפּ מיט מימיק לאַנגע סצענעס, פון וועלכע דער עולם האַלט אין איין לאַכן. זיין פאָטער האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן, וואו די געסט פלעגן ריידן מיט פאַרשיידענע אַקצענטן. סיד האָט זיך אויסגעלערנט זיי נאָכמאַכן אויף אַ קאָמישן שטייגער. ווען ער איז אַריין אין קאָוסט גאַרד, האָט ער גענומען אָן אָנטייל אין די אויפגע־פירטע קאָמעדיעס, ביי וועלכע ער האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג. דאָס האָט אים געבראַכט צו דער טעלעוויזשאָן, וואו ער איז איינער פון די דער־פאָלגרייכסטע קאָמיקער.

רעד באָטאָן, — דאָס רויטע קנעפּל — איז זיין טעאַטער־נאָמען. זיין אמתער נאָמען איז אהרן שוואַט, אַ פּראָדוקט פון דער איסט־סאַיד. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן ווי אַ יינגל פון 16 יאָר מיט אַ געפילפולער און וואַרעמער פערזענלעכקייט. זיין ריכטיקע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אין דער אַרמיי, וואו ער האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג. אין 1945, ביי דער פּאָטסדאַמער קאָנפערענץ, האָט ער אונטערהאַלטן פּרעזידענט טרומאַן, טשוירטשיל און סטאַלינען. בעת זיינס אַן אָוונט אין נאַציאָנאַלן פּרעסע־קלוב אין וואַשינגטאָן, זיינען אים געקומען זען און הערן אַ רייע וויכטיקע סענאַטאָרן און מלוכה־לייט.

דעני קעי, דער ריכטיקער נאָמען זיינער איז דניאל קאַמינסקי, פון ברוקלין, ניו־יאָרק, האָט געבראָכן יעדן רעקאָרד אין די טעאַטער־ביזנעס אין אַמעריקע. ער האָט געשפּילט אין לאָנדאָן פאַר דער קעניגלעכער משפּחה און ער האָט געהאַט אַ פאָרשטעלונג אויף בראָדוועי, וואָס איז געגאַנגען 5 חדשים. זיינס אַ פילם ״האַנס קריסטיען ענדערסאָן״ איז געגאַנגען זעקס חדשים.

עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע קינסטלער, ווי דזשעק בעני, גראוטשא מאַרקס, מילטאָן בוירל, אוירווינג בוירלין, אָסקאַר האַמערשטיין, דיק ראָ־דזשערס, סאָפי טאָקער, דזשעקי מיילס, דזשערי לואיס, די ברידער ריטז, העני יאָנגמאַן, הערי זיטשמאַן, מייראָן קאהן, טעד לואיס און די צענדליקער פּיעסן־שרייבער, שוין ניט ריידנדיק וועגן דזשאָרדזש דזשעסעל און די אַנדע־רע רעזשיסאָרן און מוזיק־דיריגענטן, ווי מעקס ליבמאַן, הענרי סאָלאָמאָן, אַל. גודמאַן, עלען ניומאַן און אַנדערע, וועלכע האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו אַנטוויקלען די ראַדיאָ־ און טעלעוויזשאָן־פּראָגראַמען, אַז זיי זאָלן האָבן דעם געהעריקן ריזיקן דערפאָלג.

אין דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג

יידן זיינען אין אַלגעמיין געווען די פּיאָנערן אין די סאָציאַלע צווייגן פון עפנטלעכן לעבן. סיי אין דער טעאָרעטישער באַגרינדונג און סיי אין דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג. אונדזערע ביבלישע סאָציאַלע געזעצן פאַרפליכטן אונדז צו האַלטן עס פאַר אַן ערן־חוב צו העלפן איינער דעם אַנדערן, און ניט בלויז אָפּקומען מיט וועלכע עס איז „טשאַריטי״. סאָציאַלע הילף איז אַריין אין די ביינער פון אַמעריקאַנער יידנטום און דעריבער איז ניט קיין וואונדער, וואָס אַ גרויסער טייל פון די יידישע געלערנטע באַשעפטיקן זיך מיט די טעאָרעטישע און פּראַקטישע יסודות פון אויסבעסערן דאָס סאָציאַלע לעבן פון אַמעריקאַנער פאָלק. יידן זיינען געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון די וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונגען פאַר סאָציאָלאָגיע און סאָציאַלער עקאָנאָמיק פון אַ ריי קאַלעדזשעס און אוניווערסיטעטן.

בערנאַרד מאָזעס און דזשעסי פּישאָטאַ זיינען געווען די הויפּט־פירער אין קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט. ערנסט פּרוינט איז געווען דער סאָציאַלער אויטאָריטעט אין שיקאַגאָ אוניווערסיטעט. דזשעיקאָב האָלענדער איז איינער פון די הויפּט סאָציאַלע פאַרשער אין דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט אין באַלטימאָר, פּאָול פעליקס לאַזערפעלד האָט אין קאָלאָמביאַ אַנטוויקלט די פּסיכאָלאָגיע פון דער עפנטלעכער מיינונג. האָראַסי מאיר קאַלען — געווען פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע אין „ניו־סקול פאַר סאָשעל ריסוירטש״. דזשוליוס דרעקסלער האָט אין ניו־יאָרק סיטי קאַלעדזש אַנטוויקלט אַ פּראָגראַם פון סאָציאַלע פאַרזיכערונגען און אויסבעסערונגען אין אינדוסטריעלע באַציאונגען. מעקס ראַדין — איז געווען פון די הויפּט־לערער אין קאַליפאָרניער־אוניווערסיטעט וועגן די סאָציאַלע יסודות אין דער עפנטלעכער געזעצגעבונג. דזשעראָם פראַנק איז געווען דער גייסטיקער באַגרינדער פון רוזוועלטס „ניו־דיל״. איזידאָר טשעין, וועלכער איז געווען דירעקטאָר פון פּאָבליק רילייזשאָנס אין יידיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס, איז פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט, איינער פון די בעסטע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון פעלקער־פּסיכאָלאָגיע. לעסטער מייער איז דירעקטאָר פאַר ספּעציעלע דערציאונג־פּראָבלעמען אין פּענסילווייניע סטעיט־אינסטי־

טוט פאַר עפנטלעכער דערציאונג. אוירל לומיס איז פּראָפעסאָר פאַר קינדער־פּסיכאָלאָגיע אין פּיטסבורג־אוניווערסיטעט און ראַבאַי ד״ר בערנאַרד לאַנדער איז אין סאָציאָלאָגישן דעפּאַרטמענט אין האַנטער־קאָלעדזש פאַר פּרויען און קאָנסולטאַנט פאַר יוגנט־דערציאונג אין דער שטאָט ניו־יאָרק.

ליליען וואַלד, וועלכע האָט געגרינדעט די הענרי־סטריט־סעטעלמענט־הויז אין ניו־יאָרק און איז געווען אַ טיכטיקע סאָציאַלע טוערין, איז אויך געווען אַקטיוו אין האַנטער־קאָלעדזש. דאָרט זיינען אויך די יידישע פּרויען־פּראָפעסאָרן: ווערא לאָעב, אננא דזשעיקאָבסאָן און דאָרא אַסקוויטש און בעסי בלום־ווערסעל איז געווען פּראָפעסאָר פאַר עקאָנאָמיק אין קאָנעטיקוט אוניווערסיטעט. מירא קאָמאַראָווסקי איז די לייטערין פון דער סאָציאָלאָגי־שער אָפּטיילונג אין בערנאַרד קאָלעדזש.

יידישע פרויען זיינען באַרימט פאַר זייערע סאָציאַלע אַר־בעטן. ווען פּרעזידענט וויליאַם טעפּט האָט, אין 1909, צונויפגערופן אַ קאָנ־פערענץ וועגן העלפן קינדער אין דער נויט, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן דער גרויסער אונטערשייד ווי אַזוי יידישע פרויען האָבן זיך באַצויגן צו די „פאָסטער־קינדער״. ביי יידן זיינען די קינדער ניט ווי אין אַ „באָארדינג־הויז״, נאָר אין אַ נאַטירלעכער היים מיט אַ וואַרעמער איבערגעבנקייט און אַ פריינטלעכער סביבה, וואָס טוט שטאַרק באַאיינפלוסן דעם ווייטערדיקן לעבן פון די קינדער. אויך די יידישע קינדער און יתומים־הייזער זיינען אויסגע־בויט געוואָרן אויף די זעלביקע יסודות. די יידישע אינסטיטוציעס זיינען אַ מוסטער, ווי אַזוי מען דאַרף העלפן אַנטוויקלען קינדער, אַז זיי זאָלן קענען אויסוואַקסן ווי די צוקונפטיקע בירגער אין לאַנד. דאָס זעלביקע איז אויך בנוגע אַנדערע צווייגן פון סאָציאַלן לעבן. די יידישע שפּיטאָלן און אַנדערע הייל־אַנשטאַלטן, און באַזונדערס די סאַנאַטאָריומס אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, דענווער, ליבערטי, ניו־דזשוירזי — זיינען מוסטערן פון סאָציאַלער הילף.

לויט אַ באַריכט פון ניו־יאָרקער געריכט פאַר קינדער־פאַרברעכערס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז, כאָטש די יידן זיינען 27 ביז 30 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער ניו־יאָרקער באַפעלקערונג, האָבן זיי ניט מער ווי פינף פּראָצענט פון די פאַרברעכנס. דאָס זעלבע איז אויך אין אַנדערע קרימינעלע געריכטס־אָפּטיילונגען. די צאָל פאַרברעכער צווישן יידן אין דער גרויסער וועלט־שטאָט ניו־יאָרק איז גאָר נידעריק!

ווען די סאָציאַלע אָפּטיילונג פון דער יו־עו האָט געמאָלדן אין דער עפנטלעכקייט, אַז מען וועט פאַרקירצן הילף פאַר קראַנקע און שוואַכע קינ־

דער אין די נויטליידנדיקע לענדער אין איראָפּע און אַזיע, זיינען די רבנים־פאַרבאַנדן געווען פּאַקטיש די ערשטע, וועלכע האָבן קעגן דעם שאַרף פּראָטעסטירט און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די קינדער העלפן אַזוי ווי ביז איצט. ערשט שפּעטער האָבן זיך אויך אָפּגערופן די ניט־יידישע גייסטלעכע מיט אַן ענלעכן פּראָטעסט. אויך אַ גרויסע צאָל יידישע פאונדעישאָנס העלפן מיט דער אַנטוויקלונג פון אַלגעמיינע סאָציאַלע אינסטיטוציעס.

די אָרגאַניזירטע יידישע פרויען־באַוועגונג האָט באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן דאָס אַלגעמיינע סאָציאַלע לעבן פון לאַנד און די גרויסע יידישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס זיינען שטענדיק פון די ערשטע צו העלפן דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. שוין אין 1819, האָבן די יידישע פרויען רעבעקאַ גרעץ, מרס. אַראָן ליוויי און חנה ליוויי געגרינדעט אין פילאַדעלפיע דעם ערשטן פרויען־פאַרבאַנד. אין 1893 איז געגרינדעט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער קאונסיל פון יידישע פרויען דורך חנה סאָלאָמאָן; אין 1903—די 1טע יידישע פרויען־סטודענטן־פראַטורניטי; אין 1912—די „הדסה״, דורך ה. סאָלד, און אין 1925 — די „פרויען־פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע״. אין וועמענס שפּיץ עס געפינט זיך די סאָציאַלע טוערין פון די אַקאַדעמישע פרויען שרה פעדער.

אין עפנטלעכן אַמעריקאַנער לעבן זיינען גוט באַקאַנט די נעמען פון ליליען וואַלד און עמאַ לאַזאַרוס.ביידע זיינען אויף איין און זעלביקן אופן געקומען צוריק צום יידנטום, מיט וועמען זיי האָבן פאַרקניפּט אַלע זייערע שטרעבונגען און האָפענונגען ביז צום לעצטן לעבנס־טאָג. ליליען וואַלד (1867—1940) איז געבוירן געוואָרן אין סינסינעטי און האָט שטודירט מעדיצין. דורך אַ צופאַל איז זי געווען אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד, זיך באַקענט מיט דער אָרעמקייט און זי איז פון דאָרט מער ניט אַוועק. ליליען וואַלד האָט באַקומען די אונטערשטיצונג פון דזשעיקאָב שיף און זי האָט זיך געווידמעט דער סאָציאַלער אַרבעט פאַר דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג. זי האָט געגרינדעט דעם סעטעלמענט־הויז אויף דער הענרי סטריט.

אויך אין וואַשינגטאָן האָט מען זיך דערוואוסט פון ליליען וואַלדס אַקטיוויטעטן פאַר דער יוגנט און מען האָט זי צוגעצויגן צו דער סאָציאַלער אַרבעט פאַר דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. זי איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קאָנפערענץ פאַר קינדער־הילף, וואָס פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט האָט געשאַפן אין 1908. זי האָט פאַרטראָטן אַמעריקע אויף אַ רייע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פאַר קינדער־הילף, געווען פּרעזידענטין פון פאַרבאַנד פון די נוירסעס, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיטן עפנטלעכן געזונט,

ווייס־פּרעזידענטין אין פאַרבאַנד צו שאַפן בעסערע קינדער־שוץ־געזעצן. זי האָט באַקומען אויסצייכענונגען פון אַ רייע אוניווערסיטעטן און אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דער אַקאַדעמיע פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אויף איר נאָמען איז אויסגעבויט געוואָרן אַ גאַנצער קוואַרטאַל מיט הייזער פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג.

עמאַ לאַזאַרוס (1849—1887) איז פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער אָפּשטאַמונג. אירער אַן עלטער־זיידע איז נאָך געווען אין דער קאָלאָניאַלער תקופה. אויך זי האָט פריער ניט געוואוסט פון פּראַקטישן יידנטום, ביז זי האָט איינמאָל באַזוכט דעם ניו־יאָרקער האַפן און געזען ווי הונדערטער יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, מענער, פרויען און קינדער זיינען אָנגעקומען מיט די שיפן און האָבן געוואַרט מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין לאַנד. דאָס האָט אויף איר שטאַרק געווירקט און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט יידישע פּראָבלעמען. זי האָט פאַרעפנטלעכט אין „סענטשורי מעגעזין" שאַרפע אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען, איבערגעזעצט פון דייטש אויף ענגליש די אַלטע יידיש־שפּאַנישע דיכטונג און די דיכטונג פון היינריך היינע, האָט זיך געלערנט העברעאיש און איבערזעצט פון די נביאים. אין 1903 איז איר באַרימט ליד אַריינגעבויט געוואָרן אין דער סטעטשיו אָוו ליבערטי. אירווינג בערלין האָט געשריבן מוזיק צו דעם ליד און עס ווערט געזונגען אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן.

יוליאַ ריטשמאַן (1855—1912) איז געווען די ערשטע פרוי, וואָס איז געווען אַקטיוו אין דער פאָלקס־בילדונג און האָט דורכגעפירט אַ רעפאָרם אין די מעטאָדן פון קינדער־דערציאונג אין אַמעריקע. זי האָט געשאַפן דעם ערשטן עלטערן־פאַרבאַנד, ספּעציעלע שולן פאַר גייסטיק־צוריקגעשטאַנענע קינדער און ספּעציעלע אַרבעטס־פאַרמיטלונג־אַגענטורן צו שאַפן אַרבעט פאַר קינדער, וועלכע זיינען געצוואונגען איבערצורייסן זייערע לימודים און דאַרפן העלפן די פאַמיליע. פאַר אירע גרויסע פאַרדינסטן איז אַ הײ־סקול אין ניו־יאָרק אָנגערופן געוואָרן אויף איר נאָמען. זי איז אויך געווען די גרינדערין און ערשטע פּרעזידענטין פון די יידישע צענטערס פאַר מיידלעך, די אַזוי גערופענע „יאָנג ווימען היברו אַסאָסיאיישאָן".

מיר ווילן אויך דערמאָנען די יידישע פרוי ראַזיקאַ שווימער, די אינטערנאַציאָנאַלע פּאַציפיסטין, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין אונגאַרן און געפירט אין אייראָפּע אַ ברייט־פאַרצווייגטע אַרבעט פאַרן וועלט־פרידן און פרויען־רעכט. ווען עס איז אַנטשטאַנען די ערשטע וועלט־מלחמה, איז זי געקומען קיין אַמעריקע און איבערגעגעבן צום פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן אַן אינטער־

נאציאָנאַלע פּעטיציע, אַז ער זאָל ניט דערלאָזן צו אַ וועלט־מלחמה. דערנאָך האָט זי געגרינדעט אין שיקאַגאָ די „אימורירדזשענסי פּיעס־פּעדעריישאָן", וועלכע האָט אָנגעפירט אַ פרידנס־קאַמפּעין אין אַמעריקע. ראָזיקע שווימער האָט באַקומען אַ וועלט־פּריז פאַר שלום. סופרים קאָורט ריכטער האָלמס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט איר פרידנס־אַרבעט און ער האָט זי איינציקע מאָל צו זיך איינגעלאַדן. זי האָט איבערגעגעבן אַ גרויסע צאָל ביכער פון אַן אומגע־הויערן ווערט, צו דער פּאַבליק לייברערי.

ד"ר מיכאל געפּנער, אַ געבוירענער אין גאַליציע, איז אין עלטער פון 10 יאָר בלינד געוואָרן דורך אַן עקסידענט. ער האָט אָבער זיין מוט ניט פאַרלאָרן. מען האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ ווינער שול פאַר בלינדע. דאָרט איז ער געוואָרן אַ לערער פאַר בלינדע. דערנאָך האָט ער געלערנט אין ווינער אוניווערסיטעט און פאַרענדיקט מיטן דאָקטאָר־טיטול. ד"ר געפּנער האָט באַשלאָסן צו ווידמענען זיין לעבן די אינטערעסן פון די בלינדע. ער איז אַוועק קיין בערלין, געשאַפן אַ גרויסע ביבליאָטעק פאַר די בלינדע איבער דער גאַנצער וועלט. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט איז די ביבליאָטעק געבראַכט געוואָרן קיין לאָנדאָן.

זייט 1940 איז ער אין אַמעריקע. ער רופט צענויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן פאַר בלינדע. ער האָט דערפונדן אַ יידישע ברעיל־שריפט, אי־בערגעזעצט דעם תנ"ך, ער איז אַן אַקטיווער טוער אין דעם יידישן ברעיל־אינסטיטוט אין אַמעריקע, וואו ער פירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אין 1950 איז ער געווען אין פּאַריז אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ צו העלפן בלינדע איבער דער גאַנצער וועלט.

אַרין לעהמאַן, אַ מיטגליד פון דער באַקאַנטער באַנקירן־פאַמיליע לעה־מאַן, וועלכער איז פאַרקריפּלט געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען אַן אַרטילעריע־אָפיציר, שטייט אין דער שפּיץ פון אַן אינסטיטוציע צו העלפן פאַרקריפּלטע. העכער 10,000 האָבן באַקומען באַ־שעפטיקונגען און מאַכן אַליין דורך זייער לעבנס־עקזיסטענץ, ניט דאַרפנדיק אָנקומען צו וועמען עס איז. בערנאַרד באַרוך, הערבערט לעהמאַן און בערנאַרד גימבעלס זיינען פון די טראַסטיס.

די פעדעראַציע פון די 116 סאָציאַלע אינסטיטוציעס אין ניו־יאָרק האָט געהאַט איר ערשטע הילף־אָרגאַניזאַציע שוין אין 1822. אין 1874 איז גע־לייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ מאָדערנער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע פון די עקזיסטירנדיקע קערפּערשאַפטן. אין 1917 האָבן זיך געפונען 91 איב־

סטיטוציעס און אין 1944 איז פאַרגעקומען אַ פאַראייניקונג פון אַלע 116 אינסטיטוציעס אין און אַרום ניו־יאָרק, וועלכע באַהאַנדלט יערלעך אַרום אַ האַלבן מיליאָן הילף־באַדערפטיקע, יידן ווי ניט־יידן.

די צען יידישע שפיטאָלן באַהאַנדלען 25 פּראָצענט פון די קראַנקע, וואָס באַקומען זייער הילף אין אַלע 71 ניו־יאָרקער שפּיטאָלן. די יידישע שפּיטאָלן זיינען, ווי אַלע אַנדערע גרויסע יידישע שפּיטאָלן איבערן לאַנד — וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען אַנגעשלאָסן אין אַ רייע מעדיצינישע קאָלעדזשעס און פאָרשונג־אַנשטאַלטן.

דזשאָן, דער זון פון מאָרטימער און איניקל פון דזשייקאָב שיף, שטייט אין דער שפּיץ פון דער אַמעריקאַנער באָיסקאַוט באַוועגונג, וואָס האָט אומגעהויערע גרויסע פאַרדינסטן, ניט נאָר אין זייערע אַלגעמיינע אויפגאַבן פון שאַפן אַ דעמאָקראַטיש געזונטע יוגנט מיט גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן, נאָר אויך אין דעם, וואָס עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן העכער 15,000 קריפּלס און בלינדע יינגלעך און מיידלעך און זיי זיינען די „רירעוודיקסטע סקאַוטן" אין לאַנד.

עס זיינען פאַראַן 300 אָפּטיילונגען ספּעציעל פאַר קריפּלס, בלינדע און אַנדערע קאַליקעס, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אַמעריקע און זיי טוען די אַרבעט אויפן בעסטן אופן. בלינדע אין ניו־יאָרק און אין שיקאַגע האָבן ביי פאַרשיידענע פאַרמעסטן באַזיגט די זעענדיקע. די סקאַוטינג באַקעמפט דעם פּאַראַזיטישן טייוול אין די פאַרשיידענע קראַנקייטן און שאַפט ווילן צום לעבן און אַרבעט. אין אַלגעמיין זיינען פאַראַן אַ מיליאָן אַמעריקאַנער סקאַוטן, צווישן זיי אויך 50 טויזנט יידישע קינדער.

דער איינפלוס פון דער יידישער מאראל

באלד אין דעם אריינפיר איז שוין אנגעוויזן געווארן, אז די ביבלישע פרינציפן פון פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט האבן שטארק באאיינפלוסט די גרינדונג פון די ניי־ענגלישע קאלאניעס און דערנאך די פאראייניקטע שטאטן, די דאזיקע פרינציפן זיינען אויך געווארן די פונדאמענטן פון דער אמעריקאנער עפנטלעכער מאראל.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וועט זיין אינטערעסאנט צו ברענגען אייניקע פאקטן, וועלכע וועלן אילוסטרירן דעם גרויסן אינטערעס, וואס עס איז פאראן אין דעם אמעריקאנער פאלק צו די מאראל־עטישע שאפונגען פון דער יידישער רעליגיע.

קודם כל וועגן דער יידישער טשאטאקווא אינסטיטוציע. אין א קליין שטעטל טשאטאקווא, אין ניו־יארק סטעיט, קומען זיך צונויף אמעריקאנער געלערטע, אין פארלויף פון די זומער־חדשים און זיי באשעפטיקן זיך מיט גייסטיקע פראבלעמען. מיט 60 יאר צוריק, אין 1893, האט זיך געשאפן אן ענלעכע יידישע אינסטיטוציע, וואס רופט זיך די יידישע „טשאטאקווא סאסייעטי", און האט זיך געשטעלט די אויפגאבע, צו פארשפרייטן דורך קארעספאנדענץ, יידיש וויסן צווישן דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

אין יאר 1910 האבן פאראנטווארטלעכע באאמטע אין וואשינגטאן געמאכט א פארשלאג, אז די זעלביקע אינסטיטוציע, זאל שיקן רעפערענטן אין די אמעריקאנער קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, כדי צו באקענען די קריסטלעכע סטודענטן און פראפעסארן מיט די גרונט־פראבלעמען פון תנ"ך, רעליגיע, היסטאריע א. ד. גל.

דער דאזיקער עקספערימענט האט געהאט א ריזיקן דערפאלג. די ארבעט האבן איבערגענומען די רעפארם־טעמפלס און אין 1951 האבן העכער 300 ראבאיס און אלגעמיין יידישע געלערטע, באזוכט 840 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן און אויך ארום 200 ריין־קריסטלעכע זומער־קעמפס און דארטן אפגעהאלטן רעפעראטן, סימפאזיומס און דיסקוסיעס, וועגן א רייע יידישע פראבלעמען פון תנ"ך, רעליגיע, היסטאריע א. ד. גל. וועלכע זיינען

שטאַרק באַזוכט געוואָרן. עס ווערט געשאַצט, אַז אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן אַליין, זיינען די אונטערנעמונגען באַזוכט געוואָרן פון העכער צוויי הונדערט טויזנט סטודענטן און פּראָפעסאָרן.

אויסער דעם זיינען אויפן וואונטש פון 14 אוניווערסיטעטן, ביי זיי איינגעאָרדנט געוואָרן פּערמאַנענטע קורסן פון דער יידישער רעליגיע, תנ״ך און עטיק און העכער צוואַנציק טויזנט ביכער פון יידישן אינהאַלט זיינען צעשיקט געוואָרן צו די ביבליאָטעקן פון 550 אוניווערסיטעטן.

אַן ענלעכע וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער עפנטלעכער מאָראַל, האָבן אויך די אונטערנעמונגען פון דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון קריסטן און יידן. זייערע יערלעכע „וואָכן פאַר ברידערלעכקייט״ צווישן קריסטן און יידן, זיינען שוין געוואָרן נאַציאָנאַלע איינריכטונגען, 65 אָפּטיילונגען איבערן לאַנד, פירן דורך ברייטערע אַקציעס, וועגן באַקעמפן דיסקרימינאַציעס אין פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע צווייגן און זייערע אַקטיוויטעטן נעמען אַרום אַ גרויסע צאָל שיכטן און קרייזן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. בלויז אין יאָר 1950 האָט די פּראָפּאַגאַנדע געקאָסט אַן ערך צוויי מיליאָן דאָלער. די פירער פון דער געמישטער קערפּערשאַפט פון קריסטן און יידן, ווייזן אָן, אַז אין אַמעריקע עקזיסטירט בכלל ניט וועלכע עס איז „יידישע פּראָבלעם״, די יידן זיינען אַזעלכע אַמעריקאַנער בירגער ווי קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן. יעדער האָט זיך זיין רעליגיעזע איבערצייגונג, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן די זעלביקע רעכט און פליכט צו דער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

אין זעלביקן זין איז אויך טעטיק דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, וועלכער רופט צונויף, פון צייט צו צייט, סעמינאַרן און קאָנפערענצן פון געלערטע פון פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּירונגען כדי צו פאַרשטאַרקן די מאָראַלישע און גייסטיקע ווערטן אין לאַנד. דער פּרעזידענט פון טעאָלאָגישן סעמינאַר, פּראָפעסאָר לואיס פינקעלשטיין, האָט עס געמאַכט פאַר זיינס אַ לעבנס־אויפגאַבע, צו וועקן דאָס געוויסן פון אַמעריקאַנער פאָלק, כדי צו באַשיצן די מאָראַלישע און גייסטיקע ווערטן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

אויך דער סטעיט דעפּאַרטמענט האָט געשאַפן אַ קאָמיטעט פון רעליגיעזע פאַרטרעטער, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיטן אָנפירן אויפקלערונגס־אַקציעס איבער דער וועלט, וועגן די מאָראַלישע און גייסטיקע ווערטן פונם אַמעריקאַנער פאָלק. אין קאָמיטעט באַטייליקט זיך אויך קאַפּיטאַן יהושע גאָלדבערג, דער יידישער הויפּט טשעפּלעין פון דער נעיווי, וועלכער פירט

אויך אָן מיט דער גייסטיקער אויפזיכט איבער די מאַטראָזן פון די אַנדערע אמונות.

די סאַדערן־קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט ביבליאָטעק האָט אין 1953 דורכגעפירט אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אַריינבאַקומען אַ זאַמלונג פון דרייצן הונדערט גרויסע ווערק און פאַמפלעטן פון און וועגן דעם גרויסן יידישן פילאָסאָף ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער האָט געלעבט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אין האָלאַנד.

אין אַ ריי גרעסערע שטעט געפינען זיך ספּעציעלע שפּינאָזאַ־פאַר־באַנדן, וועלכע פאַרשפּרייטן זיינע אידייען פון מאָראַל און עטיק.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, איז וויכטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף אַ זאַמלונג פון גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, אונטער דעם נאָמען „ישראלס שליחות" און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אָקספאָרד אוניווערסיטעט (ענג־לאַנד) אין יאָר 1927, פון דרייצן ענגלישע פילאָסאָפן און העכערע גייסט־לעכע, וועגן דעם גרויסן איינפלוס פון תנ"ך און פון דעם יידישן געדאַנק אויף דער אַנטוויקלונג פון קריסטנטום, איסלאַמיק, פוריטאַנער באַוועגונג, אויף די געזעצן, פילאָסאָפיע, דיכטונג, ליטעראַטור און בכלל אויף דער מאָדערנער וועלט־ציוויליזאַציע.

מיט 50 יאָר צוריק, ווען עס איז אין וואַשינגטאָן געפייערט געוואָרן דער יובל פון 250 יאָר יידן אין אַמעריקע, האָט פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט עפנטלעך דערקלערט, אַז די יידן אין אַמעריקע האָבן מער געטאָן פאַר אַמעריקע וויפל עס איז געווען זייער חלק. אין די ביז־איצטיקע דערקלערונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן פון פּרעזידענט דוואַיט אייזענהאַוער צו פאַר־שיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט ער אויך אָנגעוויזן אויף דער פילפאַכיקער אַקטיווער באַטייליקונג פון די יידן, סיי אין די פרייהייטס קאַמפן און סיי אין אויפבוי און אַנטוויקלונג פון ווירשאַפטלעכן און גייסטיק־וויסנשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד, וואָס האָט פיל, פיל, איבערגעשטיגן זייער פּראָפּאָרציע לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון אַמעריקע.

אין קאַמף פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע

חיים סאַלאַמאָן

גענעראַל מאָריס ראָוז



אַדמיראַל לואיס ל. שטראַוס

מאיר לעווין

אין עפנטלעכן לעבן


אָסקאַר שטרױס

בערנאַרד מ. באַרוך

הערבערט לעהמאַן


הענרי מאָרגענטאַו

אין סופרים-קאָורט

לואיס ד. בראַנדעיס



בענזשאַמין נ. קאַרדאָזאָ



פעליקס פראַנקפורטער

לואיס מאַרשאַל

פינאַנצן אוןווירטשאַפט



דושעקאָב שיף

דניאל גוגענהיים

דזשוליוס ראָזענוואַלד



אַדאָלף אָקס

אין דער וויסנשאַפט



אַלבערט איינשטיין



דר. סאַימאָן באַרוך



זלמן אברהם וואַקסמאַן

אַלבערט מייקעלסאָן

אין דער אַרבעטער-וועלט

מאיר לאָנדאָן

סעמיועל גאָמפּערס



דעיוויד דובינסקי

סידני הילמאַן

אין דער קונסט-וועלט

דעיוויד סאַרנאָף

שאול ראַסקין

עדי קענטאָר

מישאַ עלמאַן

אין דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג

הענריעטאַ סזאָלד

ליליען וואלד



עמא לאזארוס

נעיטען שטראַוס